STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07918

UZBEKISTAN

Melech Ciemny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלך טשעמני

אוזבעקיסטאן

טיפן און בילדער

מינכען, 1949

UZBEKISTAN

Stories and Sketches

by
Melech Ciemny
MUNICH

Copyright, 1949, by Autor

ארויסגעגעבן דורכן מחבר אין צוויי טויזנט עקזעמפלארן

אינהאלט

	זייט
פאָרוואָרט — — —	5
ווינטערוויבן — — —	9
ביים וואָקזאַל — — —	53
די „ברויט־שטאָט" — — —	57
וואַנדערנדיקע — — —	71
קאָרא־קול — — —	79
מאַלאַריע — — —	119
אויפן „כודזשום" — — —	139

פ א ר ו ו א ר ט

די קאפיטלען פון דעם בוך זיינען געשריבן געווארן אין מינכען, אין די יארן 1946 — 48. דער רוב פון זיי זיינען געווען געדרוקט, אין פארזעצונגען, אין די שארית־הפליטה־צייטונגען: „דאס ווארט“, „אונדזער וועג“. צוליב דער קורצקייט פון א טייל קאפיטלען, האט דער מחבר זיי ניט באצייכנט מיט קיין איבער־קעפלעך, נאר אוועקגעשטעלט ביי איטלעכן א * , וואס דארף אפטיילן איין קאפיטל פונעם צווייטן. איטלעכס קאפיטל, ספע־צ׳על אין דער אנדערער העלפט פונעם בוך, לייענט זיך, ווי א באזונדערער אינהאלט, אומאפהענגיק פונעם פריערדיקן טייל. און דאך, זיינען אַלע קאפיטלען געבונדן צווישן זיך, ווייל דער הויפט־העלד טראגט דעם זעלביקן נאמען פונעם ערשטן ביזן לעצטן זייטל.

וואלף, הייסט ער, דער הויפט־העלד. ער האט געקענט הייסן אויך אן אנדערן נאמען, א י י ד י ש ן נאמען, איינעם פון די, וואס האבן געווארעמט זייערע פון סיביר־דורכגעפרווירענע ביינער אונטער דער אוזבעקישער זון. צופעליק הייסט ער וואלף. און צופעליק האט דער מחבר פארטראכט צו פארפיקסירן די טעמע „אוזבעקיסטאן“. ווייל דער מחבר איז דארט געווען, אין דער זוניקער אזיע, פארברענגט דארט די יארן 1941 — 45. האט ער פארצייכנט דאס, וואס ר׳האט געזען. א צופעליקייט פאר אזא איינעם, וואס זוכט טעמעס, ניט מער.

דער מחבר, ביים שרייבן די קאפּיטלען, איז ניט אויסן גע־וועןֿ, פּ א ל י ט י ש, צו קריטיקירן דאס, וואס דער שלימזלדיקער וואלף האט ניט געקענט געפינען קיין מקום־מנוחה אויף דער אוזבעקישער ערד. ס׳אייגענע האט געקענט טרעפן — און ס׳האט געטראפן — מיט אזא איינעם, אין אלע וועלט־עקן, וווהין עס האט אים פארווארפן די שווידערלעכע מלחמה — א מלחמה, וועלכע איז אריין טיף אין די עצמות פון אזעלכע יידישע, איינ־זאמע יחידים.

און דערפאר אויך וועלן, ממילא, בטל ווערן די טענות פון אזעלכע, וואס האבן דווקא געוואלט, אז דער מחבר זאל פאר־צייכענען זיינע זעאונגען דורכאויס מיט כראניק־לשון, ווי עס טאן דאס, אין די לעצטע יארן, די זכרונות - שרייבער, וועלכע האבן איבערגעלעבט דעם חורבן.

דער מחבר איז אויסן געווען, ווי ווייט מעגלעך, ק י נ ס ט־ל ע ר י ש, מיט הומאריסטישער באפארבונג, צו פאראייביקן יענע טיפן, וועלכע האבן — ניט וויכטיק צוליב וועמענס שולד — זיך געדרייט, חדשים, יארן, אויף א בלאטיקן באדן, ניט - קענענדיק פון דארט ארויסקריכן. גלייכצייטיק, וועט דער לייענער זיך אנ־שטויסן אויף געוויסע טיפן, יידישע טיפן, פונוועלכע דער מחבר חוזקט, ווייזט זיי אין זייער לעקישעוואַטעקייט, לפנימדיקייט, וואס קומט־ארויס בולט, אויף פארשידענע אופנים, לגבי דעם אומבאַ־האלפענעם וואלף, לגבי די צענטליקער וואלפס, וועלכע האבן געדארפט אנקומען צו זייער הילף.

און דעם מין טיפ האט מען געקענט טרעפן אין אלע וויג־קעלעך, ווו עס זיינען פארווארפן געווארן יידן, ארויסגעריסענע פון זייערע היימען. אויף איין ארט איז ער געווען שעדלעכער, ווי אויף א צווייטן, געהאט מער מאכט. נאר זיין פרצוף האט זיך געצייכנט אומעטום מיט די זעלביקע צייכנס.

די צייט איז שוין געווען אזעלכע — א מלחמה־צייט, א קאניוקטור־צייט — ווו ס׳איז געווען שווער פארצוזען, ווי לאנג זי וועט זיך ציִען. טייל זיינען געווען זיכער, אז אייביק וועט עס שוין זיין אזוי, עס וועט זיך ניט ענדערן און טייל — „כל זמן עס לאזט זיך דארף מען אריינכאפן". דער געליטענער איז דווקא

ארויסגעקומען דער שלימזל, וועלכער האט זיך ניט געקענט אריינפאסן אין דער דאזיקער צייט. דערפאר האט ער ניט ארויס־גערופן קיין רחמנות. ער האט זיך געפלאנטערט אין זיין הילפ־לאזיקייט, זיך געפלאנטערט, געפאלן און עפעס א נס האט אים צוריק אויפגעהויבן, ארויסגעפירט אויף דער לעבעדיקער אויבער־פלאך.

„מען דארף וויסן, ווי צו לעבן".

און טאקע די דאזיקע, וואס „וויסן", וואס זיינען ארויסגע־קומען פון אלע מיני גיהנום — זיי האבן געפריידיקט דארט טריי־הייט צו י ע נ ע ם, דא טרייהייט צו ד ע ם. און אין אלע פאלן, בייטנדיק, ווען ס'איז נייטיק, זייער קאַניוקטור־פרצוף, בלייבן זיי ז י ך א ל י י ן טריי, טריי זייער אייגן מגושמדיקייט, וואס האט ניט אין זיך קיין שום אידיי.

דאס איז אויסן געווען דער מחבר, צו באווייזן אין זיין „אוזבעקיסטאן" און דאס וועט דער לייענער געפונען אין א גע־וויסן טייל קאפיטלען. און אפילו דארט, וו דער א"ד טיפ קומט ניט ארויס, געפינט ער זיך אויך ערגעץ אין א הינטערקוליסן, וואס דער מחבר האט אים ניט געקענט ארויסברענגען צוליב פארשידענע סיבות, סיבות, וואס וואלטן דא, אדער דארט, זיך אריינגעגנבעט אינעם שרייבערס כוונה — ניט אפצווייכן פון זיין אנגעצייכנטן וועג: אויסצומיידן די כראניקארטיקייט, וועלכע וואלט דערנאך געווארן אויסגעטייטשט, פון פארשידענע „קריטי־קער" אויף פארשידענע אופנים.

*

דאס בוך איז געווארן געשריבן אין מינכען, אין דייטשלאנד, אין די יארן, ווען דער שארית־החורבן איז געזעסן אין דייטשע לאגערן.

ווי מיר זיינען געווינט צו לייענען ביי געוויסע מחברים, וואס פארעפנטלעכן זייערע שאפונגען, געפונען מיר נאנט פונעם שער־בלאט אייניקע דאנק־שורות, געווידמעט דעם אדער יענעם, וואס האט געהאלפן דעם מחבר ארויסגעבן זיין בוך.

אין דעם פאל „אוזבעקיסטאן", שענקט ניט דער מחבר קיי־נעם קיין שבחים, ווייל קיינער האט אים ניט געהאלפן ארויס־

געבן זיין בוך. אזוי איז טאקע גלייכער. אָן שותפים. דעריבער געהער דער גאנצער ריווח דעם מחבר. און אויב וועט זיך גע־פונען אימעצער א קריטיקער אזא, אדער סתם א קנאי — וואס וועט וועלן צושטיין צו שותפות — בעט אים דער מחבר, אז ער זאל לאזן במנוחה, ווייל — סייג לחכמה... דערמיט, וואס א גע־וויסער מין „קריטיקער" וועט שווייגן, וועט ער ברענגען זיך אליין כבוד און כבוד צו זיין סביבה אין דער שארית־הפליטה...

לסוף :

א דאנק צו פריינט־שרייבער, אין אמעריקע און ישראל, פאר זייערע דערמוטיקונגס־בריוועלעך אין שווערע, נסיונותדיקע שעהן.

*

„אוזבעקיסטאן" איז געווידמעט די קברים־בערגלעך, אין אוזבעקיסטאן, אונטער וועלכע עס רוען די ביינער פון יידן־קדושים, פארוואָרפענע דורך דער היטלער־חיה אין די שווידער־לעכע יארן 1939 ־ 1945.

אויך פאר די מארטירער דארף מען מאכן א „יזכור".

מינכען, מערץ, 1949.

דער מחבר

ווײַנטרויבן

קאַפּיטל איינס

שיע האָט באַשלאָסן, ניט צו אַרבעטן אין די „הייליקע טעג״. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען אינעם קליינעם פּוילישן שטעטל און אַזוי דאָ — אינעם גרויסן אונ־בעקיסטאַן, ביים רייסן ווײַנטרויבן. ימים־נוראים ציטערט אַ פיש אין וואַסער; בפרט ער, אַ מענטש, וואָס מוז אָפּגעבן חשבון, מאַכן אַ סך־הכל פון אַ יאָר לעבן. און זאָל זיין, וואָס עס וויל זיין: שיע וועט ניט מחלל זיין דעם טאָג פון ראש־השנה, וועט ניט אַרבעטן אינעם טאָג פון יום־כּיפּור. בשעת־מעשה האָט ער געטרייסלט מיט זיין רויט בערדל, מיט זיין נאָז און באַקן, וועלכע, אַלע צוזאַמען, האָבן אויסגעדריקט תמימות, אַנטשלאָסנקייט.

דערמיט האָט אויך מסכים געווען וואָלף, זיין פּאַרטנער ביים רייסן ווײַנטרויבן אינעם סאַד, וואָס האָט זיך געפינען אין יאַנגי־יול, אויף דער אוזבעקישער ערד.

ניט דערפאַר. וואָס ער, דער אויסגעטריקנטער. פאַרדאַרטער וואָלף, האָט גע־ציטערט אין די דאַזיקע טעג פאַר דעם חשבון, וועלכער ווערט אים צוגעגרייט אויבן, אין הימל, נאָר פּשוט — אָפּרוען עטלעכע טעג זיין פאַרמאַטערטן גוף, אויס־רוען די אויגן פונעם שטויב, וועלכער שיט זיך אין זיי אַ גאַנצע וואָך פון צווישן די צווייגן ביים רייסן די ווײַנטרויבן.

— וואָרום. פאַרשטייט איר מיך, רב יהושע — האָט ער אייננעטענהט מיט זיין חבר, ווען ער האָט ניט „גערוצט״ צוליב זיין באָרד־ און פּאות. וועלכע האָבן פאַרדעקט דעם קנאָכיקן קין אויף זיינע באַקן — די מעשה איז אַזעלכע, רב יהושע: אַרבעטן, זאָגן זיי? גוט. אָבער מער, ווי דעם „פּאַנאָס״ האָבן מיר דאָך ניט פון דער אַרבעט...

— רעד ניט קיין שטותים, וואָלף — האָט שיע געטרייסלט די האָר אויף זיינע באַקן — זיי אַ חכם און שווייג.

— פאַרוואָס־זשע ווילט איר ניט אַרבעטן אין די ימים־נוראים, הע, רב יהושע?
— דערפֿאַר, ווייל מען טאַרניט און שוין.
— און דעם „פּאַנאַס“ מעג מען יאָ באַקומען?
— ווער בעט דיך דען, עיקוש דו איינער. פֿאַרדריי מיר ניט דעם קאָפּ מיט דיי־נע דברים בטלים!

שיע איז געזעסן ביי אַ שווער אויף קעסט אין פּוילן דער מדינה, אין אַ שטעטל נעבן דער ווייסל. אויף ימים טובים האָט ער געפֿלעגט פֿאָרן צום רבין קיין גער, גע־פֿאָרן, כדי צוריקצוקומען צום שווער און ווייטער זיצן אויף קעסט.

וואָלף האָט אויף די גאַסן פֿון פּוילנס רעזידענץ אויסגעטראַכט דעם סוד פֿון מענטשס דאָ־זיין, דעם טעם, פֿאַרוואָס ווערט דער מענטש גערופֿן מיטן נאָמען — מענטש. וואָרום, מענטש מיט מענטשלעכקייט — לויט זיין באַנעמונג — פֿאָרן זיך בכלל ניט, האָבן ניט קיין שום שייכות. דער מענטש איז שלעכט — צו אַזאַ מסקנה איז ער געקומען.

איצט ליגן זיי ביידע צווישן די טרויבן־הענגערס אינעם גרויסן סאָד, וואָס גע־פֿינט זיך הינטערן אוזבעקישן שטעטל, יאַנגי־יול.

— מילא, אין די ימי־חול — קוועטשט שיע זיינע פֿאַרשטויבטע אויגן־ווייעס — איז דינא דמלכותא. פֿאַרפֿאַלן. אָבער אין די ימי־קודש, איז — לא זז; ווער ער ניט אַרבעטן; — קידוש השם.

וואָלף איז מסכים מיט די דאָזיקע אויספֿירן פֿון זיין חבר, נאָר ער ניט־צו:
— חוץ, וואָס דער מענטש האָט אַ חוב צו גאָט, מוז ער אויך האָבן אַ חוב צו זיך אַליין, צום מענטש, וואָס זיצט אין אים, אין דעם מענטש גופא.
— וואָס ווילסטו דען זאָגן דערמיט? — איז שיע טשעקאַווע צוווּסן.
— איך וויל זאָגן, אַט־וואָס: אַז דער „פּאַנאַס“ איז זייער אַ מיאוסע חולאת; אַז דעם „פּאַנאַס“ באַקומט מען פֿון רייסן ווייַנטרויבן, פֿון עסן ווייַנטרויבן אָן ברויט; און אַז די דאָזיקע חולאת פּטרט דעם מענטש, פּטרט דעם צלם־אלהים, וואָס דער מענטש האָט גענומען אויף זיך...
— דאָס, וואָלף, זעסטו שוין, איז ליצנות געמישט מיט אַפּיקורסות; און אַזעל־כעס קען איך ניט הערן, ניין, וואָלף, כ׳קען ניט...

*

ווייַנטרויבן זיינען פֿאַראַן פֿאַרשידענע. עס זיינען פֿאַראַן ווייַנטרויבן ווי ווייַ־בערשע פֿינגער — לאַנג און פּוכקע און ווייַנטרויבן — קליינע, שוואַרצע, פֿון וועל־כע מען מאַכט וויין, ווייַן ממש. אויך זיינען דאָ ווייַנטרויבן מיט קערעלעך און

ווייַנטרויבן אָן קערעלעך; אַזעלכע, פון וועלכע עס ווערט וואַסערדיק אין מויל, ווען מען דערמאָנט זיי און אַזעלכע, וואָס לאָזן איבער אַ זויערן געשמאַק אונטער דער צונג, נאָכן עסן זיי.

הכלל, ווייַנטרויבן זייַנען פאַראַן פאַרשידענע.

דאָס דאַזיקע האָט אָבער וואָלף ניט געוווּסט. פאַר אים איז גענוג געווען צו הערן בלויז דאָס וואָרט — ווייַנטרויבן און ניט וועלן אַפילו טראַכטן: פון וועלכע מען באַקומט אַ „פּאַנאָס" און פון וועלכע ניט. וואָרום, אינדערעמתן, געהער דאָס מין ווייַנטרויבן צו יענער פרי, וואָס מאַכט אַ שלעכטן מאָגן, אויב מען עסט זי צו פיל, בפרט, אַז מען וויל אויספּילן מיט איר דעם פּלאַץ, וועלכער געהער צו אַ שוואַרצן ברויט־רעפט.

האָט וואָלף אויך דערפון ניט געוווּסט.

דערפאַר טאַקע, אַז שיע האָט געבראַנגט זייַנע קרוב צו דרייסיק יאָר אינם סאָ־אַריין, זיי אַוועקגעלייגט אויף אַ בינטל קאַמיש נעבן וואָלפן, האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער שכן זייַנער קרעכצט, האָט טענות צו דער וועלט. ווייַנטרויבן, דאָס איז אַן איידל חפץ, אַ זאַך, וואָס איידלט־אויס דעם מענטש — אַ רפואה פאַר קינדער און דערוואַקסענע. פאַרוואָס־זשע דרוקט ער מיט די הענט אויפן בויך, וואָלף? זאָל ער אַרויסגיין אין סאָד, נעמען עטלעכע ווייַנטרויבן אין מויל...

— איר זענט אַ שוטה, רב ייד — האָט אים וואָלף דאָן געענטפערט — פון עסן צופיל ווייַנטרויבן באַקומט מען דעם „פּאַנאָס"...

— דעם וואָס? — האָט שיע דאָן ניט פאַרשטאַנען.

— דעם יאָ, דעם לויזן מאָגן — האָט אים וואָלף אויפגעקלערט — און דאָס האָב איך איצט.

טאַקע דעמאָלט איז שיע געוואָר־געוואָרן פון וואָלפן, אַז עסן צופיל ווייַנטרויבן, בפרט ווען דער מאָגן איז ליידיק, טאָר מען ניט. אויך — אַז די אַרבעט, ביי רייסן ווייַנטרויבן, איז ניט אַזוי־לייכט, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט.

— אַז מען פאַרלירט אַלץ אויף זיך און פון זיך — האָט וואָלף איינגעגראָבן זייַן פּנים אין אַ בינטל ברודיקער וואַטע.

און צומאָרגנס איז שיע אַרויס, צוזאַמען מיט וואָלפן, רייסן ווייַנטרויבן.

ליגט דער הימל אַ צעברעקלטער אויף דעם צווייגן־דעכל, וואָס באַשיצט פון דער זון דעם זאַמדיקן וועג, אויף וועלכן עס לויפן מיט קוישן ווייַנטרויבן יונגע בחורים און מיידלעך.

זיצט אויף אַ בערגל שיע מיט אַ רייס־צוואַנג אין דער האַנט, פּאַטשט מיט די ליפּן נאָך אַ „שהחיינו", וואָס ער האָט געמאַכט איבער אַ וואַרעם הענגל ווייַנטרויבן.

און די זון וואַרפט הייסע פלעקן אויף נאַקעטע אַקסלען און הענט, ברייט סכּ־גותדיק מיט צעפּאַרעט זאַמד אויף בראַוועסע פּיס.

ס'איז מיטן זומער אין אוזבעקיסטאַן — צעגליטע פּרימאַרגנס, שרפהדיקע נאָכמיטאָגס.

זיצט ער, שיע, אינם שאָטן פון טרויבן־שטאַנגען, שמועסט מיט וואָלפן, וועל־כער וואַרפט זיך קענגאיבער צווישן די צווייַגן.

אַזוי יעדן טאָג.

עס אַרט אים ניט, שיען. זיך צוגעוווינט. איבער די כּחות וועט ער ניט אַר־בעטן, גיין, ער וועט ניט.

און דאָרט, ביי דער גרויסער וואַג, וווּ מען וועגט די קוישן מיט ווייַנטרויבן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט פון יעדע ריי, פעלן די נעמען פון שיען מיט וואָלפן, איז ניט פאַרשריבן די צאָל, וויפל זיי האָבן אָפּגעריסן היינט און נעכטן.

פאַרוואָס?

דערפאַר, ווייַל, אויב ביז נעכטן האָבן זיי ביידע יאָ געבראַכט אַ העלפט, וויפיל מען דאַרף ברענגען צו דער וואַג, האָבן זיי פון נעכטן אָן שוין דאָס אויך אויפגע־הערט צוצושטעלן.

ס'איז סליחות־טעג. ימי תּשובה. שיע זיצט אַ פאַרדבקהטער צווישן די צווייַגן, ווישט זיין רויט בערדל פונם שטויב, גלעט די פאַרוואַקסענע גאָמבע מיט התלהבות:

ימים נוראים.

און וואָלף, קוקנדיק אויף שיען, מאַטערט דעם מאָגן אונטער די שווערע בונטן ווייַנטרויבן. פון צייט־צו־צייט, בייסט ער איין די ציין אין אַ הייס בינטל אַזאַ, שיילט עס אַרום פון די שטענגלעך:

דער „פּאַנאָס", ווי נעכטן געווען, אַזוי איז ער היינט אויך.

דאַרף מען אָפּרוען.

רוען זיי ביידע, שיע מיט וואָלפן, פאַרשטעקט די קעפּ צווישן ווייַנטרויבן, גרוי־סע און קליינע, איטלעכער פאַרטאָן אין מחשבות — איינער, וועגן אַ מיאוסער חולאַת, וואָס ליגט אים טיף אין מאָגן און דער צווייטער—ראש־השנה קומט־אָן ימי־תּשובה: טעג פון חשבון הנפש —

און ווו זאָל ער מאַכן דעם חשבון? אָטאָ דאָ, אין אוזבעקיסטאַן?

קאפיטל צוויי

תשובה טאָן קען מען אומעטום: אין אַ גרוב צווישן לייבן, אין די געדערעם פון אַ פיש, — אַזוי איז געווען אַמאָל מיט דניאלן, מיט יונהן און דאָס אייגענע האָט געטראַכט איצט שיע — אָט אָ דאָ, צווישן די צווייגן, אָפּצוריכטן די ימי=תשובה.

קייקלט זיך אַ וואָגן אויף הויכע רעדער איבער אַ לאַנגן זאַמדיקן וועג. ווייגט אַן אייזל מיט אויסגעגלאָצטע אויגן צו דעם קיילעכיקן שניי=באַרג, וואָס רינגלט אַרום אוזבעקישע וואַטע=פעלדער. און אויבן, אויף אייזלס רוקן, טרייסלט זיך אַן אָנטרייבער, אַרויסלאָזנדיק פון זיך משוגעדיקע קולות:

— העי, אוזום בער=מעעע!

די דאָזיקע קולות זייגען געשיקט אין דער ריי, ווו עס זיצט שיע, וואָלף, אין דער ריי, ווו שווערע טרויבן=שטאַנגען בריען זיך אונטער דער זון, טריקענען, וואַרטן אויף אַ האַנט, וואָס זאָל זיי אָפּשניידן פונעם פאַרדאַרטן צווייגל.

טראַכט שיע:

וואָס זאָל ער ענטפערן דעם דאָזיקן שרייער? — אַז קיין ווייַנטרויבן רייסט ער ניט און וועט ניט רייסן; שוין לאַנג פאַרוואָרפן די רייס=צוואַנג און פון צווישן די צווייגן וועט ער ניט אַרויסקריכן, ניין, בשום=אופן ניט. לויט זיין חשבון דאַרף הייַנט זיין ראש=השנה. און אפשר איז גאָר נעכטן געווען. און אפשר מאָרגן. אַלצאיינס. הייליקע טעג. ער איז ניט מחויב אָפּצוגעבן קיין חשבון דעם דאָזיקן שרייענדיקן רופער; — אַ חשבון פאר דעם, וואָס אין הימל, אַ מחילה בעטן פארן עבר און אַ ישועה אין עתיד — דערמיט איז ער איצט פארנומען, אָט אָ דאָס גרייט ער איצט צו.

און דאָרט, אויפן שמאָלן, לאַנגן וועג, שטייט דער אָנטרייבער אויפן אייזלס כאָמוט, וואַרפט זיינע בליקן טיף = טיף אין דער ריי, וואַרט אויף אַן ענטפער פון די ווייַנטרויבן = רייסער, איז טשעקאַווע צוויסן, פאַרוואָס זיי ברענגען ניט זייערע אָנגעפילטע קוישן צו אים אויפן וואָגן.

— העי, אורטאָאאק!— גרילצט זיין שטים איבער שיעס מח, דרוקט אויף וואָלפס שוואַכן מאָגן — העי! אוזזום בער מעעע!

גלייכט=אוים וואלף זיינע צונויפגעדרייטע קני, טרייסלט אַרום פון ישטויב די צעקאָדלטע טשופרינע, דערגענטערט מיט איר צו שיעס פארשטויבט, האלב=רויטן בערדל:

— רב יהושע, הא, רב יהושע.

— וואָס, וואָלף?

— מען דאַרף באַרואיקן דעם שרייער, רב יהושע.

— אָט, גיי איך אים באַרואיקן — זאָגט שיע מיט תמימות.

און ער פאַרשטעקט זיין קאָפּ טיף צווישן די צווייגן, פאַרפּלאָנטערט דאָרט זיינע באַרוועסע פיס, די נאַקעטע הענט, נעמט פאַנאַנדער ס'בינטל האָר, וואָס פאַרדעקט זיינע טרוקענע ליפּן און צעשרייט זיך מיט אַ געיאָמער, מיט אַ געשריי, וועלכעס שטייגט איבער די קולות פונעם אייזל, פון דעם, וואָס זיצט אויף זיין רוקן:

— הוי - אוי - אוי! מן המיצר קראָאאתי יההה!...

ווייס ניט איצט וואָלף, וואָס ער זאָל טאָן:

שוין עטלעכע טעג ניט צוגעשטעלט קיין וויינטרויבן צו דער וואָג; שוין עטלעכע טעג ניט באַקומען דעם ברויט-רעפּט, די שיסל זופּ. אמת, שיע זאָגט, אַז בלויז מיט וויינטרויבן קען מען באַרואיקן דעם חומר. אָבער וויינטרויבן צו וויינטרויבן זיינען ניט גלייך — דאָס דאַזיקע ווייס ער שוין היינט, וואָלף — און די וויינטרויבן, וועלכע ער האָט געגעסן, האָבן אים פאַרשאַפט אַ מאָגן-חולאת, זייער אַ מיאוסע חולאת, וועלכע ער וואָלט געקענט פאַרטרייבן דוקא מיט אַ שטיק ברויט.

זאָגט ער צו שיען:

— רב יהושע, הא, רב יהושע.

— וואָס, וואָלף?

— עס טויג ניט, רב יהושע, מען דאַרף עסן, מען דאַרף צושטעלן אַ חשבון פון אונדזער אַרבעט, רב יהושע, מ'וועט פאַרדאַרן...

קריכט דאָן שיע אַפּער פון צווישן די צווייגן, שטעכט-איין זיינע אויגן אויפן שניי-שפּיץ פונעם קענגנאיבערדיקן באַרג, דערזעט דאָס אייזל, דעם, וואָס זיצט אויף אים. וואַרפט ער פאַנאַנדער זיינע האַלב-נאַקעטע אברים, ס'פאַרשטויבטע בערדל און נעמט קלאַפּן מיט די פיס איבערן הייסן זאַמד, ווייזנדיק מיט אַ פאַרדאַרטן צייג-פינגער צום באַרג-שפּיץ:

— הוי! — הוי - אוי! אדני לי לאאא איראאא; מה יעשה לי אדם...

שיע איז זיכער מיט זיך. ער האָט ניט קיין מורא פאַר קיינעם. גאָט איז מיט אים.

אויך דער אויפן אייזל טראַכט ס'אייגענע, וואָס שיע. ער מוז מאַקע צושטעלן צום וועגן שיעס חלק וויינטרויבן. נאָר, אַז ער וועט ניט צושטעלן, וועט אים שומר זיין שיעס גאָט, וועלכער איז אויך זיינער.

און עס צעטאַנצט זיך איבערן אייזל אַ גרילצנדיקע שטים, וועלכע שלאָגט זיך אָפּ פונעם באַרג, דערקייקלט זיך צו די אויערן פון וואָלפן און שיען:

— אדני לי בעוזרי... בעוזרי...

און אַ בינטל פאַרביקע פּאַסן נעמען זיך בלענדן איבער פאַנאַנדערגעוואָר־פענע זון־פּלעקן, איילן איבערן זאמדיקן וועגעלע, לויפן צו שיען.

— סאַלאַם אַלייקום, ישראל! — ציט־אויס דער אייזל־אַנטרייבער אַ בינטל ברודיקע פינגער צו שיען, צו וואָלפן.

און שוין.

איצט שטיין זיי אין דרייען: צוויי יידן פון פוילן און איינער — אַ ייד אַזא פון בוכאַרע, אַ ייד, וואס טראָגט מיט זיך אַזויפיל יאָרן, וויפיל שיע מיט וואָלפן צוזאמען — קרוב צו די פופציק.

— און איך האב געמיינט, אז דאס שרייט אַן אוזבעק — לאַכט שיע מיט זיין באָרד און פּאות דעם בוכארער ייד אין זיין פאַרדאַרטן פּנים אריין.

איז דאָס דאזיקע געלעכטער געווען אַזעלכעס, ווי ס'וואָלט געקומען פון איי־נעם, וועלכער האָט נאָר־וואָס געפינען אַ חבר, אַ פריינט, געפינען אַ ברודער ערגעץ־ווו, אין אַ מדבר.

יאָ, אין אַ מדבר.

ווארום, שיע איז געזעסן אַמאָל אויף קעסט, געהאט אַ ווייב, אַ קינד, אַ רבין אין גער, צו וועמען ער איז געפאָרן אין יומי דפּגרא.

און וואָלף — אַרומגעריגגלט פון ברידער, טאַטע־מאַמע, חברים, אַרומגערינגלט פון רעיונות, מיט וועלכע ער האָט זיך געטיילט צווישן גאַנצע אויף וואַרשעווער גאַסן.

געלעבט מיט פרייע געדאַנקען, אין אַ פרייער סביבה.

איצט טאר וואָלף ניט זאָגן הויך, אז ער האָט באַקומען דעם „פּאַנאַס" פון רייסן וויינטרויבן; ווייס ניט שיע, ווען עס איז דער טאָג, צום אויסוויינען זיין גע־מיט פאַרן באַשעפער; טאָרן זיי ביידע ניט שמועסן צווישן זיך, וועגן עבר אין עתיד.

אַ מדבר און דאך —\
יש אזנים לכתלים...\
אזוי זאָגט שיע:\
ווענט האבן אויערן...\
שווייגן זיי איצט אַלע דריי.

דערנאָך זאָגט דער בוכאַרער ייִד:

— עס רוקט זיך אָן דער יום הקדוש.

— וואָאָאָאָס?!— רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון שיעס טרוקענעם האַלז — וואָס זאָגסטו: יום כיפּור!?

און דערמיט פאַרענדיקן זיי דעם שמועס.

קוקט שיע אויף דער צעפּליקטער יאַרמלקע, וועלכע פאַרדעקט דעם אייזל־טרייבערס קאָפּ, אויף די קורצע, ווייסע הויזן, פונוואַנען עס שטאַרן אַרויס צוויי ביינערדיקע, נאַקעטע פיס.

יום כיפּור!

און ראש השנה וואָס האָט ער געטאָן, ווו איז ער געווען. ער קען זיך ניט דערמאָנען. זיכער האָט אים דער געדאַנק אָפּגענאַרט, זיין אייגענער זכרון פאַר־פירט — פאַרלוירן דעם חשבון פונם ראש השנה־טאָג, ניט געמאַכט דעם חשבון פון אַ יאָר לעבן.

גלאַנצט אַ זון־שפּליטער אויף די אויגן־גלעזער פון שיעס פאַרטרערטע אויגן. הענגען מיט אייגעבויגענע רוקנס פאַרדאַרטע צווייגן, טראַגנדיק אויף זיך אַ מאַסע פאַרשטויבטע ווינטרויבן. וויינט ס'אייזל מיט אַ יאָמערדיק קול אין דער חמימה פונם אויזבעקישן טאָג.

און אַלע דריי — ייִדן אין די ימי־תשובה — גלאַצן די אויגן אינם קלעפּיקן חלל, וועלכער איז אויסגעפּילט מיט אַ זשומען פון בינען, פּעטע פליגן.

— שנה טובה! — לייגט צו זיין רעכטע האַנט צום האַרץ דער בוכאַרער ייִד.

— שנה טובה! — ענטפערט שיע און בעט זיך ביים אייזל־טרייבער — וועסט דו מיר זאָגן דעם טאָג פון יום־כיפּור, האַ, ישראל?

— ניין, ניין! — טרייסלט דער בוכאַרער דעם קין אויף זיינע באַקן — מיין נאָמען איז אביעזר...

— אָבער — ניט־צו וואָלף — אַ ישראל ביזטו.

— יאָ, יאָ, אַ ישראל.

און ווידער גראָבט איין שיע זיין קאָפּ צווישן געדיכט־אַראָפּהענגנדיקע וויינ־טרויבן, וואָלף — דעם איינגעפּאַלענעם בויך צווישן די הענט.

און אין חלל גריזלט דורך דאָס פרייעלעכע געשריי, וואָס עס לאָזט אַרויס פון זיך דער אייזל־טרייבער, דערלאַנגענדיק דעם אייזל מיטן שפּיץ פון אַ שטיק האָלץ איבער די זייטן:

— אככבדדד! אכככבדדד!

דער בוכארער ייד איז אוועק. וואָלף האָט איינגעדרימלט אויף א קופּע צווייגן. און שיע האָט געגלאָצט זיינע פאַרטערטע אויגן אויפן שפּיץ פון א שניי־באַרג:

— בראש השנה יכתבון... יכתבון...

קאפּיטל דריי

יעדן פאַרטאָג, ווען עס האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק איבערן סאָד, האָט שיע איילים פאַנאַנדערגעוואָרפן די נאַקעטע פיס איבערן בינטל קאָמיש, זיי עטלעכע מאָל אויסגעגלייכט און איילים זיך אויפגעשטעלט.

בשעת־מעשה האָט ער געקוקט אויף וואָלפן, וועלכער איז געלעגן אַ צונויפגעדרייטער אינם צווייטן שטוב־ווינקל, געוויען צופרידן, וואָס ער שלאָפט נאָך, וואָס ער, שיע, וועט דערווייל קענען אַריינכאַפּן אַ „מה טובו".

און אויב האָט געטראָפן, אַז אויך וואָלף האָט זיך איבערגעוועקט נאָכן גלאָק, זיינען זיי שוין ביידע גלייך אַוועק אין זייער ריי, צווישן די ווייַנטרויבן־שטאַנגען, אַוועק, כדי דאָרט איבערצוזיצן דעם גליאיקן טאָג.

האָט שיע געדאַוונט מיט מער התלהבות צווישן די ווייַנטרויבן.

און וואָלפן האָט געמאַטערט דער ליידיקער מאָגן. זינט מ'האָט געבערענגט שיען אין סאָד, צו העלפן אים רייסן ווייַנטרויבן, פון יענעם טאָג אָן, האָט מען גענומען פאַרקלענערן דאָס שטיק ברויט, וואָס וואָלף האָט באַקומען פאַר דער אַרבעט, האָבן זיך גענומען פאַרגרעסערן די טענות פונם אויפזעער, אַז די ווייַנטרויבן ווערן פאַרטריקנט אונטער דער זון.

— פאַרטרייבן וועל איך אייך פונדאַנען, פאַרטרייבן! — האָט ער געשריגן אויף וואָלפן, אויף שיען.

אָבער שיען האָבן ניט גענאָרט זיינע קולות. אדרבא. זאָל ער פאַרטרייבן, זאָל ער...

בפרט, ווען אין איינעם אַ פרימאָרגן, איז געקומען אביעזר, דער בוכאַרער ייד, געזאָגט:

— מאָרגן איז יום־כּיפּור. —

האָט זיך שוין שיע איינגאַנצן איבערגעגעבן דעם הפקר, איז ער אָפּערגעקראָכן פון אונטערן פאַרדאַרטן צווייגן־בוגט, זיך אַוועקגעלאָזט מיט האַסטיקע טריט איבערן סאָד.

מאָרגן איז יום־כּיפּור. מוז ער היינט שאַפן ערגעץ אַ מנין, אַן אָרט, ווו אָפּצוריכטן דעם יום־הדין.

איז ער געגאַנגען צווישן די אַלייען, געזוכט יידישע אויגן, יידן, וואס ווילן ממלא זיין אַ מנין.

ליגט ער, דער סאַד, ארום דעם שטעטל יאַנגי-יול, א צעפּארעטער, א צע-גלימער. הייבט זיך אַ שטויב-רויך פון אונטער בארוועסע טריט, וועלכע טרעטן שווער איבער שרפהדיקן זאמד. איילן קוישן, אָנגעפילטע מיט ווייַנטרויבן, צו איי-נעם אַ פונקט, וו זיי ווערן פאנאנדערגעלייגט אין קאַסטנס, פאַנאַנדערגעטיילט: קליינע, באַחנטע קעסטעלעך — קיין אויסלאַנד; גרויסע, שווערע — אין די ווייַן-פאבריקן און דערנאך — אין פאַרלאַקעווטע פלעשער קיין אויסלאַנד.

אַ שכורע וועלט — פירט שיע מיט אַ ביינער-בינטל איבערן פארשטויבטן בערדל, זייענדיק פארפּלאָנטערט צווישן קאסטנס און קעסטלעך — אַ פארשכור-טע וועלט, כלעבן, אַ וועלט, וואס לעבט אָן אַ סדר: אין איין טייל ברענגען ווייַנ-טרויבן דעם „פּאַנאָם" צו די, וואס עסן זיי און אינם צווייטן — קוויקט מען זיך מיט די ווייַנטרויבן, שכורט מען פון גוטם ווייַן, וואס ווערט געמאכט פון זיי... און אפשר — ציט ער ווייטער זייַנע מחשבות — זייַנען די מענטשן ניט בסדר: אַנ-דערש געבויט דאָ און אַנדערש דאָרט... אבער — קומט ער צו דער מסקנה — ס'אַ טעות: שולדיק איז דער אויר — די לופט, אין וועלכן די מענטשן געפינען זיך...

— וואָס האסטו זיך דאַ אַוועקגעשטעלט, ווי אַ...

שיע האט אָפּגעלאזט זיין בערדל, אָפּגעשפּרונגען אַ דערשראקענער פון אָרט. נעבן אים איז געשטאַנען אַ הויכער בחור מיט אַ קיילעכיק נעזל, קיילעכיקע, גלאַנ-ציקע באַקן.

— זיך אַוועקגעשטעלט, ווי אַן עוואַנגעלישער פּאָפּ אין צערקווע...

— ניין. ווי אַ ייד ערב יום-כיפור — האט שיע פארבעסערט.

— ווי אַ וואָס? — האט דער בחור אַ גלאַנץ געטאן מיט פייכטע אויגן איבער שיעס האָריקן פּנים.

און אַז שיע האט ניט געענטפערט, ניט אָפּגעטרעטן פון פּלאַץ, האט דער בחור פארפלאנטערט זיינע ווייכע פינגער אין שיעס בערדל, אים גענומען פירן צו זיך, אינם הילצערנעם ביידל אַריין.

— כאַ-כאַ-כאַ! — האבן זיך געריסן געלעכטערס פון טרוקענע העלזער אַרויס — קכי-כאַ-כאַ!

און שיע איז געבליבן ביי ס'זייניקע:

ער וועט ניט ארבעטן.

— וועל איך דיר — האט געשריגן דער בחור — אָפּגעבן...

— גיב מיר אָפּ — האט שיע ניט געלאזט פארענדיקן דעם בחור שרייען, ניט געוואלט וויסן, ווו ער וועט אים אָפּגעבן.

אלצאיינס.

מארגן איז יום־כיפור. און ער מוז היינט שאפן אַ מנין.

*

חוץ, וואס פון ווייַנטרויבן מאכט מען וויין, כדי אים דערנאָך צו טרינקען — מאכט מען אויך פון זיי ראָזשינקעס, כדי אויסצופילן מיט זיי קיכנס און צימעס.

און כדי פון די ווייַנטרויבן זאל ווערן ראָזשינקעס, מוז מען זיי, די ווייַנ־טרויבן, טרוקענען, זיי האלטן מעת־לעתן לאנג אונטער דער זון.

אָטאָ די ארבעט איז שוין אַ לייכטערע.

נאר וואס דען.

דאָרט, ווו מען לייגט פאנאנדער די ווייַנטרויבן איבער אויסגעשפרייטע דע־קעס אויף אַ באַרגיקן פּלאַץ — דאָרט קומט ניט צו קיין שאָטן, איז ניט בנמצא קיין צווייגל, הינטער וועלכן זיך צו שיצן פון דער גיהנומדיקער זון.

אויך —

פארהיטן זיי ניט, די אויסגעטריקנטע ווייַנטרויבן, דעם מאָגן, עס זאל זיך ניט אַריינכאפּן צו אים די מיאוסע חולאת — דער „פּאַנאָס".

פּויזען בחורים אויף נאקעטע קני איבער באַרגיקער ערד, קייען נאסע ווייַנ־טרויבן צווישן טרייסלענדיקע ציין — האָדעווען אין זיך די מאַלאַריע מיטן „פּאַ־נאָס" צוזאמען.

און באמערקן ניט, ווי עס דערנענטערט צו זיי שיע — רב יהושע.

זיי, די בחורים, אינם סאָד, ביי די ראזשינקעס, האבן שוין לאנג געהערט, אז דארט ערגעץ, צווישן די ווייַנטרויבן־שטאנגען, זיצט אַ ייד, אַ מאדנער ייד מיט אַ באָרד, וואס וויל ניט ארבעטן, וויל ניט — און טו אים עפּעס.

האבן זיי שוין פונלאנג געוואלט מיט אים אַ שמועס טאָן, אַ פרעג טאָן, מכח דאס און יענץ — וואס מיינט ער מיטן דאזיקן, האַ?

און אפשר טאקע האט ער פאר זיי אויך אַ מיטל אַזאַ — ניט צו דארפן אר־בעטן, אָטאָ דאָ ביי די קלעפּיקע ראזשינקעס...

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

— יידן, האַ?

— יידן, יאַ.

— נו, מילא — קנייטשט־איין שיע זיין פּנים אין אַ תּמימותדיקן קנייטש — נו, מילא, אויב אַזוי, האָב איך שוין, ברוך־השם, אַ מנין אויך.

— צוואָס דאַרפט איטץ אַ מנין?

— צוואָס, פרעגט איטץ? — מאָרגן איז יום־הקדוש.

— אַזזוי — האָבן עטלעכע בחורים געזאָגט מיט אַמאָל.

און אַנדערע האָבן צוגעגעבן:

— אויב וועט מען דאַוונען אָן אַ מנין, וועט אויך זיין גוט...

— ניין — איז שיע געווען איינגעעקשנט — דווקא מיט אַ מנין און מיט אַ חזן און אַלץ כּמנהגו.

איז געבליבן:

מאָרגן, יום־כּיפּור, אָטאָ דאָ, אינם סאַד, וואָס געפינט זיך אין אוזבעקיסטאַן, נעבן די גאַסע ווייגטרויבן, אַרום די ראָזשינקעס, וועלן יידן זאָגן „כּל־נדרי", פאַסטן און בעטן ביי דעם אייבערשטן אַ סטעמפּל אויפן קוויטל, וואָס איז געוואָרן אָנגעשריבן אום ראש־השנה — אַ גוט קוויטל צום נייעם יאָר.

קאַפּיטל פיר

אין דער זעלביקער צייט, וואָס שיע איז געווען פאַרנומען ביי די בחורים, דאָרט, אויפן בערגל, וווּ מ'האָט געטרוקנט ווייגטרויבן, האָט וואָלף זיך געשלייכט צווישן שמאָלע שטעגעלעך, אַרום ווייגטרויבן־פלאַנצן, געזוכט דעם וועג, וועלכער פירט צו יענעם ביידל, וווּ עס זיצט דער דאָקטער אינם ווייסן כאַלאַט. פון אים, דעם דאָקטער, האָט וואָלף געהאַט פיל צו דערוואַרטן. שוין ניט איינמאָל באַקומען פון אים אַ צעטעלע אַזאַ, אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן, אַז וואָלף איז קראַנק, מסוכן — אַז ער מוז רוען. האָט שטענדיק דער סאַד־אויפזעער געפּלעגט אַריינשמייכלען אינם דאָזיקן שטיקל פּאַפּיר אין וואָלפס הענט, געשמייכלט און געווען אומצופרידן:

— פאַרוואָס זיינען אַלע געזונט, נאָר דו, דו איינער, ביזט קראַנק, האַ, פאַר־וואָס?

— פאַר דאָס — האָט וואָלף יעדעס מאָל געענטפערט און אַוועק צו זיך, צום בינטל קאָמיש, אַרויפגעוואָרפן דערויף זיין ביינער־בינטל צוזאַמען מיט דער מאַגן־חולאַת, וועלכע האָט געריסן אין אים אַזוי שטאַרק דעם אַפּעטיט.

אָבער דאָס שטיקל פּאַפּיר, דעם דאָקטערס, איז פאַר אים ניט געווען קיין

רפואה. ער האט געדארפט אויפהערן עסן וויינטרויבן, אויפהערן מאטערן דעם מאגן.

דאס דאזיקע גיט אים טאקע איצט צו פארשטיין דער דאקטער און איז מוסיף:

— דו מוזט אויסמוסקולירן דעם קערפער, פארשטייסט, פארהארטעווען אים.

— ווי אזוי? — פארשטייט ניט וואָלף.

— צוויי מאל אין טאג מאכן איבונגען: שפרינגען, טאנצן, אט אזוי, אזוי...

— וואָס זשע וועט זיין?

— וועסטו באקומען אפעטיט, פארשטייסט, אפעטיט...

וואָלפן דאכט זיך, אז אפעטיט האט ער דוקא יא. ער האט נאר ניט מיט וואס אים אויסצופרווון, דעם אפעטיט, צי ער ארבעט נארמאל. פאר אים, דעם דאקטער, איז אבער אלצאיינס. מער קיין אפרו=צעטלעך וועט ער ניט געבן, ניין. —

— דו מוזט גיין ארבעטן און שוין.

איז ער געשטאנען, וואָלף, געקוקט אויפן ווייסן כאלאט, וואס איז געזעסן א צעקנייטשטער אויף א הארט בענקל, געקוקט אויפן צעקנייטשטן פנים דעם דאקטערס און געזוכט אימעצן מיט די בליקן, כדי יענער זאל אים קלאר מאכן:

צוואָס זיצט ער דא, הא צוואָס?

א ייד, א פיקח געווען, דער דאקטער. דאס דאזיקע האט זיך אראפגעזען פונם ווייסן צוזאמענגשטעלן אויף זיין פנים און נאקעטן קאפ=שארבן. שוין ניט ס'ערשטע מאל האט ער געווארנט וואָלפן, ער זאל ניט עסן די וויינטרויבן, ניט פארסמען דעם מאגן מיט זיי.איז ער אן עקשן. פאלגט ניט זאל זיין אזוי. זאל זיין, מילא...

אויך וואָלף האט געטראכט ס'אייגענע. האט נאר ניט געקענט פארשטיין, פאר= וואָס ער שרייבט ניט איין, כאטש איינמאל, אין די צעטעלעך זיינע, אז מען זאל אים געבן א רפואה אזעלכע, וואלפן: א שטיק ברויט, א שיסל זופ, וואס, ווי ער איז זיכער, וואָלט אים גלייך אויסגעפילט דעם מאגן, ארויסגעשטופט פון דארט די מיאוסע חולאת.

טראכט ער טאקע איצט, וועגן דעם דאזיקן. און אזוי טראכטנדיק באגעגנט ער שיען.

— ווּהין, רב יהושע, הא?

— צום דאקטער, וואלף, צום רופא.

— וואָסי?

— קום, וועסט באלד הערן.

שפאנט ארום דער דאקטער ביי זיך אין ביידל אויף ליימענער ערד, קנייטשט

די אויגן אונטערן אויסגעבויגענעם שטערן, טראכט, וועגן וויינטרויבן־זאפט און וועגן יידן, וואס ארבעטן ארום וויינטרויבן.

אלע זיינען זיי געזונט געווען, יא, אלע, דארט, אין דער בעסאראביע; צי זיי־נען מאָלדאַווער גוים געבוים אנדערש, ווי פוילישע יידן? די זעלביקע מענטשן און די זעלביקע וויינטרויבן. נאר וואס דען? — יידן, אַך יידן...

מיט דעם דאזיקן מיינט דער בעסאראבער דאקטער צו דערטראכטן עפּעס, אבער ער בלייבט שטיין אינמיטן די געדאנקען. דורכן פענסטער, זעט ער, א גע־לן זון־פלעק צעשפרייט איבער צעהאקטער ערד, אַן איינגעהויקערטער שאטן, וועל־כער לויפט נאך א בינטל איינגעוויקלט אין שמאטעס. שיעס בערדל באוועגט זיך פארויס, זיינע אויגן — היציקע פינקען איינגעשטאכן אין חמימה: עס פעלט אים א צענטער צו „כל־נדרי", א צענטער...

— הא, וואָס, קראנק? — וויל דער דאקטער וויסן.

— ניין דאקטאר — סאפעט שיע מיט ארויסגעקוועטשטע שוויס־טראפנס אויף די באקן — מארגן איז יום־הדין, מארגן ארבעטן ניט די יידן, זיי ארבעטן ניט.

— וואס־זשע ווילסטו פון מיר?

— איך וויל, אז אויך דער דאקטער זאל ניט ארבעטן, זאל ממלא זיין א מנין.

הינטער שיען טרייסלט זיך וואלף, טרייסלט זיך ס'שטיקל ערד, אויף וועלכן ער האלט זיינע נאקעטע פיס.

דער דאקטער קוקט ארויס דורכן פענסטער, האט אַ ישוב מיטן פארשנייטן בארג־שפיץ, מיטן צעזונטן הימל, מיט אלץ, וואָס באוועגט זיך אינווייניק, טיף אין אים, דעם דאקטער.

וואָס זאל ער ענטפערן דעם דאזיקן ייד? אז מארגן איז יום־כיפור, ווייס ער ניט; און אז יידן ווילן ניט ארבעטן — ווייס ער יא. אויסשרייבן צעטעלעך, אז אלע זיינען זיי קראנק — א מנין חולהוואטע יידן? איז דאס דאזיקע קעגן געזעץ. ניין. ער וועט דאס ניט טאן.

— מען טארניט, ניין, מען טארניט.

— וואָס טאר מען ניט? — איז שיע פול מיט ירגזון — יום־כיפור; יום־הקדוש!

— ניין, כ'מיין — פארענדיקט דער דאקטער — צעטעלעך אויסשרייבן, דו פארשטייסט, צעטעלעך...

— די צעטעלעך זיינען שוין אויסגעשריבן — באוועגט שיע זיין בערדל — אויבן, אין הימל, אויסגעשריבן... מיר דארפן בלויז בעטן די חתימה...

— אבער פריער מוזט דו זי בעטן, די חתימה, ביי אונדזער באַלעבאַס — איז דער דאָקטער איינגעשפּאַרט — אַ דערלויבעניש אויף ניט צו אַרבעטן.

— אונדזער באַלעבאַס? — ווייזט שיע מיט אַ ברודיקן פינגער, דורכן פענס־טער, צום הימל — אָטאָ דאָרט זיצט ער, אונדזער באַלעבאַס, יאָ, אָטאָ דאָרט...

און קערט זיך אום צום אַרויסגאַנג.

נאָר וואָלף בלייבט שטיין אויף זיין אָרט, האַלט פאַרשטאַכן זיינע אויגן אויפן דאָקטערס בלאַסן נאָז־שפּיץ

— אויב וויל דער דאָקטער ניט געבן אַ רפואה צו מיין חולאת — וואַרפט ער פון זיך ווערטער — מוז איך בעטן ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, אַ רפואה.

וואָלף שטייט אַ פאַרטראַכטער, וואַרט, וואָס דער דאָקטער וועט זאָגן. אָבער ער שווייגט. איבערן פּעלד לויפט דער אויפזעער. דערזעט שיען. גלייכט ער זיך אויס מיט אים, צעגלאַנצט די פאַרב אויף זיינע באַקן:

— נו, פּאָפּ, האָסט געהאַט אַ ישוב?

— יאָ, געהאַט — ענטפערט שיע.

— ווען זשע גייסטו אַרבעטן?

— ווען כ'וועל האָבן אַ צעטל, פאַרשטייסט, אַ גוט צעטל...

און אינווייניק, אין ביידל, זאָגט דער דאָקטער צו וואָלפן:

— אַ רפואה קענסטו האָבן נאָר דאַן, ווען דו וועסט אַרבעטן, פאַרשטייסט, אַרבעטן...

הערט ניט וואָלף דעם דאָקטערס אויסספּיר. דער גלאָק רופט צום מיטאָג. רייסט ער אָפּ זיינע טריט פון דער ליימיקער ערד. שלעפּט נאָך זיך שיען. פון צווישן די ווייַנטרויבן באַווייזן זיך פאַרשטויבטע קעפּ, אַרומגעשיילטע פלייצעס פון דער זונס פייער.

מיטאָג־צייט אינם ווייַנטרויבן־סאַד.

אַזוי יעדן טאָג.

און אַזוי הייַנט:

וואָלף שטייט אין דער ריי מיט אַ שיסל אין די הענט, מיט צעעפנטע אויגן, איינגעגעסן אין דער ווייסער פאַרע, וועלכע הייבט זיך אַרויס פון אַ טיפן קעסל, אָנגעפילט מיט קאַשע. —

אַ רפואה צום מאָגן.

און ער שטויסט־אָן זיינע בליקן אויפן צעהיצטן פּנים פון אַ מיידל מיט אַ קאָך־לעפל צווישן די הענט, — אַ מיידל, וועלכע איז נאָר־וואָס געקומען אַר־

בעטן אין דער קיך, פאר די, וואס רייסן וויינטרויבן אינם אוזבעקישן סאד.

מאלאשא — האט מען זי גערופן, דעם דאזיקן מיידל.

א מאדנער נאמען.

און מאדנע האט זי געקוקט אויף דער ציטעריקער שיסל אין וואלפס הענט.

— הונגעריק? — האט זי אים געפרעגט, ווען ער איז שוין געשטאנען נאנט צו איר.

— יא, הונגעריק — האט וואלף צעעפנט זיינע גרויסע, הונגעריקע אויגן.

און זי האט, מניה-וביה, אראפגעטויכט מיטן שווערן לעפל, טיף, צום אפ-גרונט, פונם ברייטן קעסל, אים ארויסגעשלעפט פון דארט, און אנגעפילטן מיט קאשע, אים ארייגעוואָרפן וואלפן אין דער שיסל.

— שעם זיך ניט, הערסט, שעם זיך ניט, זאג, אז דו וועסט וועלן נאך, זעם זיך ניט...

און וואלף האט זיך ניט געשעמט אפילו דאן, ווען מאלאשא האט געוואָלט וויסן זיין נאמען, פונוואנען ער קומט —ער האט אלץ געענטפערט, געשמייכלט אויף אירע בלייכע באקן, וועלכע האבן אים דערמאנט, און א יידיש מיידל פון די ווארשעווער נאלעווקעס.

בלויז שיע האט ניט געוווּסט פון דער דאזיקער פריילעכער איבערלעבעניש, וואָס וואָלף מאכט דורך אינם ערב-יום-כיפור. צוזאמען מיט אביעזרן האט ער זיך געהוידעט אויף א נידריק אייזעלע, וועלכעס האט געטאנצט אנטקעגן דער פארגייענדיקער זון, איבער א זאמדיקן וועג, זיך געטראגן צום שטעטל יאנגי-יול, אויפזוכן דארט א ייד, א צענטן, אזעלכן, וואָס זאל ממלא זיין א מנין צו „כל-נדרי" אינם וויינטרויבן-סאד.

קאפיטל פינף

אזוי האט געוואלט דער גורל:

דאַכט זיך ערשט נעכטן — סך-הכל מיט אַ יאר צוויי צוריק — האט זי, מלכה, זיך געשפילט מיט אירע קרוב צו צוואנציק יאר איבער ווארשעווער גאסן, זיך געטראגן מיט זיי, אויף לייכטע טריט, צו דער גימנאזיע און צוריק.

אַ מאמנס אַ קינד געווען.

און היינט. —

הייבט זיך מאלאשא אויף שווערע הילצערנע שיך, איבער אַ טיפן, פאַרעדיקן קעסל, מישט דארט מיט אַ לאנגן, הילצערנעם לעפל ארום די פארסמאלעטע ווענט.

קאכט קעסלען מיט קאָשע.

און עס אַרט איר ניט. זיך צוגעוויינט.

אמת, פאר אירע אויגן שפיגלען זיך די ברייטע שוי־פענסטער פונם טאטנס מאנופאקטור־געשעפט אויף די נאלעווקעס, שפיגלען זיך די ווייסע ציין פון בחורים און מיידלעך אין גימנאזיע. איצט אבער מוז זי פארגעסן אן דעם, מוז זי זיך באמיען אָפּצושטויסן די פארגאנגענהייט.

מלכה — אזוי האבן זי גערופן אמאל טאטע־מאמע.

מאלאשא — אזוי רופן זי היינט די וויינטרויבן־רייסער.

און ווי גליקלעך וואלט זי געווען אָט איצט, ווען אימעצער דערמאנט זי כאָטש עפּעס אן איר ניט־ווייטן אמאל: כאטש זי רופן מיטן נאמען — מלכה, מיט דעם נאמען, וועלכער האט אזוי היימיש געקלעט איבער אירע ווייכע גלי־דער, געוואַרעמט אין יידישער שטוב, אויסגעפּילט באלעבאטישע ווינקעלעך!

— מאלאשאַאַאַ! — אָט, באלד, וועט קלינגען דער גלאָק!

— מאַלאַאש!...

יא. אודאי וועט באלד קלינגען דער גלאק. דאכט זיך, אז פון דעם קעסל פּילט זיך צוגעברענט. אייליק מיטן הילצערנעם לעפל ארום די ווענטלעך, אויף דער דנאָ. באלד קומען די וויינטרויבן־רייסער, אָט, באלד.

און דער־אָ, מיט די לאנגע, שמאלע הויזן, מיט די נאקעטע פיס — דער סאד־אויפזעער — ער האט גלייך, דעם ערשטן טאג פון איר אָוועקשטעלן זיך אָטאָ דאָ־אָ, ביים קעסל מיט קאשע, גלייך געברענגט אַ גערדיכט־באהאָנגענעם שטאנג מיט וויינטרויבן, אים אוועקגעלייגט אויף מלכהס אַן אָפּגעדעקטער קני.

— עס, מאלאשקא — האט ער געזאגט — פונם אייגענעם סאד...

אזוי יעדן טאג.

און אזוי איצט אויך:

אָט, שטעלט ער, אַ צעגלאנצטער, זיינע בארוועסע פיס־לאפּעטעס איבער דער ווייכער ערד, גליטשט זיך מיט זיי צום קעסל, צום אָרט, וווּ עס שטייט, אַ שוויצנדיקע, מלכה.

— נאַ, עס, מאלאשקא — גלאנצט ער פאר אירע אויגן מיט זיינע העלע באקן, מיט אַ בונט העל־גרינע וויינטרויבן, לאנגע, שמאלע, ווי די פינגער אירע, מלכהס.

— ניט איצט — שטויסט זי אָפּ זיין האנט פון איר פּנים — אָט, באלד, וועט קלינגען דער גלאק.

און דער גלאק קלינגט.

און די זון שרפהט.

און די שווארצע פארע פונם זידיקן קעסל ארויס, פארשלינגט מלכהן אין זיך, פארשווארצט אירע צוואנציק יאר, וועלכע זי האט געברענגט פון דער וואר־שעווער גימנאזיע, דאָ אהער, אינם וויינטרויבן־סאד, וואס ארום דעם אוזבעקישן שטעטל, יאַנגי־יול.

*

— שעם זיך ניט, וואלף, הערסט, אז דו וועסט וועלן נאך אַ לעפל קאשע זאלסטו זאגן, הערסט.

און וואלף שעמט זיך ניט.

טאקע דעם זעלביקן מיטנטאג, נאכדעם, ווי ער האט געזאגט דער קעכין, מאלאשא, זיין נאמען, טאקע דעמלט איז ער געבליבן דער לעצטער נעבן טיש, אַלע ווײלע אונטערגערוקט זיין שיסל צום קעסל און זי אַוועקגעטראגן פון דארט אַן אנגעפילטע מיט קאשע.

אַ ווייל מיידל, אטאַ די דאזיקע מאלאשא. זי האט אים פשוט אומגעקערט ס׳לעבן, געראטעוועט ס׳היות. אַ קלייניקייט: אַן איבריקע שיסל מיט קאַשע, אָטאָ דאָ, צווישן די וויינטרויבן! די בעסטע רפואה פאר זיין צעקאלעטשעטן מאגן, יאָ, בעסער, ווי די צעטעלעך דעם דאקטערס.

בפרט, אז, ווי ער איז זיכער, איז זי, דאס דאזיקע מיידל, אַ מיידל פון די ווארשעווער נאלעווקעס. יאָ.ביים ערשטן בליק אויף איר, האט ער זי גלייך דער־קענט. און אַזאַ שמייכלדיקע, אזא גוטע, כמעט נאך אַ קינד, מיט אַ קינדעריש פנימל — און זי זאגט אים „דו", אים, וואלפן, דעם ברודיקן, פארדארטן, אויס־געטריקנטן ביין.

— נו, וואלף, ווי פילסטו זיך, האַ?

— ניט, ווי אויף די נאלעווקעס — פארציט וואלף אויף זיין פנים אַ פאר־קרומטן שמייכל.

זיצן זיי ביידע אויף איין באנק, פנים צו פנים, דערמאנען זיך אַן עפעס און שווייגן.

דערנאך זאגט וואלף:

— אויף ווארשעווער גאסן האב איך געזען אזא מיידל, ווי דו, מאלאשא.

— ניין — זאגט זי — מאלאשא האסטו ניט געזען; האסט געזען אַ מיידל, מיטן נאמען מלכה.

ביידע קוקן זיך איבער.

— וואָלף.

— מלכה.

און געגוג.

די דאזיקע צוויי — קינדער פון ווארשעווער יידישע גאסן — האבן זיך דערקענט אַרום דעם קאשע־קעסל, אינם אוזבעקישן סאָד.

— נאכן גלאָק וועלן מיר שמועסן אַביסל, יאָ! — צעשויבערט מלכה די האר ארום אירע אַקסלען.

— יא — ענטפערט וואָלף אַ צעשמייכלטער, אַ צופרידענער.

איז שווער צו וויסן פונוואַנעס נעמט זיך די דאזיקע צופרידנקייט, וועלכע קומט פון וואָלפן: צי מחמת דעם, וואס ער האט דערקענט אַ חברטע, וועלכע וועט אַוועקנעמען פון אים עטלעכע אומעטיקע שעהן אין טאג, אדער — ווייל דער מאגן, ווי עס דאכט זיך אים, האט שוין, כמעט, געגומען ארבעטן נארמאל...

פון ביידע צוזאמען.

וואלף איז איצט זאט, זיצט מיט אַן אנגעפילטן מאגן, פארווארפן אַ פוס איבער אַ פוס, לויפט, מיט זאטע בליקן, איבער מלכהס פארפארעטע הענט, איבער איר אָפּגעדעקטן האלז און נאַקן. פון אַלץ, וואס אויף איר, שפּראצט מיטווארעמקייט, היימישקייט, מיט אַזעלכעס, וואס נעמט אויפוועקן אין זיין זכרון די לעצטע עטלעכע יאר, פון זיינע איבער צוואנציק, אויף די רוישיקע ווארשעווער גאסן.

און וואלף באמערקט ניט דעם אויפזעער, הערט ניט זיינע טריט, וועלכע דערנענטערן צו אים.

— פאר דיר האט דער גלאק ניט געקלינגען, האַ? — וויל דער גלאנציקער בחור וויסן — וואס, האַ, דיך האט ער ניט געמיינט?

און קערט־אום זיין פנים צו מלכהן:

— נו, מאלאשא, געגוג געארבעט, שוין גענוג, עס א ביסל וויינטרויבן.

— ניין, שוין, שפּעטער — פארווארפט מלכה די האר פון ארום שטערן, קראצט מיט אַ לעפל ארום די ווענט פון קעסל.

שטייט ער, דער אויפזעער, — אַ יונגער, אַ פעסטער — איינגעטונקען אין א שטיק זון, שלינגט, מיט זיינע אויגן, מלכהס באוועגן זיך, שטעכט זיי אויף דעם שטיקל טיש, וועלכעס עס פילט־אוים וואלף. אַ טיש, ווי אלע טישן, דאך, ברייט ער איצט דעם בליק פונם דאזיקן געזונטן בחור, ברייט אים דערפאר, וואס געבן אים זיצט אַזעלכער, ווי ער, וואָלף...

— נו, שוין, גיי ארבעטן! — ווארפט ער פאנאנדער די הענט, פארמעסט זיך מיט זיי אינדערלופטן.

נאר וואלף זיצט אויף זיין פלאץ. די ווייטערויבן רייסן וועט ער ניט פאר־שפעטיקן. אבער מיט איר, מלכהן, מוז ער איצט עפעס שמועסן, יאָ, מוז איר זאגן, אז —

ער קען שוין ניט מער, נייז, ער קען שוין ניט.

האט ער זיך, אין אַ ווײַלע אַרום, אַ ריס געטאן פון ארט. דער אויפזועער איז אפגעשפרונגען. מלכה איז געשטאנען אַ דערשראקענע נעבן קעסל.

— הערסט, מלכה, מארגן איז יום־כיפור, מארגן ארבעט מען ניט.

— אבער היינט נאכן גלאק! — האט מלכה אים נאכגעשריגן.

— יא, יא, נאכן גלאק וועלן מיר זיך זען.

אים באגלייט איבערן שמאלן שטעגעלע האט אַ סקריפען פון אַ פארזשא־ווערטן קעסל, א שאָרווען פון געזונטע ציין אינם מויל פונם גלאנציקן בחור, דעם אויפזועער.

קאפיטל זעקס

וואלף קען זיך בשום־אופן ניט דערמאנען דעם טאג, אויף וועלכן ער זאל זיין ביכולת צו זאגן, אז ער האט געהאט אין אים אזא פריילעכן נאכמיטאג, ווי היינט.

אמת, ער האט געהאט אין זיין לעבן פריילעכע טעג. אבער זיי, די דאזיקע טעג, זיינען פארשווינדן פון זיין זכרון צוזאמען מיט די וואַרשעווער נאלעווקעס — מיטן לעבן פון א יידישן בחור אין א יידישער היים.

איצט, זינט ער ארבעט ביי די ווייטערויבן, לעבט ער בלויז מיטן היינט, מיט דער שעה, ווען עס צעקלינגט זיך דער גלאק אין סאד, רופט אים ארויס פון צווישן די קלעפיקע צווייגן מיט דער שיסל אין דער האנט און דאן — אדער מען פילט זי אָן, די שיסל, מיט שווארצע קאשטאנעס, קאווע אזעלכע, אדער — אַ טונקל־גרינע פלײסיקייט, וועלכע נעמט זיך פון קוקורוזע־קערן, אַ זופּ אזעלכע און דאס אליין.

און אָט אַזוי גייט ער פארביי, דער טאג, אַ צעברעקלטער, צונויפגעשטוקע־וועט פון מינוטן, שעהן, אלע מיטן זעלביקן פרצוף.

מאָנאָטאָנע, לאַנגע טעג.

און וואלפס רגילות איז געווען אמאל אַ להיפוכדיקע:

אויסגערעכנטע שעהן אין טאג; איטלעכע אויף איר פלאץ, מיט עפעס אויסגעפילט — ארבעטן איבער זיך, טראכטן, זיך דערטראכטן צו עפעס, צו

איינעם אַ געוויסן יש, צוליב וועלכן ער, וואלף, האט די רעכט צו טראגן אויף זיך דעם נאמען — מענטש.

אזעלכע־אַ געדאנקען האט ער שטענדיק הנאה געהאט ארויסצוברענגען פאַר חברים, הערן זייערע טראכטעניש, קומען צו אַ מסקנה.

און צו וועלכע אויספירן קען ער קומען אָטאָ דאָ, צווישן די ווייבטרויבן, נאָך אַ שמועס מיט די בחורים, וואס ארבעטן בשכנות אין סאד? —

אז דאס מין, וועלכעס ווערט אנגערופן מיטן נאמען: עסן — אָטאָ דאס־אַ שטייט ברומו של עולם, איז העכער פון אלע דערהויבנסטע זאכן, פון אלץ און אַלעמען.

אויספילן דעם חומר.

און מער גארניט.

האט אויך ער, וואלף, מיט דער צייט, גענומען טראכטן אָט אזוי־אַ, הערן, וואס אנדערע האבן צו זאגן, מכח דעם־אַ, הערן און, בשעת־מעשה, וואסערן אין מויל מיט סלינע:

— האב איך אמאל געגעסן, איז עס געווען אזעלכעס און אזוינס...

— צום ביישפיל?

און דער דערציילער לייגט ־ פאנאנדער פאר זיינע צוהערער ווייסע געבעקסן, פעטע שמירעכצן, זיסע געטראנקען — אליץ, מאכלים, וועגן וועלכע די אָרומ־זיצנדיקע קענען ניט מער ארויסברענגען פון זיך, ווי אַ הונגעריקן זיפץ: —

איי, ווי גוט ס'אי געווען...

און שוין.

דערמיט פארענדיקן זיך די שמועסן אין שפעטע נאך־ארבעט אָוונטן און דערמיט לייגט מען זיך פאנאנדער, יעדער אויף זיין בינטל שטרוי.

*

דעם היינטיקן אָוונט, אבער, וועט וואלף פארברענגען אנדערש, ווי ביז איצט.

אויך די זיסע לופט אין סאד, וועלכע איבלט אים אזוי שטארק, אויך זי איז איצט אויסגעפילט מיט עפעס, אזעלכעס, וואס גלעט אויף זיין צעשויבערטן קאפ האר, דרינגט אריין אין זיינע אינגעווייד, ווי אַ זיס געטראנק נאך אַ געשמאקן עפעס.

וואלפס מאגן איז אויסגעפילט. און אויסגעפילט האט אים זי, מאלאשא, דאס מיידל פון די נאלעווקעס.

וואס האט זי דען געזען אויף אים, אין אים?

מלכה הייסט זי זיך רופן און זי וויל רעדן מיט אים נאכן גלאק.

שפאנט ער ריי־איין, ריי־אויס, שפאנט צווישן הויכע בוגטן וויינטרויבן, וועלכע ווארטן מ׳זאל זיי ארונטערנעמען, אפטיילן פון די פארטרוקנטע צווייגן.

אבער וואלף האט נים בדעה דאס צו טאן. איצט איז ער פריי. באלד וועט זיך צעקלינגען דער גלאק, באלד וועט ער שמועסן מיט איר, מלכהן.

אבער וואס טוט זי איצט?

ער וואלט אהינגעגאנגען צו איר, זען, מיט וואס זי איז פארנומען.

נאר גלייבער, וואס ער גייט ניט.

ווארום, אין דער זעלביקער צייט, וואס וואלף האט אזוי הנאה פון זיין זאטן מאגן, פון דער לופט, וועלכע איז אויסגעפילט מיט וויינטרויבן־ריחות, זיצט דארט, נעבן גרויסן קעסל, דער אויפזעער, זיצט מיט זיינע נייגצן יאר, שמייכלענדיק צו א בוגט וויינטרויבן, וועלכע גלאנצן צווישן זיינע פינגער.

— מאלאשא — ווארפט ער מיט די אויסגעפילטע ליפן צו דער זייט פון מלכהן — קום אהער וועלן מיר עסן וויינטרויבן.

אבער מלכה ענטפערט ניט. זי ענטפערט ניט דערפאר, ווייל זי איז פארנו־מען מיט רייניקן דעם קעסל, מיט אריינטראכטן אין איר היים, וועלכע זי האט איבערגעלאזט ווייט הינטער זיך. זי קען ניט שלום מאכן מיטן גורל, מיט אָטאָ דעם, וואס זי לעבט איבער במשך די לעצטע צוויי יאר: פון א באלעבאטישער שטוב געווארן פארווארפן דא אהער, אין א ווייטער פרעמדר, אליין, ניט מיט וועמען א ווארט ארויסצורעדן; אפגעגעבן יארן אין שולע, אין גימנאזיע — טאטע־מאמעס פרייד — און איצט? יא, איצט האט מען זי פארקויפט, אפגעקויפט איר יוגנט פאר א שיסל קוקורוזע... זי איז אבער אומבאהאלפן. פארפאלן. מוז זי זוכן א פריינט, אזעלכן, וואס זאל לייכטער מאכן איר געפינען זיך דא. דער בחור, וואס רופט זיך וואלף, אויף זיין פנים צייכנען זיך ארוים איבערגעבליבענע סימנים פון א היימישער יוגנט, וועלכע זי האט געזען ביי אירע חברים, בשעתן מאכן די לעקציעס. אים וועט זי העלפן. ער וועט איר העלפן. און ביידע וועלן זוכן א וועג, ווי דורכצושטופן דעם פרעמדן טאג.

מלכה ציט ארוים די הענט פון קעסל. צו איר דערנענטערט דער אויפ־זעער. — פייזל רופט מען אים. ער טראגט א רויט העמד, רויט פנים, געווען אמאל א פאסטער און היינט — רעדט ער דייטש.

— פונוואַנען קענסטו רעדן דייטש, דו, אוזבעק, האָ? — קערט־אום מלכה איר גלייכע, פאַרשוויצטע נאָז אין דער זייט פונם אויפזעער.

פייזל, אַ צופרידענער פון מלכהס בליק אויף אים, נעמט רעדן אייליק, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ, ניט פאַרלירנדיק דערביי דעם אוזבעקישן קוויטש:

— ראַם שטעטל, יאַנגי־יולי, האָט אַמאָל געהייסן קויפמאַן, געווען אַ דייטשע קאָלאָניע און היינט אויך. האָב איך זיך געשפּילט מיט דייטשע יונגלעך און זיך אויסגעלערנט רעדן דייטש.

— היינט אויך? — קוקט אים אָן מלכה אַ פאַרוווּנדערטע.

— יאָ, אויך היינט לעבן דאָ דייטשן.

— און דו ווייסט כאָטש, וואָס דייטשן טאָן איצט מיט דער וועלט?

— יאָ, כ׳ווייס, מאַלאַשאַ, כ׳ווייס, מ׳וועט זיי פאַרטרייבן פונדאַנען; דערפאַר מאַקע האָט מען פאַרטריבן דעם נאָמען זייערן, קויפמאַן, איבערגעמאַכט אויף יאַנגי־יול.

ווי אַ קער מיטן בליק — טונקל־צעגרינטער סאַד, אַשיק־צעבלאָטער הימל; דער אָרום — אויסגעפּילט מיט שקיעה.

מלכה האָט זיך אָוועקגעזעצט נעבן פייזלען. ביידע האָבן געגעסן ווייַנטרויבן. פון ערגעץ־ווו האָט זיך דורכגעריסן, צווישן די קשאַקעס, אַ טויב קלינגען, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן פון אַן אייזן אויף אַן אייזן, זיך פאַנאַנדערגעקייקלט איבער אַלע ווייַנטרויבן־רייען, אָנגעזאָגט דעם נאַכט־אָנקום — די שעה, ווען עס פאַרענדיקט זיך דאָס אַרבעטן ביי די ווייַנטרויבן אינעם ווייַנטרויבן־סאַד.

קאַפּיטל זיבן

מלכה האָט אַרומגעשיילט די ווייַנטרויבן פונם שטענגל, וואָס איז געהאָנגען אין פייזלס האַנט, געשיילט און געוואָרפן, אייַנציקווייז, צווישן די ציין, אין איר קליינער מויל־עפענונג; זיך געקוויקט מיטן זאַפט, וואָס האָט זיך געצויגן איבער איר האַלז, אויפגעפרישט דעם פאַרטרוקנטן גומען.

— און פונוואַנען קומען זיי דאָ אַהער, די דייטשן — האָט זי געוואָלט וויסן — אָט דאָ, אינעם אוזבעקישן סאַד אַריין?

פייזל האָט געענטפערט:

— זיי קומען דאָ אַהער פון אַרומן דניעפּער, פון די קרימער סטעפּעס, פאַר־שטייסטו.

— אַ סך זייַנען זיי געווען?

— יא. עטלעכע הונדערט. פון יענער מלחמה נאך. זיך דאָ באַזעצט און פארטריבן די אוזבעקן.

— און וווּ זיינען זיי איצט?

— איצט — האט פייזל געוויזן מיט א האנט צו דער זייט פונם שטעטל — איצט זיצן זיי אויף דער סטאציע, פונוואנען מען שיקט זיי אוועק ווייט, גאנץ ווייט.

מלכה האט זיך איינגעהערט צו דעם, וואס דער אויפזעער דערציילט, פארשטאנען זיין דייטש־לשון, געמישט מיטן אוזבעקישן קווימש, געקוקט אויף זיינע גלאנציקע צעפלאמטע באַקן. דער בין־השמשות האט גענומען אויספילן דעם טיש, פארשלינגען אין זיך דעם קעסל, די ווינקלען ארום דער לײמענער קיך און דינע שטרויענע ווענטלעך.

דער גלאק האט שוין פון לאנג געקלונגען, אנגעזאגט, אז דער טאג איז פארענדיקט, צייט צו רוען.

און יענעם בחור, פון די ווארשעווער גאסן, אָטאָ דעם־אָ, וועלכער האט צוגעזאגט, איצט צו קומען, שמועסן מיט איר, מלכהן — וואָלפן זעט זי ניט. דאס דאזיקע אַרט איר. און מיט פייזלען האט זי ניט מער, וועגן וואס צו רעדן. זי ווייס שוין אלץ. — א בחור אין אירע יארן, מיט א געזונטן צוזאמענשטעל, מיט אַן אייגענער קיביטקע און פעטע שעפסן אויף דער פאַשע — זי דארף דאס ניט, ניין, וויל אפילו ניט הערן דערפון.

— יעדן טאג פרישע מילך, פעטע און ווייַן, אלטער וויין פונם אייגע־נעם סאד...

— דו ביזט דאך אבער אַן אוזבעק, פייזל — שטויסט מלכה אָפּ זיין האנט פון איר אקסל.

— איז וואָס — פארדרוסט עס דעם אויפזעער — האט ניט אַן אוזבעק מענטשיש בלוט אין זיך!...

— ניין, ניט דאס האב איך געמיינט — פאריכט זי גלייך — איך האב געמיינט צו זאגן, אז איך בין א יידישע, פארשטייסט, א יידישקע...

— אבער אוזבעקיש ברויט עסט דו און אוזבעקישע מילך ווילסטו טרינקען...

— איז וואס? — האט זיך מלכה באפרייט פון זיינע הענט.

— איז דאס, אז דו קענסט זיין אויך אַן אוזבעקיש ווייב...

ביי דעם דאזיקן ענטפער, איז מלכה געשטאנען אינמיטן פונם ליימענעם דיל, געציטערט מיט אירע צוואנציק יאר, וועלכע האבן איצט געדריקט אויף איר אזוי שווער. מלכה, דאס יידישע מיידל פון דער ווארשעווער נאלעווקעס זאל דארפן הערן אזעלכע רייד, זאל ניט האבן אויף זיי וואס צו ענטפערן. און וואס זאל זי אים ענטפערן, דעם אוזבעק, וואס, אָט איצט, אינם ערב־בין־השמשות?

*

וואָלף שטייט אָן אומרואיקער אויף יענער זייט פונם שטרויענעם ווענטל. אין זיינע הענט טרייסלט זיך א שווערער בונט מיט וויינטרויבן. דערמיט וויל ער אָפּצאָלן דער קעכין פאר דער קאשע, מיט וועלכער זי האט היינט אנגעפילט זיין מאָגן. ניט בלויז דערפאר, — מיט די דאזיקע וויינטרויבן וועט ער אָנהייבן מיט איר דעם ערשטן שמועס; די וויינטרויבן וועלן זיין א בריק צווישן זייער ביידענס פריינטשאפט.

— מלכה! — האט ער געוואָלט א רוף טאן, א פריילעכער דערלאנגען די מתנה, וועלכע ער האט ספּעציעל אָפּגעריסן פאר איר.

ער איז אבער אנטשוויגן געוואָרן.

אין דער דאזיקער רגע האט ער פארלוירן א שטיק פון זיין צוריקגעווינען לעבן, אין דער דאזיקער רגע — א שפּיל, וועלכע האט געגלאנצט אין זיינע אויגן: וועט א רוף טאן, זיך באהאלטן און ווידער זיך באווייזן: —

„נאַ, מלכה, א קופּע מיט הייסע וויינטרויבן...”

וועט דאס דאזיקע זיין א פריילעכע דערמאנונג אן אמאליקן פריילעכן לעבן.

זיצט אבער איצט דער אויפזועער אינגווייניק, אויף יענער זייט ווענטל, שטערט אים אויסצוטרוימען זיין חלום, וועלכער שפּינט זיך אין אים פון נאכמיטאג אָן.

שטייט ער אומגעדולדיק, ווארט און קען זיך ניט דערווארטן.

פייזל טרעט ניט אָפּ פון מלכהן, רעדט אריין אין איר עפּעס מאָדנע רייד וועגן פעטע שעפּסן, ווארעמע מילך...

ער, וואלף, וואלט איצט, סכנותדיק, אויסגעטרונקען א היים טעפּל מילך, אויסגעטרונקען און זיך אוועקגעלייגט שלאפן ערגעץ, אויף א ווייך בעט. יא. שוין לאנגע חדשים ניט פארזוכט דעם טעם פון אזעלכעס.

אבער ביים אויפזעער וועט ער ניט נעמען אזעלכעס, ניין, בשום־אופן ניט ער איז נאך יונג, פייזל, יונג — און פאר דעם טרוקענעם ברויט־רעפט ציט ער ארויס דעם מארך פון די ביינער. אויך מלכה טארגיט וועלן נעמען ביי אים גארניט, ניין, זי טארניט.

האט וואלף אוועקגעלייגט די וויינטרויבן נעבן ווענטל, אויף דער ערד און אריין אינגוויניק, זיך אוועקגעשטעלט נעבן טיש.

— נו, וואס ביזטו געקומען דאָ אהער, הא, צוואָס? — האט פייזל זיך אויסגעגלייכט מיט וואלפן.

ער ענטפערט ניט.

א שווייגן.

מלכה גייט ארויס. וואָלף הינטער איר. דער אויפזעער צום לעצט.

— מאלאשקא — רופט ער — קום וועסטו זען מיין קיביטקע.

— גיי ניט — זאגט וואלף צו מלכהן — גיי ניט מיט אים.

— וואס האסטו געזאגט? — כאפט אים אָן פייזל ביי א האנט.

ביי וואלפן ציטערן די ארויסשטאַרנדיקע באקן־מוסקולן, טרייסלט זיך אויף אים אַלץ,וואס פילט־אויס זיינע אומעטיקע מעת־לעתן צווישן די וויינטרויבן.

— וואס האסטו זיך אָנגעזעצט, הא? — פינקלען זיינע אויגן אינם געלן אָוונט.

— שוין זאָלסטו אוועקגיין פונדאנען, הערסט, טאקע שוין — קריצט פייזל מיט זיינע געזונטע ציין, ווייסט זיי קעגן וואָלפן.

אבער וואָלף רירט זיך ניט פון ארט, איז גרייט אָט איצט, אויסצופרווון זיינע כחות, זיך צו פארמעסטן מיט זיי אויף א געזונטערן פון אים.

בפרט, אז פון קעגנאיבער דעם וועג האבן זיך געהערט טריט, א טרעטן פון א סך פיס אויפן זאמדיקן באדן — די וויינטרויבן־טרוקענער האבן זיך געלאזט בארג־אראָפּ נאך דער ארבעט — האט וואָלף א טרייסל געטאן מיט זיין טרוקענעם קאָפּ־שארבן, אים א ווארף געטאן אויף די גלאנציקע באקן פונם אויפזעער.

— ט'האסטו!

מלכה איז געשטאנען אן א זייט. א דערשראקענע דערפון, וואס עס איז אזוי אייליק געשען ארום איר, האט זי ארויסגעלאזט א געשריי. פייזל האט געוואלגערט זיין אויסגעפילטן גוף אויף וואָלפס טרוקענעם ביינער־בונט, וועל־כער האט זיך געטרייסלט אויף דער ערד, איינגעקלאמערט ארום זיין האלז.

איילִיק זיינען אנגעלאפן די חברה, לאָזנדיק זיך בארג־אראָפּ. דערזען פייזלען זיך דושן אויף וואָלפן, דערהערט מלכהס געשרייען, האבן זיי א מאן זעקס — יידישע בחורים, וואס האבן פיינט געהאט זייער אוזבעקישן אויפזעער — איילִיק זיך אוועקגעוואָרפן אויף דער ערד, אפגעריסן פייזלען פון וואָלפן, ארויפגעדושעט זייערע קערפערס אויף זיינעם.

איז ער, ליגנדיק אונטער זיי, געוועזן זיכער, אז שוין. געקומען זיינע לעצטע מינוטן. האט ער איינגעביסן זיינע ציין אין איינעם, אין א צווייטן — זיך געאמפערט מיט אלע זעקס אויפאמאָל.

וואָלף האט אבער ניט געטארט פארלירן קיין צייט. עס האט געבלוטיקט זיין נאז, די גאָמבע. איז ער איילִיק אוועק צום דאקטאר. הינטער אים איז נאכגעלאפן, א כליפענדיקע, מלכה.

— אלץ בין איך שולדיק, יא, אלץ... איך...

קאפיטל אכט

דאס ארומגעריסענע פלייש אויף וואָלפס באקן, האט אים שטארק הנאה געטאן, אנגעפילט מיט צופרידנקייט: אין זיין רשות געפינט זיך א צעטעלע אוזא פון דאקטער, וואס לייכט צו אים מיט אותיות, וועלכע האבן צו זאגן, אז ער דער פארוואונדעטער וואָלף, איז באפרייט פון דער ארבעט אויף דריי טעג; אויך — מלכה פארעט זיך ארום זיינע וווּנדן, נעצט אויף זיי מיט נאסע האנטעכער, גלעט זיי מיט אירע לאנגע, פוכקע פינגער.

— ניט כדאי געווען ס'גאנצע עסק, וואָלף — זאגט זי, זיצנדיק אריבערגעבויגן איבער זיין בינטל קאמיש — ניין, עס האט ניט געלוינט.

— ניין, עס האט יא געלוינט — קרעכצט וואָלף אונטער מלכהס הענט — מען מוז אמאל א פרווו טאן די כוחות, פרווון, צי ס'חיות האלט זיך נאך...

— אבער פייזל איז געזונטער פון דיר; זעסטו, ווי ער האט דיר צעדראפעט ס'פּנים; און וואס איז דיר ארויסגעקומען דערפון?

— ארויסגעקומען איז אט־וואס: מער גיי איך ניט רייסן די וויינטרויבן, מער וועט פייזל דיר ניט הייסן ווערן אן אוזבעקיש ווייב...

וואָלף זיפצט. פון זיין זיפצן ארויס הערט זיך די זארג פאר דעם מיידל, וועלכע זיצט נעבן אים; די ווארעמקייט, וואס ציט זיך פון אים צו מלכהן.

— און ווייסטו, וואס נאך עס איז ארויסגעקומען — זאגט ער נאך א שטיל־שווייגן — עס איז ארויסגעקומען אָטאָ דאָס, וואס דו זיצסט דא, איינע אליין, געבן מיר; וואס מיר געפינען זיך זאלבענאנד.

און דערמיט האט זיך פארענדיקט דער שמועס.

און די נאכט האט געגומען דושען אויפן ליימענעם שטיבל, פארטריבן אלע העלע פלעקן, וואס האבן זיך נאך געוואָלגערט ערגעץ אין די ווינקלען, זיי ארויסגעשטויסן דורך די צעעפנטע לעכער פון טיר און פענסטער, אריינברענ־גענדיק דורך דארט מחנות מיט בייסיקע פליגן.

וואָלף האט ניט געקענט איינליגן אויפן הארטן בינטל שטרוי. חוץ, וואס איבער זיין צעפליקט פנים ציט זיך דער ווייטיק פון איין מוסקול צום צווייטן, פילט ער אויך עפעס א גריבלען אין מח:

צי וואָלט דען טאקע ניט געווען גלייכער, ווען עס ענדיקט זיך ניט אזוי, נאר אנדערש?! אָט, זאגט זי דאך אליין, דאס מיידל פון די נאלעוועקעס, אז עס האט ניט געלוינט. — וואָלף האט ניט געדארפט זיך צעשלאגן מיט פייזלען, ניט גערארפט אנמאכן די בהלה, וועלכע ער האט אנגעמאכט.

— מלכה! — נעמט ער טאפן מיט א האנט אין דער פינצטער — ליינ זיך שלאפן, מלכה.

— און איך האב געמיינט, אז דו שלאָפסט שוין — זאגט מלכה, צעשארנ־דיק מיט איר העל קליידל די פינצטערניש ארום זיך.

— ניין, איך האב געטראכט מכח עפעס.

— מכח וואס?

— מכח דעם, צי עס לוינט זיך בכלל אָטאָ דאס אלץ, וואס עס געשעט ארום אונדז.

— וואס מיינסטו דען צו זאגן דערמיט?

— איך מיין צו זאגן, אז — מער קען איך שוין גיט, מלכה, ניין, כ׳קען שוין ניט...

איינאיינציקער, הילכיקער שנאָרך האט פארשטומט אויף א ווײלע דאס זשומען פון די קאָמאַרעס, א שנאָרך פון וואָלפן, איבער וועמענס פנים עס האט זיך געבויגן מיט א נאס האנטעך מלכה, די קעכין פון ווײנטרויבן־סאד. מיט געלאסענע טריט האט זי זיך געשארט ארום וואָלפס צעשפרייטע הענט, אויס־געצויגענע פיס, זיך איינגעהערט צו דער שטילקייט, צום קלאפן פונם איינענעם הארץ.

און וואָס וועט זיין, אויב איצט וועט אריינקומען פייזל, מיטברענגען זיינע מענטשן, די דייטשן, וואָס וויגען אין סאַד, האַ, וואָס וועט זיין דאַן?

וועגן זיך טראַכט זי איצט ניט, מלכה — זי וועט אַנטלויפן דורכן פענסטער.

אָבער ער, וואָלף, וואָס וועט זיין מיט אים?

טאַפּט זי אַרום זיך מיט די הענט, טרייבט די קאָמאַרעס, די פינצטערניש פון דער צעבראָכענער קיביטקע אַרויס.

וואָלף שלאָפט.

גאַנץ פרי דאַרף זי גיין צום קעסל, אים אַנפילן מיט קאַשע. זי טאָר ניט פאַרשפּעטיקן. די וויינטרויבן־רייסער וועלן, ווי נעכטן, שמייכלען צו איר, טרייסלען מיט ליידיקע שיסלען אין די הענט:

גיב נאָך אַ לעפל, מאַלאַשקאַ — וועלן זיי זאָגן — גיב, גיב...

און זי וועט זיך ניט קענען פאַרענטפערן, אַז זי האָט זיך געפּאַרעט אַרום וואָלפן, ניט געשלאָפן די נאַכט.

האָט זי אַנגעטאַפּט אין אַ ווינקל אַ בינטל שטרוי, זיך אָוועקגעלייגט דע־רויף. אַלצאיינס, ווו זי שלאָפט. מען האָט נאָך סיי וסיי ניט באַשטימט פאַר איר אַן אָרט. זאָל זשע זיין דאָ איר געלעגער.

מלכה האָט פאַרדעקט איר פּנים מיטן קאָפּ־טיכל. פאַרשטעלט פון די בייזיקע פליגן, וועלכע האָבן געזשומעט אַרום איר.

זי איז איינגעשלאָפן.

*

דער סאַד, ווי יעדע נאַכט, ליגט פאַרוויקלט אין אַ שוואַרצער מאַסע, אַ גע־דיכטער, וועלכע דריקט אויף צעשויבערטע קשאַקעס, איינגעהויקערטע טרויבן־צווייגן. אַליך דרעמלט אונטערן נידריקן אוזבעקישן הימל.

קיין שאָרך.

אַפילו די וועכטער, מיט זייערע סענקעוואַטע שטעקנס, נאָגט פונם שאַסיי, ביים איינגאַנג אין סאַד, אויך זיי ליגן פאַרשטעקט אין טיפע אַריקן, צווישן די וויינטרויבן. קיינער וועט ניט קומען גנבענען אין דער דאַזיקער שפּעטער שעה. און אַפילו יאָ, האָבן ניט בדעה זיי, די שומרים, צו פטרן דערויף זייער ערשטן געשמאַקן שלאָף, וועלכער הייבט זיך אָן ביי נאַכט־אָנקום און ענדיקט זיך ביים מאָרגן־גלאָק.

געשמאק שלאפט זיך אין סאד, אונטער דער זיסער לופט פון וויינטרויבן, לייכטער גערויש פון בוים=בלעטער, ארומהילנדיקע דעם וויינגארטן פון אלע זייטן.

וועגן דעם דאזיקן טאקע טראכט איצט שיע, שפאנענדיק פאַזע דעם וועג.

דאס שטעטל, פונוואנען ער קומט איצט, געפעלט אים שטארק — יידן גע= פינען זיך דארטן לרוב. עטלעכע מנינים. מיט פארפאסטן ערב און מוצאי=יום= כיפור איז ער שוין באוואָרנט. וועגן דעם האט געזארגט אביעזר, דער ייד פון בוכארע. איצט בלייבט אים איבער צו טאן נאר דאס: אראפצוברענגען די עטלעכע יידן פון סאד אין שטעטל אריין — און זאלן זיי זיך געפינען אום יום=כיפור אין א יידישער סביבה.

איז ער פארביי צווישן די ביימער, צווישן די שומרים אין, איילנדיק, אוועק אויפן וועג, צו זיך אין קיביטקע. ווי ער איז זיכער, וועט ער נעכטיקן היינט די לעצטע נאכט אין סאד, יא, די לעצטע. קיינער וועט אים ניט צווינגען צו רייסן די וויינטרויבן, אפרייסן זיך ס'חיות. שיע איז אן עקשן און זיין עקשנות וועט ער ניט לאזן ברעכן...

דאס דאזיקע האט ער טאקע בדעה צו זאגן וואָלפן, זיין ביישלעפער, אים דערציילן אלץ. נאר ביז וואָס=ווען, מוז ער אויסרוען, זיך אוועקלייגן כאטש אויף עטלעכע שעה.

שפעטע מיטננאכט איז געהאנגען איבער אוזבעקיסטאן.

און שיע איז אריין צו זיך אין דער קיביטקע.

ביי די ערשטע טריט שטעלן איבער דער לייטיקער ערד, האט ער גלייך דערפילט אן ענגשאפט, וואס האט דערגרייכט צו אים פון א געדיכט שנארכן. ער האט געוואָלט א רוף טאן וואָלפן, נאר גלייך האט ער געהאט א ישוב: ניט איבערוועקן אים, דעם מידן בחור, נאך א טאג שווערער ארבעט אן עבירה. האט ער, מיט די פיס, דערטאפט זיין ווינקל, זיין בינטל שטרוי, דערפילט א ווייכע זאך ליגן דערויף. מסתמא איז עס וואָלף, יא, זיכער ער.

האט ער אריבערגעצויגן דעם וואטניק איבערן קאפ און זיך אראפגעלאזט אויף די עטלעכע אפערגערוקטע שטרויען, ארויסשטארנדיקע פון זיין בינטל קאמיש. ער וועט שוין ווי ס'איז דורכשטופן די איבערגעבליבענע נאכט=שעהן און וואָלפן ניט איבערוועקן, ניט הייסן אים זיך אפרוקן.

איצט איז די לופט אין דער קיביטקע געווארן געדיכטער, ווי פריער, אויס= געפילט מיט א הילכיק כראפען, וועלכעס האט זיך געריסן פון שיעס פאר=

טרוקנטן האלז, זיך אויסגעמישט מיטן שנארכן פון מלכהן און פון יענעם ווינקל, ווו ס'איז געלעגן וואָלף מיט א צעעפנט מויל, מיט א פנים ארומגע־וויקלט אין נאסע האנטעכער.

קאפיטל נײַן

דאס ערשטע מאל, זינט ער, דער בעסאראבער דאקטער, ארבעט אין סאַ־, האט ער היינט די ערשטע שלאפלאזע נאכט: אָט, איז ארויס פון אים, מיט אַ צע־האקט פנים, וואָלף און אָט האט מען אריינגעברענגט צו אים פייזלען, אַ שרייענ־דיקן, אַ שעלטנדיקן. וואס אַזעלכעס איז פארגעקומען אָטאָ דאָ אין סאַד, אין דער שפעטער נאכט־שעה? ער וויל ניט וויסן. ס'איז אים אַלצאיינס. ער דארף רוען. און פייזל רייסט זיך אונטער די הענט פון די, וואס האלטן אים, וויל אנטלויפן, וויל זיך ניט געפונען ביים דאקטער. וואס־זשע איז ער געקומען דאָ אַהער? פון פייזלס קולות ארויס הערט ער, אז יידן זיינען אים באַפאַלן, אים דערהרגעט, איינגאנצן טויט געמאכט. און דאך לעבט ער, לעבט און שרייט, העכער, ווי יעדן טאג צווישן די וויינטרויבן־רייסער.

— די יידן, אך, די יידן!

— וואס, די יידן? — לייכט דער דאקטער מיטן לאָמפּ אויף פייזלס פנים, אויף זיינע נאקעטע הענט און פיס.

און געפונט דארט ניט קיין צייכן, אזעלכעס, וואס זאל גורם זיין צו ווייטיק. וואס זאל גורם זיין — אז דער דאקטער זאל צעעפנען זיינע ריחותדיקע פלעשעלעך, מיט זיי באַפארבן פייזלס אפּגעדעקט לייב.

— ווו טוט ווי, האַ, פייזל, זאג, ווו?

— איינגאנצן, דאקטער, אומעטום.

— און ווו האסטו די הויזן, האַ, פייזל, די הויזן?

— די יידן, דאקטער, די יידן האבן זיי צוגענומען.

און מער גארניט.

טאפּט ארום דער דאקטער פייזלס אויסגעפילטן גוף, זיינע מוסקולן און קען, בשום־אופן, ניט פארשטיין:

צוואס האט מען אים געברענגט דא אַהער, האַ, צוואָס?

דאס דאזיקע פרעגט ער די מענטשן, וואס האלטן אים אונטער די ארעמס און זיי ענטפערן:

— מיר האבן געהערט געשרייען, קולות, זיינען מיר געקומען צו לויפן און געפינען דעם אויפזעער אַ נאַקעטן צווישן די ווייַנטרויבן.

— אַזזוי — פאַרשטייט שוין דער דאָקטער און הייסט עפנען פייזלען ס׳מויל.

— לאָמיר נאָר אַ שמעק טאָן צו דער צונג דיינער, אַ פיל טאָן, וויפיל סאַמאָגאָן דו האָסט אויסגעטרונקען...

און פייזל נעמט פאַנאַנדער די ליפן, באַווייזט זיינע געזונטע ציין, הייבט־אָן וואַרפן מיט דער צונג, אַזוי רציחהדיק, אַזוי רוגזהדיק, אַז דער דאָקטער, מחמת שרעק, מוז אַראָפּלאָזן זיין טרוקענעם גוף אויפן הילצערנעם בענקל.

— דערהרגעט! די יידן! די יידן האָבן דער־הר־געט!

דער דאָקטער ווייס, אַז צווישן די ווייַנטרויבן געפינען זיך יידן, פוילישע יידן, וועלכע מאַכן־אָן גרויסע, גאָר־גרויסע צרות — ווילן ניט אַרבעטן: אָט, ברענגען זיי צו אים אַ „פּאַנאָם״, וועלכן זיי האָבן באַקומען פון עסן צופיל ווייַנטרויבן אין אָט — אַ לאַנגע ריי מיט רויטע, טריפנדיקע אויגן פונם שטויב, וואָס עס שיט זיך אין זיי פון צווישן די טרויבן־שטאַנגען.

און די דאָזיקע חולאתן קען מען אויסמיידן, יאָ, מען קען. און זיי ווילן ניט. זיי עסן דווקא אַ סך ווייַנטרויבן, כדי צו באַקומען דעם לויזן מאָגן; שיטן דעם שטויב אין די אויגן, כדי זיי זאָלן נעמען טריפן, ווערן רויט.

דער דאָקטער איז זיכער דערין.

און די דאָזיקע זיכערקייט נעמט זיך צו אים דערפון, וואָס זיי, די פוילישע יידן, ווילן ניט אַרבעטן.

פּאַנעם.

— די פּאַנעם האָבן דיך געשלאָגן, האַ, פייזל, די פּאַנעם.

— יאָ — וואַרפט זיך דער אויפזעער — די פוילישע פּאַנעם...

און די אַרומשטייענדיקע טרייסלען, באַדויערנדיק, מיט זייערע קעפּ, זיינען מסכים, העלפן אויפקלייבן פייזלען אויפן דאָקטערס בעטל.

— עס טוט וויי! — שרייט ער מיט רציחה — וויי, אוי וויי...

דאָס דאָזיקע שרייען נעמט זיך ניט מחמת דעם, וואָס אימעצער זאָל האָבן פון אים אָפּגעריסן אַ שטיק פלייש, אָדער צעבראָכן אויף אים אַ ביין, — עס טוט אים וויי מלכה, אָטאָ די דאָזיקע מאַלאַשקע, פאַר וועלכער ער וועט זיך שעמען איצט אַזוי שטאַרק, זיך שעמען צו באַווייזן איר זיין פנים: אים, דעם געזונטן פייזל, דעם באַלעבאָס פון סאַד, האָט מען אָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, אַראָפּ־

געצויגן פון אים אלץ, וואס האט באדעקט זיין געזונטן צוזאמענגשטעל און אים אפּגעשמיסן אין די אויגן פון אלץ און אַלעמען.

האט מאלאשקע געזען זיין נאקעט לייב, געהערט דעם אפּקלאנג פון די שמייַ. וועלכע האבן געפּלאסקעט אויף אַ ווייך ארט פון זיין קערפּער?

פּייזל שווידערט פון דעם דאזיקן געדאנק. אָטאָ דאס דאזיקע פילט אים אַן מיט ווייטיק, בושה. שרייט ער טאקע, ווארפט זיך אויפן בעטל:

— לאזט מיך, לאָאאזט... איך וועל זיי... איך וועל...

*

די דאזיקע קולות, פּייזלס, הערט ניט שיע. ער שלאָפט. ווייס ניט, וואס אזעלכעס עס איז פּארגעקומען צווישן וואָלפן און דעם אויפזועער.

אויך וואָלף ליגט אַ פּארמאטערטער אין זיין ווינקל, כראָפּעט אריין אין דעם פארטרוקנטן האנטעך, וואס פּארדעקט זיין פּנים און נאָז.

בלויז זי, מלכה, טאפּט ארום זיך מיט אירע ווייסע הענט, זוכט עפּעס אין דער פינצטער. דאס הארטע ביסל שטרוי אונטער איר קוועטשט אויף די ביינער, מאטערט. באלד וועט נעמען טאגן און דער גלאק וועט איר ארויסטרייבן צום קעסל און וואָלפן איבערלאזן אליין אָטאָ דאָ אויף דער ערד, וויל זי ניט. ניין, זי טאר ניט. ווען ניט איר שמועסן נעכטן מיטן אויפזועער אַרומן קעסל, וואלט דערצו ניט געקומען, וואלט וואלף ניט אפּער אַן ארומגעשינדענער פון אונטער פייזלס הענט.

טאַפּט מלכה ארום זיך מיט די בליקן, מיט די פינגער, וויל וויסן, צי ס'פּנים ווייטיקט נאך אויף וואלפן. זי וועט אים אבער ניט איבערוועקן. אַ שאָד. אמת, ער ליגט נאנט פון איר, כמעט צוגעטולעט. איין לייכטן שטויס און ער דערציילט איר אַלץ. זי וועט אבער צווארטן, ביז עס וועט ווערן ליכטיק, זען זיין פּנים.

מלכה געדענקט ניט, קען זיך בשום־אופן ניט דערמאנען, ווי אזוי עס איז געקומען דערצו, וואס ביידע ליגן זיי צוזאמען, זי און וואָלף, אויף איין בינטל שטרוי מסתמא האט ער געוואלט פון איר עפּעס, געוואלט שטילן די ווייטיקן. און זי האט ניט געהערט. געשלאָפן. האט ער זיך שוין אזוי אוועקגעלייגט דערנעבן, געווארט ביז זי וועט זיך איבערוועקן. און איינגעשלאָפן.

אָרעמער וואָלף.

זי איז זיכער, אז דאס ליגט טאקע דער ווארשעווער בחור נעבן איר, אָטאָ דער בחור מיט די איידעלע שטריכן אויף זיין איצט צעבלוטן פּנים.

פירט זי לייכט די פינגער איבער אימעצנס אפגערעקטע הענט, איבער אַ בינטל צעשויבערטע האָר. געדיכטע האר, שטעכיקע, וועלכע קומען פון שיעס רויטן, פארפלאנטערטן בערדל.

מלכה האט נים געהערט שיעס ארייגקומען, נים געפילט, ווי ער האט זיך אויסגעלייגט אין זיין ווינקל, נעבן זיין בינטל קאמיש, אויף וועלכן זי איז געלעגן.

קוקט זי אויף דעם ווייסן, תמימותדיקן לבנה־פנים, וואס הענגט, כמעט, אויף דער פענסטער־ראם, קוקט, דערמאנט זיך אָן איר אמאליקער היים, טאטע־מאמע, שול־חברים.

איז דאך אויך זי, די לבנה, די זעלביקע לבנה, וועלכע לייכט אָט איצט סיי אין אוזבעקיסטאן און סיי דארט ערגעץ, אויף די ווארשעווער גאלעווקעס. —

דערצייל־זשע מיר, דערצייל — שעפטשעט מלכה ארויס דורכן פענסטער — דערצייל, וואס עס טראכטן איצט וועגן מיר טאטע - מאמע, הא, וואס טראכטן זיי?...

קאפיטל צען.

איינציקווייז, זיינען ארויס פונם דאקטערס ביידל די סאַד־מענטשן, וואס האבן געפינען פייזלען אַ נאקעטן צווישן די ווייגטרויבן, אַוועק איבער די שמאָלע שטעגעלעך צו זייערע קיביטקעס. אַנגעשפּארט אויפן הארטן בענקל, איז געזעסן דער דאָקטער, געדרעמלט אין דער שפעטער נאכט־שעה, בליקנדיק אלע ווײַלע די מידע אויגן צו זיין פעלד־בעטל, אויף וועלכן ס'האט איצט געבראַפּעט דער אויפזעער. איבערן סאַד־חלל האט זיך געריסן אַ געוויין פון אייזלען, וואס האבן זיך געוואלגערט אויף די דעקעס מיט טרוקענעם קיש־מיש, ארום וועלכע ס'האבן גענאָרכט די שומרים, זייערע באלעבאַטים. און איבער אלעמען איז געהאָנגען אַ בלענדנדיקער פליך, די לבנה, שימרירט מיט איר גלאנץ אויף די הויקערס פון קעמלען, וועלכע האבן זיך געביסן מיט זייערע פארסלינעטע ציין נעבן דעם אויפזעערס ביידל.

אַ נאכט אינם אוזבעקישן סאַד.

און אין דער דאזיקער נאכט האבן אוזבעקן געבראכן צווייגן אונטער זייערע שווערע טריט, געזוכט דעם וועג, וועלכער פירט צו פייזלען דעם אויפזעער. זיי זיינען נאר־וואס געקומען פון דער סטאציע מיט זייער קאראוואן, געקומען, כדי אויפצולאָדן אויף די קעמלען קאסטנס מיט ווייגטרויבן, מיט קיש־מיש און זיי

אַוועקפירן צוריק צו דער סטאַציע, פונוואַנען מען דאַרף זיי אַוועקשיקן ערגעץ=ווו, אין דער ווייטער וועלט אַריין.

און דער באַלעבאָס איז ניטאָ.

אויך די שומרים, וועלכע האָבן זיך איבערגעוועקט צוליבן טומל אין סאַד, אויך זיי קנייטשן זייערע בערדיקע באַקן, פאַרשטייען ניט, ווי אַזוי, דורך וועלכן וועג, איז אַריינגעקומען דער קאַראַוואַן; ווו עס נעמט זיך איצט פייזל.

זעצן זיי זיך אַלע פאַנאַנדער, מיט די פיס פאַרפלאָכטן אונטער זיך, אַרום די טרוקענע ראָזשינקעס, צינדן פאַנאַנדער אַ פייער, לייגן אַרויף דערויף פייכטע בלעטער, וועלכע דושען אַרויס פון זיך אַ געדיכטן רויך, וואָס פאַריאָגט די בייסיקע קאָמאַרעס פון זייערע בערדיקע פּנימער.

— הוי, כודוי! — זיפצט איינער צום צווייטן.

— יאַמאַן, אַקאַ — ענטפערט דער צווייטער.

און אַ דריטער מאַכט אַ גריבעלע אין דער האַנט=פלאַך, פילט עס אויס מיט „נאָס", נעמט פאַנאַנדער די באַוואַקסענע ליפן, באַשיט דעם גומען מיטן גריגעם, בייסנדיקן טאַבאַק.

און אַלע צוזאַמען טרונקען גרינעם טיי פון אַן ערדן שיסעלע, מיט וועלכן ס'איז זיי מכבד איינער פון די שומרים.

— זשאַכטשי=טשיי — זאָגט דער אוזבעק מיטן טאַבאַק אונטערן גומען.

און די איבעריקע זיינען מסכים:

— יאַכשי, באַבײ.

בשעת=מעשה לייגן זיי אַרויף די הענט אויפן האַרץ, פאַרענדיקנדיק מיט הכנעה:

— ראַכמאַט.

דערנאָך וואַרפן זיי פאַנאַנדער די פינגער איבערן קיש=מיש, וואַרפן אָנגעפילטע פויסטן צווישן באָרד= און וואָנסעס, קנאַקנדיק איבער זיי מיט די ציין, אַזוי, אַז די שומרים נעמען טרייסלען די פיס אונטער זיך.

— באַלדע=מע! — זאָגט איינער.

בלייבן דאָן הענגען הענט אינדערלופטן, ציען זיך צוריק פון די זיסע ראַזשינקעס, צו וועלכע די היטער לאָזן זיך ניט צורירן.

לייגט מען זיך פאַנאַנדער איבער דער גראָזיקער ערד, וואַרטנדיק, ביז פייזל וועט קומען, געבן די קאַסטנס מיט ווייַנטרויבן, וואָס זיי דאַרפן אַוועקפירן צו דער סטאַציע.

*

און דער אויפזועער מענהט אַריין אינם דאָקטער:

— גיב מיר דעם כּאַלאַט דיינעם, גיב מיר, וועל איך ארויסגיין, וועל איך...

— ניין, דעם כּאַלאַט וועל איך דיר ניט געבן — זאָגט דער דאָקטער — ניט געבן און שוין.

— זעסט דאָך, אז כ'בין אַ נאַקעטער — בעט זיך ביי אים פּייזל — זעסט דאָך, אז דיינע פּאַנעם האָבן פון מיר אַלץ אַראָפּגעצויגן...

— אָבער דעם כּאַלאַט וועל איך דיר ניט געבן.

— פאַרוואָס?

— ווייל דו וועסט אים ניט צוריקברענגען.

— כ'שווער ביי גאָט...

פּייזלען האָבן געשטיקט טרערן. ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו פאַרדעקן זיין חרפּה — אָטאָ די שאַנד פון שטיין ביים דאָקטער מיט בעטנדיקע אויגן; פון ניט קענען באַווייזן זיך פאַר די סאָר־מענטשן.

— און קיין הויזן האָב איך ניט, ניין, די איינציקע הויזן האָבן זיי צוגענו־מען ביי מיר...

— איז ווי אזוי וועסטו ארויסגיין צו דער ארבעט, האָ, פּייזל?

— כ'וועל שוין, דאָקטער, כ'וועל שוין — האָט ער ארויפגעצויגן אויף זיין נאַקעטער פּלייצע דעם דאָקטערס ווייסן כּאַלאַט און ארויס אינדרויסן.

דער נאַכטיקער חושך האָט געדושעט אויפן לייטמענעם שטיבל, אין וועלכן ס'זיינען געלעגן וואָלף, מלכּה און שיע. די לעצטע לבנה־פלעקן האָבן זיך געקלאָ־מערט אויף דער פענסטער־ראָם, זיך געטולעט אין די ליידיקע ווינקלען און, לסוף, פאַרשווינדן. צוזאַמען מיט דער לבנה, הינטערן שניי־באַרג אויפן נידריקן האָרי־זאָנט.

איצט האָט זיך גענומען דראָפּען אַ טונקעלע בלאַקייט אונטערן פאַרשפּינ־וועבטן סופיט, גענומען ארויסשיילן ברודיק־ווייסע קאַלך־פּלעקן אויף די ארומ־געשיילטע ווענט.

אוזבעקישער פריער פאַרטאָג האָט זיך גענומען וועקן איבער ווינטרויבן־שטאַנגען און אַריקן.

און שיע האָלט פאַרקוועטשט זיין קאָפּ צווישן מלכּה'ס צעשויבערטע האָר.

— הערסטו, וואָלף — רעדט ער אריין אין איר — באַלד גיין מיר אין שטעטל אַריין, הערסט, באַלד.

מלכּה איז זיכער, אז דאָס רעדט וואָלף פון שלאָף. גלעט זי שיען איבערן

בערדל, באַרואיקט אים:

— שלאָף נאך אַ ביסל, וואָלף, שלאָף, באלד וועלן מיר אריינגיין צום דאָקטער.

אויך שיע איז זיכער, אז דאס חלומט זיך וואָלפן דער דאָקטער, אָטאָ דער זעלביקער, וואס האט ניט געוואלט געבן אַ צעטל, צו באַפרייען זיי פון דער ארבעט איבער יום־כיפור. איצט, אבער, נייטיקט ער זיך שוין מער ניט אין דאקטערס צעטל. ער וועט אַוועק אין שטעטל צוזאמען מיט אלע יידן, וואס ארבעטן אין סאָד, דארט אפּריכטן דעם יום־כיפור־תענית.

זאָגט ער דעריבער צו מלכהן:

— גיין, וואָלף, מער צום דאקטער גיי איך ניט, גיין, גענוג.

— און דאס פּנים טוט נאך וויי? — וויל מלכה וויסן.

שיע וויים, אז עס טאָן אים וויי די ביינער, אלץ אויף אים; וואס עפּעס פרעגט אים וואָלף, וועגן פּנים? און בכלל הייבט אים אן ווערן קשה די שטים, וועלכע ער הערט איצט. ביי וואָלפן איז דער כוח־הדיבור אַן אנדערער, ווי ביי דעם־אָ, וואס ליגט נעבן אים. און אפשר גערמט זיך דאס דערפון, מחמת וואָלף איז פארשלאפן און בשעתן שלאף קלינגט די שטים אנדערש, ווי בשעת מ׳איז וואַך. אלצאיינס. ער וועט שוין צוווארטן, ביז עס וועט ווערן ליכטיק, אַוועק מיט וואָלפן צו די יידן, וואס טרוקענען ראזשינקעס און אלע, יא, אלע, וועלן אַוועק פונדאנען, אַוועק, כדי מער ניט צוריקצוקומען.

אָט, מיט אַזעלכע מחשבותן איז געווען אויסגעפּילט שיעס מח אינם ערב־אוזבעקישן פרימארגן און ער האט לגמרי ניט געוווסט, אז פייזל שטייט אויף דער שוועל פון קיביטקע, כמעט ביי אים צוקאָפּנס. אויך האט ער ניט געוווסט, אז ער, דער אויפזעער, טראכט ס׳אייגענע, וואס שיע.

ניט כדאי צו האבן קיין עסקים מיט זיי, האט פייזל באשלאָסן, גלייכער זיי הייסן גיין פונדאנען, אנטלויפן — און זאל ער זיי מער ניט זען פאר די אויגן.

איז ער געשטאנען אויף דער שוועל, געבויגן דעם ווייסן כאַלאַט רעכטס, לינקס, געהערט אַ שטיל שושקען און קיין פּנים ניט געזען.

ביז שיע האט זיך געטאן אַ האסטיקן הייב פון דער ערד, אַ לויף צום ארויס־גאַנג.

— היי, פּאָפּ! — איז פייזל אָפּגעשפּרונגען אַ דערשראקענער — אויך דו ווילסט מיך שלאָגן, הא, פּאָפּ?!

שיע האט זיך אבער מער דערשראקן פון פייזלען. דאס האט מען דערקענט אן זיין טרייסלענדיקן בערדל, וואס האט זיך געבלאָזט אין דער הורכזיכטיקייט פון מארגן־אויפגאנג. ער האט קדחתעווועט איבער וואלפס געלעגער, אויף וועלכן ער איז ארויפגעפאלן.

און מלכה האט זיך געטולעט אין אַ ווינקל, ניט פארשטאנען, וואס עס סומט־פאר ארום איר: ווער איז דאס דער ייד מיט דער באָרד, האַ, ווער איז ער און וואס האט ער געוואלט נעבן איר אַ גאנצע נאכט?

און אַט, זעט זי דורכן מיר־לאך איינעם איינגעהילט אין ווייסן. זי דערקענט פייזלס דייטש־לשון, זיין אוזבעקישן קווימש. וואס וויל ער אַט איצט, אינם ערב טאג־אויפגאנג און וואס עפעס איז ער איינגעהילט אין ווייסן?

איבערן ענגן שטוב־חלל טראגט זיך אַ כליפען. דאס וויינט שיע, וויינט אין די פארשטערטע עשרת־ימי־תשובה, אינם פארשוועכטן ערב־יום־כיפור. ער פילט גארניט, הערט גארניט, וויל נאר וויסן:

— ווער איז זי, אַטאָ די דאזיקע חצופה, האַ, ווער איז זי?

— רב יהושע, שווייגט רב יהושע — קרעכצט וואלף — קריכט אראפ פון מיר רב יהושע, וואס דושעט איר אויף מיר, האַ, וואָס!?

און מלכה הערט וואלפס קרעכצן. טוט זי זיך אַ ריר פון ווינקל און בלייבט צוריק שטיין אויפן אָרט. וואָלף איז איר פריינט. ער ווייס, אז זי איז גארניט שולדיק, גיין, גארניט. ער וועט זי פארענטפערן פאר דעם ייד מיט דער באָרד. יאָ, זיכער. וואס טוט מען אבער מיטן אויפזועער, האַ? צי איז ער ניט געקומען דאָ אַהער מיט די דייטשן פון סאַד, כדי נקמה צו נעמען אן וואלפן, אן איר, פאר דער געכטיקער נאכט?

דער פרימארגן נעמט זיך אוועקשטעלן אין מיטן פונם שטיבל. וואלף ווארפט אראָפ די האנטעכער פונם צעדראפעטן פנים, טרייסלט־אפ שיען פון זיינע איינגעדרייטע פיס. זייערביידענס אויסזען — ווי זיי וואָלטן נאר־וואס ארויס פון אַ געפרווירן וואסער.

— רב יהושע, אַ גוטן אויפשטיין, רב יהושע...

שיע ענטפערט ניט. וואָלף דערזעט אַ האלב־נאקעטן דעם אויפזועער, זעט זיינע גלאנציקע באקן, אויפגעלאפענע מוסקולן אויף די נאקעטע הענט און פיס. שטעלט ער זיך אוועק נעבן אים.

— נו, וואסי, וואס ביזטו געקומען דאָ אַהער, האַ?

— גיב מיר די הויזן, זאג איך דיר, הערסט, גיב מיר די הויזן און אנטלויף פון דאַנען.

— איך וועל אנטלויפן נאך פריער, איידער כ׳וועל דיר געבן די הויזן; איך האב ניט דיינע הויזן.

— ווער דען האט זיי?

— גיי אַוועק פון דאַנען, זאג איך דיר, גיי אַוועק.

מלכה שטייט אַ צאַפּלדיקע אין מיטן פונם שטיבל. שיע זאגט „מה טובו" אויף אַ קול. אַ הילכיק געקלאנג פון אייזן אויף אייזן נעמט זיך קייקלען איבערן וויינטרויבן=סאַד. דער גלאק רופט די וויינטרויבן = רייסער צווישן די שטאַנגען.

און די אוזבעקישע קעמל=טרייבער באגריסן פונדערווייטן פייזלען דעם אויפזועער:

— אַה, סאַלאַם = אַלייקום, ראַיס, יאַכשי=מעעע!...

קאַפּיטל עלף

פּייזל האט צוגעלייגט זיין רעכטע האנט צום הארץ, געענטפערט די אוזבעקן אויף זייער באגריסונג, ניט אפּקערנדיק דעם בליק פון וואָלפן. איצט, אין דער דאָזיקער מינוט, האט ער זיך געפילט שטארקער, ווי אין נעכטיקן אָוונט, זיך געפילט ארומגערינגלט פון אייגענע, וועלכע וועלן אים באשיצן קעגן דעם אָנפאלער, וואָלף, קעגן מלכהן, וואס האט געשפּיזט אויף אים מיט אירע ניט=אויסגעשלאָפענע אויגן.

— היי, אַכמעד — האט ער באפוילן צו איינעם פון די קעמל=טרייבער — נעם זיי, אַכמעד, צום ארויפלאָדענען די קעסטלעך, נו, גיכער, וואס שטייסטו!

— נימאַ דידע? — האט געענטפערט דער אוזבעק מיט אַ פראַגע, ניט פארשטייענדיק, פארוואס פּייזל שטייט אַ נאַקעטער, פארוואס ער אַליין טרייבט ניט זיינע מענטשן צו דער ארבעט.

אבער פּייזל האט דעם אוזבעק ניט געלאָזט לאנג טראכטן. האט ארייגעשטעקט זיינע פינגער אינם געפארבטן גארטל, וועלכער האט ארומגעוויקלט אַכמעדס וואַטענעם כאַלאַט, אים ארייגעצויגן, נאך זיך, אין דער קיביטקע; הינטער זיי — די איבריקע אוזבעקן.

אַ פארדבקהטער, איז געלעגן שיע אויף זיין בינטל שטרוי, פארטאָן אינם „שהרית", וועלכן ער האט ארויסגעפרעפּלט פון צווישנם רויטן בערדל און וואַנגעס. זיין עובדא איז איצט, אינם היינטיקן טאג, וואס = מער צו דאַווענען, בעטן

ביים אל מלא רחמים אינם ערב־יום־כיפור אַ מחילה פֿאר זיך און פֿאר אלע, וואס זיינען געווען גורמים בניזוקין, אים צוגעברענגט צי זינד. שיע וויים, אז די היינטיקע נאכט איז געווען אַ שוגג־נאכט, אַ נאכט, אין וועלכער כביכול האט אים אויסגעפרוווט; דעם לעצטן פרווו געמאכט איבער אים: וועט ער ביישטיין דעם נסיון, אדער ניין. און שיע איז בייגעשטאנען. איצט פילט ער זיך ריין, פילט ער זיך, ווי אַ ייד, וואס קען רופן יידן צו תשובה.

האט ער זיך, האסטיק, אַ הייב געטאן פֿון ארט. דער ארויסגאנג איז געווען פֿארשטאפט מיט די אוזבעקן. שיע האט אריינגעווארפן זיין פֿארדארט גוף צווישן זיי, אַ געשריי געטאן:

— קאָטש!

און אַרויס אינם סאָד.

איצט איז וואלף שטיין געבליבן איינער אַליין, פנים אל פנים, מיט פייזלעס מלכה האט געביסן די ציין אין איר ווינקל. וואס וועט זיין איצט, האַ, וואס וועט זיין. די אוזבעקן וועלן אים זיכער דערהרגענען. יאָ. זיכער. און פֿאַרוואָס איז אַוועק דער ייד מיט דער באָרד, האַ, פֿאַרוואָס. האט ער דאך געקענט העלפֿן באשיצן וואָלפֿן.

אָבער שיע איז געלאָפֿן אַ פֿארסאַפֿעטער איבער די סאָד־שטעגעלעך, געפּאַטשט מיט זיינע נאקעטע פיס־טריט איבער הייסן זאמד, וועלכער האט שוין געגומען גליען פֿון דער אוזבעקישער פרימארגן־זון. וווהין לויפֿט ער? יאָ. צו די בחורים ארומן קיש־מיש. וועט זיי הייסן זיך גרייטן מקבל צו זיין דעם יום־כיפור, זיין גרייט צו גיין מיט אים אינם שטעטל יאַנגי־יול.

דעם היינטיקן טאג, האט דער סאָד אַן אַנדערן אויסזען, ווי אין די טעג פֿון אַ גאנצער וואָך. אָנשטאָט, וואס ביז איצט, זיינען די ווייַנטרויבן־בײטן געוואָרן אויסגעפילט גלייך נאכן פרימארגן־גלאָק, שטיין איצט די ווייַנטרויבן־רייסער ארום זייערע ליימענע הייזקעס, טראגן ארויס פֿון דארט די בעטן, קאָלדרעס, טעפּ, לייִדיקן־אויס די שטיבלעך און פֿארן אַוועק צו דער סטאציע. דאס ליידיקט מען אויס די דייטשע קאָלאָניע פֿון אירע באַלעבאַטים, שיקט מען זיי אַוועק ערגעץ אין די ווייטע מקומות און, צוזאמען מיט זיי, אויך דעם נאָמען פֿון זייער קאָלאָניע — קויפֿמאן. פֿון איצט אָן וועט מען רופן ס'שטעטל, די סעדער ארום — יאַנגי־יול: נייע טעג, אויף אוזבעקיש לשון.

„נייע טעג", פֿאר ווועמען? שיע וויל ניט האבן קיין הנאה פֿון זיי, פֿון די דאָזיקע נייע טעג, וועלכע רוקן זיך אן אינם ווייַנטרויבן־סאד. ער וויים, אז אַ מלחמה

איז אויף דער וועלט, אז דארט, אויף יענער וועלט, ווו די מלחמה איז, האט ער איבערגעלאזט א ווייב, א קינד, א רבין אינם שטעטל גער, חסידים, א לעבן, מיט אמתע, זאפטיקע גייע טעג... און דאָ פּטרט ער זייגע וואָכן ארום א שיסל דזשוגאַ־ראַ, קאַשע אזעלכע, ס'אייגציקע, פאר וועלכן מען וויל לעבן, רייסן וויינטרויבן... אַ שיסל דזשוגאַראַ־קאַשע — דער יש אינם מענטשס עולמות עליונות... ניין, שיע וועט קיינמאל גיט מוחל זיין יענעם טאג, וועלכער האט אים אַוועקגעפירט פון זיין רבין, פון זיין שטעטל, פון זיין ווייב און קינד. צרות רבים איז אַ האלבער טרייסט. און דאָ, זאגט מען, איז קיין צרות ניטא, ממילא קען דאך קיין טרייסט ניט זיין... און אַז דעם נחמו־נחמו קענען יידן ניט זיין קיין פאלק...

אַזוי טראכטנדיק און אזוי לויפנדיק, האט שיע דערגרייכט צום ארט, ווו עס ליגן פאנאנדערגעשפּרייט וויינטרויבן צום טרוקענען, ווו יעדן טאג שרפהנען בחו־רים, יידישע בחורים, אונטער דער זונס חמימה.

און איצט טרעפט ער דאָ ניט קיינעם.

נאר פּלוצלינג, הערט ער רופן זיין נאָמען:

— רב יהושע, הע, רב יהושע!

דרייט ער אוים זיין בערדל און זעט עמלעכע פון די בחורים גיין צום שאסיי.

— שאַטיץ — זאגן זיי צו אים — שרייטץ ניט, זאל קיינער ניט וויסן.

— און זיי דאַרט, ווו לאזט איטץ זיי איבער, האַ?

שיע האט בשום אופן ניט געוואלט מסכים זיין, אוועקצוגיין פונדאנען און אי־בערלאזן וואלפן דאָ, איבערלאזן דאס יידישע מיידל, וועלכע ער מוז נאך חוקר ודורש זיין, ווער זי איז אַזעלכעס און וואס זי האט געוואלט פון אים ביינאכט, אויף זיין געלעגער.

האט ער געזאגט:

— ניין!

און ס'איז געבליבן:

אַלע גיין אַוועק צו וואָלפן, צו מלכהן, זיי ארויסנעמען פון פייזלס הענט.

*

בייסן זיך קעמלען מיט פארסליגעטע ציין ארום דעם אויפזעערס ביידל. איילן אוזבעקן אַוועקצופירן די וויינטרויבן צו דער סטאציע. וואלגערן אייזלען זייערע אפּגעקראכענע גופים אויף קלעפּיקע ראזשינקעס. שרומפּן־איין וויינטרויבן אויף אפּגעדארטע צווייגלעך אונטער דער ברענענדיקער זון.

און פײַזל, דער אויפֿזעער איבערן װײַנטרויבן־סאַד, טרײסלט מיט זײַנע נײַנצן יאָר איבער װאָלפֿן, קנאַקט מיט זײַנע געזונטע, נאַקעטע מוסקולן אַרום מלכהן. איצט איז זײַן שעה. מאַלאַשקען װעט ער אַװעקנעמען צו זיך אין קיביטקע און אים, װאָלפֿן, פֿאַרטרײַבן, אַרויסטרײַבן פֿונדאַנען, פֿון זײַן סאַד.

— נעמט אים צו די קאַסטנס — האָט ער געשריגן אויף די אוזבעקן — פֿירט אים אַװעק צו דער סטאַציע און זאָל ער אַװעקפֿירן די קאַסטנס, זאָל ער...

— קעל־מע — זאָגט אַכמעד צו װאָלפֿן — קום, לאָמיר גײן...

און װאָלף, פֿון זײַן װינקל, קוקט אויפֿן בערדיקן אוזבעק, אויף דער אַפּגע־קראַכענער יאַרמלקע, װעלכע פֿאַרדעקט זײַן אַרומגעגאָלטן קאָפּ.

— טאַכטאַאַ — ענטפֿערט ער אים מיט אַ פֿאַרביסענעם שמײכל צװישן די ליפּן.

און װײלן װײל ער אים זאָגן דערמיט, אַז ער, װאָלף, איז ניט קײן פֿאַרקױפֿטער, נײַן, ער איז דאָס ניט — אַז דער אוזבעק קען אַ ביסל צװוּאַרטן, יאָ, ער קען... אויך װעט ער פּײַזלען ניט לאָזן זיך צורירן צו מלכהן. ער װעט שלאָגן מיט זײַנע לעצטע כּחות, שלאָגן, ביז ס׳חיות װעט אויסגײן.

— מלכה! — טוט ער פֿלוצלינג אַ געשרײַ צום איבערגעשראָקענעם מײדל — קום, מיר גײען פֿון דאַנען.

— װאָס האָסטו געזאָגט? — דושעט־צו פּײַזל זײַן גוף צו װאָלפֿס — שוין זאָלסטו זאָגן, װאָס דו האָסט געזאָגט!

װאָלפֿן האָט אַ שלאָג געטאָן אויפֿן צעדראַפּעטן פּנים אַ היץ פֿון פּײַזלס צע־פּאַרעטן קערפּער, פֿון זײַנע טאַנצנדיקע מוסקולן אויף די גלאַנציקע באַקן. אַכמעד האָט אַראָפּגעלאָזט די אויפֿגעהױבענע האַנט, װעלכע האָט זיך געהױבן צום גע־עפֿנטן מויל, כּדי אַרײַנצוװאַרפֿן דאָרט אַ קופּקעלע מיט גרינעם „נאָס”.

— נימאַ בו? — האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרװאָס אינגעטינדרינע צו דאַרפֿן זיך שלאָגן.

האָט ער אַרײַנגעקװעטשט זײַן ברײטן געשטעל צװישן פּײַזלען און װאָלפֿן, זײ פֿאַנאַנדערגענומען. אָבער ניט אויף לאַנג.

אין דער קיביטקע זײַנען אַרײַן שיע, די בחורים פֿון אַרום דעם קיש־מיש, אַרײַן אַלע מיטאַמאָל אַ מאַן אַכט, אַ װאָרף געטאָן אויף פּײַזלען זײַן פּעקל מיט מלבושים.

— נאָ — האָבן אַלע גלײַך אַ געשרײַ געטאָן — ט׳האָסטו און מער זאָלסטו ניט משעפּען מיט אַן אונדזעריקן...

פייזל האט שנעל ארויפגעצויגן אויף זיך די הויזן, ס'העמד, זיך געווארפן פון איין בחור צום צווייטן, געווארפן, רציחהדיק, זיינע הענט אין זייערע פנימער.

און דאס איז פארגעקומען גיך. כהרף עין. ווארום, פייזל איז געווען זיכער, אז אכמעד, דער אנפירער פון די אזבעקן, וועט א רוף טאן זיינע לייט און אלע וועלן זיי אים העלפן שלאגן די פאנעס.

נאר אכמעד האט אויסגעשפיגן א זשמעניע מיט גרינער פליסיקייט אויף דער שוועל, אוועק מיט די אנטרייבער צו די קעמלען.

און אינווייניק, אין דער קיביטקע, האבן זיך געוואלגערט די בחורים איינער אויפן צווייטן, אלע צוזאמען אויף פייזלען, געוועלגערט זיין מגושמדיק לייב, גע־קנייפט אויפן פלייש, ווי אין צעקנעטן טייג, אויספילנדיק דעם חלל מיט תענוגדיקע קולות:

— אוך ־ בוך... אוך ־ בוך...

אין איר ווינקל האט געשריגן מלכה, איבערגעשריגן אלעמען.

און ביי זיך אין ביידל, האט דער דאקטער, איינהערנדיק זיך צו די קולות, פאנאנדערגעעפנט זיינע געפארבטע פלעשעלעך, זיי פאנאנדערגעשטעלט אויפן טיש: באלד וועט ער מיט זיי אויספארבן די צעריסענע לייבער פון די סאד־מענטשן....

דער ערשטער האט ארויסגעטראגן זיין צעקאדלט בערדל שיע; נאך אים די איבריקע; אמלעצטן זיינען ארוים וואלף מיט מלכהן, ווארפנדיק זייער צעשראקע־נעם בליק אויפן צעקיילטן פייזל, וואס האט, ליגנדיק אויף דער ערד, געטאפט ארום זיך מיט די הענט. דאס האט ער געזוכט די הויזן. וועלכע די בחורים האבן אראפגעצויגן פון אים, מיטגענומען מיט זיך.

*

אין סאד האט געגליט די ערב־מיטאג־זון. איבערן שאסיי האט זיך געצויגן א קאראוואן מיט קלינגענדיקע קעמלען, מיט טאנצנדיקע אוזבעקן אויף זיי.

און אין ביידע זייטן האבן געאיילט בהורים. יידישע בחורים און א יידיש מיידל, געאיילט נאך שיען, וועלכער איז געלאפן פאראויס אינם שטעטל אריין, אנ־זאגן אביעזרן, דעם בוכארער ייד, אז יירן קומען אפריכטן דעם הייליקן טאג פון יום־כיפור.

ביים וואקזאל

גלייך, נאך יום־כיפור, האט זיך געשטעלט דער אוזבעקישער הערבסט איבערן שטעטל יאַנגי־יול — אַ הערבסט, ניט ווי אויף דער גאנצער וועלט; אנשטאט, וואס אומעטום, מחוץ אוזבעקיסטאן, שפּריצט דער רעגן אלכסונדיק, שניידט זיך איין אין גוף, געווינט אים צו צום אנקומענדיקן ווינטער, האט ער, דער רעגן, אינם שטעטל יאנגי־יול, בלויז געגריזשעט דאס ליים אויף דער ערד, עס צעלעכערט, צעטאַפּטשעט, געמאכט אויפגעשוואלן. און באקומען האט זי, די ערד, דאן אן אויסזען, ווי עס האבן אויסגעזען די פּנימער פון מענטשן, וואס האבן זיך געקלאמערט ארום די ביימער אויפן פּלעצל, נעבן וואקזאל.

ניט אנדערש.

און גענומען האט זיך דאס דערפון, ניט מחמת ווייל דער רעגן האט אזוי דורכגעפּרוירן די דאזיקע מענטשן, איינגעשרומפּן זייערע פּנימער. ניין, פארקערט. דער רעגן איז געווען א ווארעמער, א זוניקער, ווי דער שטיינער איז אינם אוזבעקישן הערבסט. נאָר אויב זייגען די דאָזיקע מענטשן ארום דער שטעטלשער סטאַציע געזעסן פארדאנהט, פארמרהשחורהט, איז עס געווען צוליב דעם, וואס דער רעגן האט געזאמלט קאלוזשעס ארום די ביימער, געטריבן זיי פון בערגל צו בערגל, ניט געבנדיק קיין מנוחה די פּאסאזשירן, וועלכע האבן געוואָלט רוען אויף א טרוקן שטיקל פּלאַץ.

קלעפּיקע בלאָטע און ערדיקע פּנימער ארומן וואקזאל פונם שטעטל יאַנגי־יול.

הערבסט ניינצן איין און פערציק.

און אינם דאָזיקן הערבסט האבן לאנגע עשאַלאָנען געשניטן די רעדער אונטער זיך אויף רעלסן, וועלכע האָבן געגליט איבער לאנגע קילאָמעטערס אוזבעקישער ערד.

און אין די דאזיקע טעג האָבן עשאַלאָנען זיך אויסגעלײדיקט אויף קלײנע שטעטלשע סטאַציעס, פאַרפּילגריק זײ מיט קינדער־געװײן, פּעק און קרעכצנדיקע ײדענעס אויף זײ.

אַ מלחמה אַרום אוזבעקיסטאַן.

זיצן ײדן אויף שװערע קאַסטנס. ליגן קינדער אין געפּלאַצטע קישנס. װאָרע־מען ײדענעס פאַריסטע טשײניקעס אויף פאַרשװאַרצטע ציגל, פאַרחושכן דעם זו־גיקן רעגן.

און צװישן דעם אַלעם פּלאָנטערט אַרום מיט זײנע באָרװעסע פּיס־פּלאַכן אַ יונגער בחור, אײנגעװיקלט אין אַ צװיטיקן װאַטניק — װאָלף הײסט ער.

שױן דעם דריטן, אָדער פערטן מעת־לעת.

— גיט אַ ביסל װאַרעם װאַסער — בעט ער זיך בײ אײן ײדענע, בײ אַ צװײ־טער — גיט, אָט אָ דאָרט ליגט אַ קראַנקע ליגט, אַ שלאָף מײדל...

נעבן דעם דאָזיקן מײדל, װאָס איז אײנגעהילט מיט היץ און קעלט, זיצט אַנ־געשפּאַרט אָן אַן אַרומגעגרײזשעטן בױם אַ באַבערדלטער ײד, שיע, זיצט און פאַר־שטײט ניט, װאָס עס בינדט אים זי, דאָס מײדל, מלכה, פאַרשטײט ניט און דאָך טולעט ער זיך צו איר.

דערפאַר, װײל זײ בײדע, ער און דעם מײדלס טאַטע, האָבן געהאַט אײן רבין, געװען בײדע חסידים אינם פּױלישן שטעטל, גער.

— נאַ, מלכה, טרונק — בעט זיך שיע בײם מײדל — טרונק אַ ביסל װאַרעם װאַסער, נאַ...

שאַרט מלכה פאַנאַנדער די האָר פון אַרום געגעצטן פּנים, צעװײסט עטלעכע פון אירע פאַרדערשטע צײן, צעעפנט די אױגן־שניטן, פוגװעלכע עס קוקט אַרױס אַ מאַטער גלאַנץ.

— אַ ישר־כּוח — זאָגט זי — אַ שײנעם דאַנק.

און פאַרגעצט די ליפּן מיט עטלעכע טראָפּנס לעבלעכע װאַסער.

און ערגעץ אַרומן װאָקזאַל שטופּט זיך װאָלף מיט זײנע אַרומגעפּליקטע עלנ־בױגנס, שטופּט פאַראױס די נאַקעטע קני, אײלט צו די װאַגאָנעס פונם אָנגעקו־מענעם עשאַלאָן.

— ײדן, װײנטרױבן, װײנטרױבן — שרײט ער מיט אַ פאַרדומפּן קול — װײנ־טרױבן טױש איך פאַר ברױט, ײדן...

שטעקן אַרױס צעשױבערטע ײדענעס זײערע קעפּ פון צעפּראַלטע װאַגאָנ־טירן, כאַפּן די גלאַנציקע װײנטרױבן־שטאַנגען פון צװישן װאָלפס ברודיקע פינגער,

פילן־און זיין פאנאנדערגעשפרייטן וואַטניק מיט שטיקער ברויט, וועלכע האָבן זיינ־
אָפּשטאַם פון דער אוקראַאינישער און ווייסרוסישער ערד.

ברויט!

דער לאַקאָמאָטיוו לאָזט־ארויס פון זיך אַ הילכיקן גריליץ. די יידענעס פאָרן ווייטער אין זייערע בהמהשע וואַגאָנעס. קוויקנדיק זיך מיט די אוזבעקישע וויינ־טרויבן.

און וואָלף שמייכלט אין זיין וואַטניק אריין, שמייכלט דערפאַר, ווייל ברויט איז די בעסטע רפואה צום לויזן מאָגן — ברויט און הייס וואסער — און פון מלכהן ווערט פארטריבן דער „פאַנאָס"...

— גיכער, רב יהושע, גיכער — איילט ער אונטער זיין חבר, מיט וועמען ער האט געאַרבעט צוזאמען אינם וויינטרויבן־סאָד — גיכער, רב יהושע, ברענגט־צו הייס וואסער, גיכער...

ווייקט מען דאָן די פאַרדאַרטע ברויט־שטיקער אין פאַרזשאַווערטן וואַסער, קוועטשט מען ברויט־קרישקעס צווישן מלכהס ציין, וועלכע ווילן זיך דווקא ניט פאַ־נאַנדערעפענען.

— גיי אוועק — שטופּט זי אָפּ פון זיך וואָלפס האַנט — נעם־צו, כ'קען ניט...

— אָבער דו מוזט געזונט ווערן, מלכה — איילט זיך וואָלף — יאָ, דו מוזט...

אזוי במשך אַ גאַנצן טאָג.

זינט זיי זיינען אַוועק פונם וויינטרויבן־סאָד און זינט מלכה ליגט ארומן וואַקזאַל — פון יענעם טאָג אָן האָט זי ניט קיין מנוחה, איז איר באַפאַלן אַ חולאת. וואָס לאָזט זי ניט שטעלן אויף די פיס.

דאָס פּילט וואָלף. אויך שיִע פּילט דאָס.

ספּעציעל ווען עס פאַלט־צו די נאַכט.

אזוי דעם פערטן מעת־לעת.

*

אינם אוזבעקישן הערבסט ליגט דער הימל נידריק איבער די קיביטקעס. דרינגט אריין אין ליימענע הייזקעס, בלאָזט מיט אַ קעלט אין אלע ווינקעלעך פון דער אוזבעקישער ערד.

קאַלטע נעכט.

עס האבן אפילו ניט קיין פעולה די זעק, וואס יידענעס געבן, כדי אונטערצו־בעטן מלכהן אויף דער פייכטער ערד — איר איז קאַלט, אַ שוידערלעכע קעלט.

טוט דאָס דאַזיקע ווי וואָלפן: סך־הכל זיך באַקענט מיט איר עטלעכע טעג. אַן איידל קינד, פון וואַרשעווער גימנאַזיע — מיט וואָס קען ער זי העלפן.

ווארפט ער אראָפּ פון זיך דעם וואַטניק, צעהעלט זיין טונקעלן גוף קעגן דער חשכות, לייגט זיך אוועק אויפן פייכטן ליים, אויף א זאַק־שפּיץ, נעבן מלכהן.

— צי־אײַן די פיס, מלכה — פּליסטערט ער אריין אין אירע געדיכטע האר — קורטשע זיי איין, וועסטו מיטן וואַטניק פאַרדעקן אויך די קני...

דערזעט דאָן מלכה וואָלפס אָפּגעדעקט לייב אונטערן שטעכיקן הימל. שליי־דערט זי אראָפּ פון זיך זיין וואַטניק, דעקט־איין מיט אים א שטיקל פון זיין פּלייצע.

— ניין, כ'וויל ניט — מורמלט זי — אָ, ניין, אוי, גאָט...

און שיע שטייט א געבויגענער איבער זייביידן. די פייכטקייט נעמט־דורך זיינע נאַקעטע פיס. קראַצט ער מיט א פינגער אינם בערדל. ווהין זאָל ער גיין שלאָפן? ווארפט ער אויך אראָפּ פון זיך די צויטן פון זיין וואַטניק, באַדעקט מיט זיי מלכהס פיס, טולעט זיך צו מיט זיין נאַקעטער פּלייצע נעבן נאַקעטן וואָלף.

און ארום — געוויין פון קינדער אויסגעמישט מיט געקרעכץ פון אלטע, מיט א שווער עטעמען פון וואָלפן, וועלכער האלט פאַרדושעט איין זייט פון זיין הייסן גוף ארום מלכהס שווידערנדיקע ביינער, ציט אריין אין זיך איר אָטעם.

— מלכה...

— וואָלף...

און אויף דער פייכטער ערד טרייסלט שיע זיין נאַקעטע פּלייצע. ס'איז אים קאַלט. לייגט ער זיך אוועק ביי דער צווייטער זייט, נעבן מלכהן, ווארפט אריבער אן ארבל פונם וואַטניק אויף זיינע קני, דושעט זיך צו נענטער צו מלכהס פּלייצע. ס'מיידל איז שלאָף. א רחמנות.

און דער הימל פון אויבן קאַפּעט אויפן „טומאָוויניק", הינטער וועלכן זיי ליגן, שליידערט אראָפּ אויף זיי דרייען דעם לעצטן הארטן „טום", וואס קנייפּט מיט זיין נאסקייט אויף נאַקעט פלייש.

אזוי יעדע נאַכט.

ביז עס שיינט צוריק אויף די זון אויפן פּלעצל, ארום דעם וואָקזאל, אינם שטעטל יאַנגי־יול.

די „ברויט־שטאָט“

דער גרויסער אוזבעקישער רעזידענץ, טאַשקענט, די „ברויט=שטאָט“ —
טיילט אָפּ פונם קליינעם „ווייַנטרויבן=שטעטל“, יאַנגי=יול, א מהלך, עפּעס מער,
ווי א האַלבע שעה זיך קלאַמערן אויפן טרעפּל פונם לאַנגן עשאַלאָן, וועלכער פּאַ=
־עט איצט אויף דער סטאַציע.

גיט מער.

און דאָך, מאַטערן יידן זייערע מוחות, ליגנדיק אויף צעפּלאַצטע זעק אַרומן
וואָקזאַלכל — טראַכטן מעת=לעתן לאַנג, ווי אַזוי צו דערגרייכן די דאָזיקע „שטאָט
פון ברויט“, ווי אַזוי צו ברענגען זייערע צעקנייטשטע גופים, צעפּאַלנדיקע ביי=
נער אַהין, אין דער גרויסער שטאָט אַריין, וועלכע רופט זיך — טאַשקענט. —

א חלום, וועלכער פּיקט אין רעיון וואָכן=לאַנג, פון די אוקראַאינער סטע=
פּעס אָן.

און דער דאָזיקער חלום חלומט זיך אַזוי אָן אויפהער, אָן א סוף.

ווארום, דער וועג איי פאַרנומען — אַזוי זאָגט דער סטאַציע=אויפזעער —
פאַרנומען מיט פעסער ב״ז״ן און האַרמאַטן.

ס'איז מלחמה אַרום אוזבעקיסטאַן. וועמען=זשע זאָל מען פירן איבער די באַנ=
רעלסן — צעפּלאַצטע פעדערן=זעק, וועלכע זוכן א מנוחה=ווינקל, ווייט פון שונא,
אָדער כלי=זין, וואָס איילט שלאָגן דעם שונא.

אַוודאי האָט ער רעכט, דער סטאַציע=שעף. ווי דען. יחידים מוזן בטל ווערן,
ווען א מלחמה איז, יאָ, זיי מוזן צעקוועטשט ווערן, ווען דער שונא גייט אויף
א רבים, אויף מיליאָנען.

זייַנען יידן מסכים מיט די דאָזיקע מסקנות, קרעכצן זיי שווייַגנדיק, איינגדו=
שענדיק ווייַנענדיקע קינדער אין הויפנס צעקנייטשטע מלבושים.

יאמערנדיקע יחידים אויף אַן אוזבעקישער סטאַציע.

בלויז ער, דער יחיד, וואָלף, ער, וואָס פּיבערט מיט קדחת שוין די צווייטע וואָך אַרומן וואָקזאַל — אים טוט הנאה דער גאַנצער ענין. ניט מחמת דעם, וואָס אַ מלחמה איז אויף דער וועלט, נאָר — וואָלף האָט ניט קיין פּעק, קיין קליינע קינדער, אַפילו קיין פליישׂ אויף זיך. וועט ער אַ נעם טאָן זיינע צעבראָכענע ביי־נער, וואָס צעטרייסלען זיין מאַגערן גוף און —

אָט הענגט ער אויף אַ טרעפּל פון איינעם אַ וואַגאָן, וועלכער לויפט־נאָך אַנדערע וואַגאָנען, אַ לאַנגן עשאַלאָן, וואָס, אָט באַלד, וועלן זיי ביידע, ער מיטן ריזיקן צוג, זיך געפינען אין דער אויסגעחלומטער „ברויט־שטאָט", טאַשקענט.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

וואָלף — אַן איינגעקנאָדערטע פּאַדלאָגע־שמאַטע — האָט זיך אַוועקגע־שטעלט פּנים אל פּנים מיט דער רחבות פונעם אוזבעקן־לאַנד.

טאַשקענט.

ווו אַ בליק מיטן אויג — זון, זומער, צאַפּלדיקער, גרויסשטאָטישער גערויש.

אַפילו ניט קיין זכר פון רעגן, פון הערבסט, וואָס האָט געגריזשעט די ביינער אינעם וויינטרויבן־שטעטל, אויף דער סטאַציע, יאַנגי־יול.

בפרט —

אַ היימיש פּנים דערנעענטערט צו אים, אַ בחור פון וואַרשע, פון דער זאַ־מענהאָף־גאַס.

— הוי, שלום־עליכם!

— הוי, עליכם־שלום!

און גענוג.

דער בחור אַנטלויפט פון אים. איילט צום פּעראָן, צום עשאַלאָן, וועלכער האָט געבראַכט וואָלפן פונעם וויינטרויבן־שטעטל.

בלייבט וואָלף שטיין אַ פאַרזונקענער אין זון, אין קאָפּ־ווייטיק און מאַלאַ־ריע־פּיבער.

וווּהין איז ער אַוועק, דער באַקאַנטער בחור פון וואַרשע?

ער איז אַוועק צו די פּאַסאַזשירן, כדי צוצונעמען זייער געפּעק, העלפן טראָגן אין דער שטאָט אַריין.

אַ פּאַקן־טרעגער.

און גלייך, זעט ער אים לויפן צוריק מיט אַ שווערן זאַק אויף דער פּלייצע, מיט אַ וואַליזע אין די הענט.

— נא — שרייט ער צו וואָלפֿן — נעם־צו דעם טשעמאדאן, גיכער!

אבער וואָלף שטייט א צוגעוואקסענער צום אספאלט, גלייך די צעפּארעטע סמאלע אונטער אים וואָלט ארייגעזונקען זיינע פֿיס אין זיך.

שלעכט.

אלץ דרייט זיך צוזאמען מיט וואָלפֿן.

ער הערט בלויז דעם בחורס לעצטן אויסגעשריי:

— שלימזל, וועסט פגרן!...

און דערמיט ענדיקט זיך זיין גרויס־שטאטישע פרייד.

שוין.

וואָלף ווערט אראָפּגעשארט פונם רחבותדיקן פּלאַץ, וואָס פארדעקט דעם טאַשקענטער וואָקזאַל, בלייבט ליגן ערגעץ אויף א בריקל, אָן א זייט פון מענטשן־טומל, ליגט און קנאקט מיט די ציין, מיט דער מאלאריע, וואס פרעסט זיין מוח.

*

נאכט אין טאשקענט.

און ערגעץ־ווו הינטער דער שטאט, אויף אַן איינגעהויקערט בעטל, הויקערט וואָלף זיין צאַפּלדיקן גוף, דריקנדיק אונטערן אָרעם דעם טערמאמעטער.

— פערציק מיט איינס — זאגט די שפּיטאָל־שוועסטער און גייט ווייטער, צו אנדערע בעטלעך, אנדערע חולאים.

פערציק מיט איינס האט ער היץ, וואָלף.

ווייס ער איצט ניט, צי דארף ער זיין צופרידן דערמיט, מיט דער טעמפּעראטור, וואס טרוקנט־אויס זיין בלוט אין אים, אדער — כליפּען, ווי עס כליפּען די שכנים אין די בעטלעך ארום.

קלייבט ער אויס דאס ערשטע.

וואָרום, אָט ליגט ער אין א בעט, א טישעלע דערנעבן, א שיסעלע מיט ווייסע רייס דערויף; מען רופט אים „קראנקער“, — מען פרעגט אים וואס ער וויל...

אוודאי, ווען עס ווענדט זיך אָן אים, וואָלפֿן, וואלט ער געענטפערט אט איצט דעם דאקטאר מיטן ווייסן קאָפּ־שארבן, — אז ער וויל אהיים, צו טאטע־מאמע, חברים; אז ער וויל ווערן צוריק דאס, וואָס ער איז געווען אמאל... יא, דאס וויל ער.

נאר דער דאקטאר לאזט אים ניט טראכטן, הייסט ווייזן די צונג.

און ווי ער ווערט געוואָר, פונם דאקטערס פארדרייען מיט דער נאָז־שפּיץ, ווייזט־אויס, אז די חולאת זיינע, וואָלפס, שיידט זיך אונטער פון אנדערע חולאתן,

מיט וועלכע דער דאקטער עסקט זיך אויף די שפיטאל־בעטלעך — א חולאת, וואס קומט פון צופיל עסן ווייטרויבן.

אזוי זאגט דער דאקטער, און וויל וויסן:

— פונוואנען קומט דער קראנקער?

— פון ווארשע.

— און ווו איז געווען דער קראנקער מיט עטלעכע וואכן צוריק?

— אין יאנגי־יול.

— וואס האט דער קראנקער דארט געטאן?

— געריסן ווייטרויבן אין א ווייטרויבן־סאד...

— דאס איז עס! — זאגט דער דאקטער, זיכער, צו דער „שוועסטער".

און וואלף בלייבט ליגן מיט א גרימעניש אין מאגן, מיט א פארטראכטן בליק אויף די שווארצע שפיטאל־ווענט. א פליג האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין שטערן, א זלידנע פליג, וויל ניט אפטרעטן פון דארט. פארדרוסט דאס וואלפן. ער ווייס, אז פליגן טראגן־איבער חולאתן; אז זי, די דאזיקע פארעיפּושטע פליג, איז ביכולת איבערצולאזן אין אים „עפּעס". טרייבט ער זי אראפּ פון שטערן און זי קומט צוריק. אבער וואלפס שרעק איז געווען אן איבריקע.

ווייל אין עטלעכע טעג ארום האט מען אים צוריק איינגעוויקלט אין זיין צוויטיקן וואטניק, געהייסן גיין, פונוואנען ער איז געקומען.

— ביי אונדז איז ניט קיין פּענסיאנאט — האט דער דאקטאר אויפגעהויבן זיין נאז־שפּיץ — מאלאריע איז ניט קיין קרענק און „פּאנאס" האבן מיר אלע...

— וואס־זשע זאל איך איצט טאן? — צאפּלט אויף וואלפן זיין סקעלעטן־מאסקע, וויל וויסן, וווהין ער זאל גיין.

נאר קיין ענטפער האט ער ניט באקומען, ניט באקומען דערפאר, ווייל וואלפס שלימזל איז געווען גרעסער פון אים — ווייל ס'איז אים ניט געווען באשערט אויסצוזורען עטלעכע נעכט, כאטש אויף א שפיטאל־בעטל...

*

ביי וואלפן ערגעץ אין קעשענע ליגט א צעטעלע, א פּאפּירל אזא, אויף וועלכן עס שטייט אויפגעשריבן „קאשגאר" און א נומער דערנעבן. דאס דאזיקע צעטעלע האט אים געגעבן איינער א בחור דארט, אינם ווייטרויבן־שטעטל, געגעבן און געזאגט: —

זאלסט דאס איבערגעבן דעם ברודער מיינעם, הערסט, דעם ברודער, דעם אינזשעניער.

האָט וואָלף אַריינגעלייגט דעם אַדרעס אין קעשענע און געקומען מיט אים קיין טאַשקענט.

אַז ער וועט האָבן צייט, כח, וועט ער אויפזוכן ערגעץ, ווו עס געפינט זיך „קאַשגאַר“, דעם בחורס אינזשעניער, אים דערציילן, אַז דעם ברודער זיינעם האָט מען אַוועקגעשיקט צום פראָנט, שלאָגן דעם שונא. יאָ. וואָלף וועט דאָס זיכער טאָן, אָן ספקות.

שפּאַנט ער איצט איבער טאַשקענטער גאַסן. ווו אַ קער — אַספאַלט און טראַמוויי־געקלאַנג, צעשרפּעטער הימל און אייזל־געוויין.

גרויסשטאָטישער נייגער וועקט זיך אין וואָלפס רעיונות: וואַרשעווער שפּיגל־גלאַנצט פון פאַרביקע אויסשטעל־פענסטער — צעפּערטלטע העל־רויטע אַרבוזן, טונקל־רויטע ווייַנטרויבן און האָניקדיקע קאַווענעס. דאָ און דאָרט — אייזקרעם, געפלאָכטענע בייגל, זעמל, וואַרשעווער זעמל און שמאָלע, ווייסע ברויטן.

וואַרשע, מיין געבוירנשטאָט!

ס'האָט וואָלף חשק געהאַט צו פאַרוויקלען זיינע הענט אַרום יעדן לאַמטערן, אָפּשטעלן אַ פאַרביילויפער, פרעגן: —

זאָגט מיר, כ'בעט אייך, האַ, ווו געפינט זיך דאָ די גאַלעווקעס?...

נאָר וואָלף טוט דאָס ניט. ער ווייס, אַז די וואַרשעווער נאַלעווקעס ליגן איצט ווייט פונעם אוזבעקישן טאַשקענט, ווייט און פרעמד, ווי פרעמד ער, וואָלף, דרייט זיך איצט אַרום צווישן ווייסן געבעקס, רויטע אַרבוזן.

דעם מיטן פון זיין נאַקעטן קאָפּ־שאַרבן נאָגט אַ בייס־פליג. דערמאָנט זי אים אַנם שפּיטאָל־בעטל, פונוועלכן ער איז אַראָפּ, אַז דער „שוועסטערס“ שערמאַשינקע, וואָס האָט אַרומגעפּליקט די האָר פון זיין קאָפּ.

בריט די זון אויף גלאַנציקן פליך, טרוקנט־אויס פייכטקייט פון אונטערן גומען, טרייבט וואָלפן אין שאָטן פון הויך־צעוואַקסענע, לאַנגע פאַלמעס.

ראַשיקע שייגקייט פון אוזבעקיסטאַן.

טאַשקענט.

און וואָלף לאָזט־איבער צייכנס פון זיינע נאַקעטע פיס־טריט אין צעפּאַרעמער סמאָלע, לאָזט הינטער זיך גרויסשטאָטישן גערויש, סכנותדיקן געפילדער פון פאַרביקע אוזבעקן.

צווישן זיינע פינגער קנייטשט זיך אַ פּאַפּירל —

„קאַשגאַר“.

*

אָפּגערוקט פון שטאָטישע מויערן, אין אַ זייט פון אזיעס גלאַנץ, צווישן היל־צערנע הייזקעס, לייטענע קיביטקעס — קרומט זיך מאשקענטס הינטערשטאָט — קאַשגאַר.

און צווישן קרומע, בלינדע הינטערגעסלעך, וועלכע האלטן אין זיך דעם קאַש־גאַר, קעמפן אַ גאַנץ יאָר צווישן זיך די זון און די בלאָטעס, קעמפן — און ניט זיכער זיינען די שיך־זוילן, וואָס פאַרמשעפּען זיך אין קאַשגאַרער קלעפּיקן ליים.

וואָלפן אַרט דאָס אָבער ניט.

ער טראָגט שוין לאַנג ניט קיין שיך, זוילן...

גליטשט ער זיינע נאַקעטע טריט איבערן ווייכן ברוק, גליטשט און —

א ווייכער ייד שמעקט־אוים צו אים א ווייך בינטל פינגער.

— מיין ברודער, אָך, מיין ברודער! — זיפצט דער אינזשעניער, אַוועקזעצנ־דיק וואָלפן אויף אַ בענקל.

אין וואָלף צופרידן. זאָל זיין פונוואַנען עס זאָל ניט זיין, אַבי ערגעץ אָפּעסן, איבערנעכטיקן. קוקט ער אויף דעם אינזשעניערס שטוב: פּירקאַנטיקע ווענט, אַ ברייטער, ליידיקער דיל, א בעט מיט וויים בעטגעוואַנט, פונוועלכן עס טראָגט זיך א צופרידן כראָפּען.

און דעם „קאַשגאַר" האָט צוגערושעט די נאַכט.

זיצן זיי ביידע ביים פענסטער. — וואָלף אַ האלב־נאַקעטער, קריעה־בליעה, שוואַרץ, ווי דער דרויסן; קעגנאיבער — דער אינזשעניער אַ האלב־נאַקעטער, קיי־לעכיק און וויים, ווי עס וויסט זיך דער סופיט אין וואָלפס אויגן.

— פונוואַנען איך קום? — ענטפערט וואָלף דעם אינזשעניער — איך קום פון וואַרשע, קום איך, אַ וואַרשעווער.

— און עסן ווילט איר?

— יאָ, ניין, אוודאי וואָלט איך איצט עפּעס געגעסן...

קנאַקן וואָלפס ציין איבער ווייסע שטיקער ברויט מיט רויטן אַרבוז, וואַרפט זיך די צונג, סכנותדיק, צווישן ביידע גומענס, שליידערט צעווייקטע ברויט־און ארבוז־זשמעניעס אינם טאַנצנדיקן גאָרגל אריין, פונדאָרט אין האַלז און ווייַמער, ביז — ווי עס דאכט זיך אים — אז יעדער שלונג ענטפערט פון די מאָגן־טיפענישן מיט אַן אָפּקלאַנג, אַ ווידערקול —

יאָ, כ'בין בשלום געקומען אויף מיין פּלאַץ...

אזוי לאַנג, ביז דער ברויט־קויש ווערט אויסגערייניקט, ביז א צווייטער, אנ־געפּילטער פאַרנעמט זיין אָרט.

דערנאָך ליינט אַוועק דער אינזשעניער איין ווייס קישן אויף דער ווייסע־פּאָדלאָגע, אַ צווייטס — אַנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט.

— שלאָפט — זאָגט ער צו וואָלפן — איר זענט דאָך מיד.

און אין בעט שושקעט דער אינזשעניער דעם ווייב אין אויער אַריין:

— מ'האָט צוגענומען דעם ברודער מיינעם, ווייסטו.... מ'וועט מיך אויך זיכער צונעמען...

נאָר מ'האָט דעם אינזשעניער ניט גענומען אויפן פראָנט, כל־זמן וואָלף איז געווען זיין גאַסט.

אזוי עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד.

צו וואָלפן האָט זיך אומגעקערט ס'פאַרלוירענע חיות. ער פאַרשטייט ניט, וואָס אזעלכעס האָט דער דאָזיקער ווייכער ייד געזען אין אים, פאַרוואָס ער האלט אים פאַר אזא חשובן אורח ביי זיין טיש.

נאָר דער אינזשעניער קנייטשט צו אים זיין ווייך פּנים, גיט אים צו פאַר־שטיין:

— פאַרשטייט איר מיך, מיין ברודער... איר עסט מיין ברודערס ברויט, שלאָפט אויף מיין ברודערס געלעגער...

איז וואָלף צופרידן. און דאָך פאַרדרוסט אים:

דעם אינזשעניערס ברודער איז אַוועק שלאָגן דעם שונא, איבערגעלאָזט זיין ברויט פאַר אים, וואָלפן, וואָס איז אַנטלאָפן, פּחדנותדיק, פון שונא...

אָבער אין די דאָזיקע שעהן איז ניט געווען קיין צייט צו האָבן תרעומות אויף זיך, שעהן פון דערהאַלטן ס'חיות, די גאַנצקייט פון מענטש, וואס געפונט זיך אין אים.

שפּאַנט וואָלף אַרום אין די טעג צווישן הילצערנע און ליימענע הייזקעס איבערן קאַשגאַר; די אָוונטן — געבן אַ ווייס־געדעקטן טיש מיט רויטן אַרבוז און לאַקריץ־זיסע קאַוועגעס. ס'איז אים גוט אויפן האַרץ. און די דאזיקע גוטסקייט מאכט בולטער די ווייבע שטריכן אויפן אינזשעניערס ווייכן פּנים. ער זעט אַן וואָלפן עפּעס, אזעלכעס, וואָס איז ניט בנמצא אויף אַנדערע פון זיין שטייגער.

זאָגט ער צו אים:

— זייט מיין גאַסט, וואָלף, יאָ, כ'האָב הנאה פון אייך, זייט אין מיין שטוב.

און אויפן קאַשגאַר, אין גאַנץ אוזבעקיסטאַן, טומלען יידן מיט זעק אויף די פּלייצעס — יידן, געקומענע מיט עשאַלאָנען, וועלכע זוכן אַ מקום־מקלט, אַן אָרט, ווו זיך צו באַהאַלטן פונם שונא, וואס יאָגט זיך נאָך זיי.

*

געלער אָוונט הענגט איבער מאשקענט.

און ווי יערן פֿאַרנעם אָוונט, אַזוי היינט, דרייען זיך אַרום די וואָקזאַל־ווענט שאטנס, מענטשן־שאטנס, ווארטנדיק, אַז אַ לאָקאָמאָטיוו זאָל זיך ערגעץ־ווּ פֿאַנאַנדערפּייפֿן, אָנזאָגן די בשורה פֿון זיין אָפּפֿאָרן, אָדער אָנקום.

ווען מען דאַן אַ שפּרונג טאָן איבער די פֿאַרצווימונגען, אַ לויף טאָן צו די וואַגאָנען — ווער מיט אַ בינטל ווינטרויבן און ווער — אַריינוואַרפֿן דעם גוף אין אַ טונקעלן וואַגאָן, פֿאַרוואַרפֿן אים ווייט פֿון דער טומלדיקער „ברויט־שטאָט".

גענעצט אַ פּוילער, אַן אומעטיקער וואָלף מיט זיינע איבער צוואַנציק יאָר, דראָפּעט אַרום אַ פּאַרקן זיין נאַקעטע פּלייצע, וועלכע ער לופֿטערט איצט נאָך אַ טאָג שוויצן איבער נאַסן און געסלעך.

ס'איז אים גוט אויפֿן האַרץ איצט, וואָלפֿן, גוט און אומעטיק. שוין קרוב צו אַ וואָך, וואָס ער געפֿינט זיך ביי זיין פֿריינט, דעם אינזשעניער — אַ פֿריינט, וואָס זיין פֿריינטשאַפֿט איז ניט עלטער, ווי די צאָל טעג, וואָס וואָלף זיצט ביי זיין טיש, שלאָפֿט אויף זיינע קישנס. און וואָס וועט זיין אין אַ שעה אַרום, מאָרגן, האַ, וואָס וועט זיין, וווּהין וועט ער גיין דאַן.

אַן עלעקטרישער לאָמפּ צעהוידעט זיך אויף זיין הויכן סלופּ, רודערט־פֿאַנאַנדער שוואַרצע פֿלעקן, וואָס וואַלגערן זיך איבערן ברייטן אַספֿאַלט, אַרום די וואָקזאַל־ווענט. אַ לאָקאָמאָטיוו פֿאַרגייט אין אַ הילכיק ברומען, אַ פּייפֿן אַזאַ, וועלכעס בלייבט הענגען, שטיקלעכווייז, אויף בענק, לייםיקער ערד, אינם נערמנדל נעבן פֿעראָן. דערנאָך הערט זיך אַ סיקען פֿון שוואַרצער פּאַרע, אַ קרעכצן פֿון פּאַסאַזשירן, אַ געלויף פֿון מענטשן צום אָנגעקומענעם עשאַלאָן און פֿון אים —

קאָווענעעס!

אַרבוזזן!

מאַמעעע!

ווייַנטרררויבן!

אַ בררראָך איז מיר!..

מישן זיך קולות אין געלער נאַכט, ווערן אויסגעמישט אין אַ האָוועך פֿון טרוקענע העלזער, וואָס, אַלע ווילן זיי עפּעס און ווייסן ניט, וואָס פֿריער צו וועלן.

און וואָלף פֿלאָנטערט זיינע מידע פֿיס אינם מענטשן־געווימל.

וואָס וויל ער אָט איצט, דער פֿאַרחלומטער בחור, צווישן דעם צעפּאַרעטן מענטשן־קנויל.

ער ווייס אַליין ניט. ס'איז אים קאַלעמוטנע אין זיין איינזאַמקייט, וויל ער זען גייט, הערן, וואָס עס טוט זיך אין דער מלחמה.

דאס אלץ.

באלד גייט ער אוועק אויף טאשקענטער הינטער־שטאט, אויפן קאַשגאַר, יך אוועקלייגן אויף די צווײ ווייסע קישנס, וועלכע דער אינזשעניער וועט נאך ײנט אויסבעטן פאר אים אויף דער ריינער פּאָדלאָגע.

און מארגן?

וואָלף האט היינט זיך געשראקן פאר דעם מארגנדיקן טאג.

און ער האט געהאט פאר וואָס זיך צו שרעקן.

*

— וו געפינט זיך דער קאַשגאַר, מענטשן, יידן, גיט מיר דעם קאשגאאאר!

פּלאָנטערט זיך וואָלף ארום פונם פּלאָנטער, אין וועלכן ער איז פארפלאכטן.

פּארציט שטייפער דעם וואַטניק ארום זיין מאגערער פּלייצע. דערגענטערט צו יענער מענטשן־קופּע, פונוועלכער עס טראגן זיך ווייבערשע קולות —

קאַשגאַאאר!

אייז־קרעעעם!

גיט מיר דעם קאַשגאַאאר!..

— וואס לאַרעמט איר אזוי! — האקט איבער א ייד וואָלפן דעם וועג — האט איר געדארפט היטן אייער קאשעגאר, וואלט מען אים ביי אייך ניט אוועקגעגנבעט...

— אבער ניין — הילכן געלעכטערס אינם טונקעלן חלל — קאַשגאַר איז ניט קיין טשעמאָדאַן, נאר א פּאָרשטאָט אזא...

— יא, טאשקענטער פארשטאט — זאגט וואָלף מיט א זיכערן טאָן.

און ארויסזאגנדיק דאס דאזיקע, פילט ער, ווי ער ברענגט נוצן מיט זיין ארומדרייען זיך דאָ, יאָ, ער טוט־אויף גאָר וואַזשנע זאכן.

און גלייך באווייזט ער דאס.

— קומט מיט מיר — זאגט ער צו א כאָפּטע צעשראקענע ווייבער — קומט, איך ווין אויפן קאַשגאַר.

ליגן טונקל־צעשניטענע הימל־פּאסן איבער טאשקענטער טויערן. ליגט א שווערער זאק אויף וואָלפס פּלייצע. און ביידע, דער הימל און דער זאק — ביידע דושען זיי שווער אויפן אויסגעדארטן בחור, וועלכער ברעכט זיינע בארוועסע פיס איבערן שטעכיקן טראָטואַר.

צוואָס האט ער גענומען אויף זיך די משאָ אָט איצט, אין אזא פארנער נאַכט? אזעלכע איז שוין זיין טבע: העלפן, ברענגען הילף.

נאר כדי צו דערטראגן דעם זאק כאטש נאר עטלעכע טריט, האט ער גע־דארפט האבן מער כוחות, וויפיל ס'האבן זיך געפונען אין זיין רשות. האט ער אראפגעווארפן פון זיך די משא נעבן א וואנט, זיך ארויפגעווארפן אויף איר, שווער אפגעאטעמט.

— אוי, כ'האב גיט מער קיין כוח.

ערשט איצט האט ער דערזען, ווער די ווייבער זיינען, וועלכע האבן אים געבעטן טראגן דעם זאק, וואס האבן געדארפט אזוי נייטיק צום קאשנאר. — ווייבע, פעטע, שוויסיקע — בלויז גווידער.

פינף לארמדיגע ווייבער, צוויי אנזבעקן און איין וויינענדיק אייזל צווישן זיי אלע באלאדן מיט משעמאדאנעס, קופערטס, זעק, זעק, זעק. בלויז איין זאק איז געבליבן ליגן אויף דר'ערד, וואלפס זאק.

ניין. מער קען ער אים ניט טראגן.

— פארוואס־זשע האסטו גלייך ניט געזאגט, אז דו וועסט ניט טראגן. הא? — האט די יידענע מיטן לענגסטן גווידער א הייב געטאן וואלפן פונם זאק.

— דערפאר, ווייל...

— ווייל דו ביזט א...

— א פארך — האט א צווייטע יידענע פארענדיקט און צוגעגעבן — שוין זאלסטו אונדז געפונען אן אנדערן טרעגער, הערסט, שוין!...

— איך בין ניט קיין טרעגער — האט וואלף זיך געטרייסלט ביי דער וואנט — איך האב בלויז געוואלט א טובה טאן...

— א טובהה...

— א טובההה...

האבן אים די ווייבער נאכגעקרומט.

און שוין.

און אט אזוי האט ער איבערגעלאזט אלעמען אויף דער גאס, אוועקגעאיילט מיט זיינע נאקעטע טריט איבער גלייכע און קרומע געסלעך, אוועק צום קאשנאר.

*

דעם היינטיקן אוונט איז דער אינזשעניער געזעסן א צעקנעפלטער נעבן פענסטער, פרייליכער, ווי אין די אוונטן ביז איצט. ער האט באקומען א בריוו פונם ברודער. וואס איז אוועק אויף דער מלחמה און ער לייענט אים איצט פאר־וואלפן. אויך האט ער געפונען א העמד, א רעקל און ער שענקט זיי דעם גאסט א מתנה.

— זאל אייך ווייל באקומען.

אין וואָלף צופרידן פון דער פרעמדער גאַסטפריינטלעכקייט. עסט ער ברויט מיט קאַווענעס און לייגט זיך אַוועק אויף צווייַ הויכע קישנס, געבן פענסטער.

א טייערער ייד, אַמאָ דער ראַזיקער אינזשעניער, אַ ווילער מענטש.

און א בנעימותדיק שנאַרכן נעמט אויספּילן דעם געדיכטן אויר אין שטוב — אַ מתיקות, וואָס שפּאַרט פון אַלע זיינע מידע אברים, וואָלפּס, פון יעדן ביינדעלע, אָדערל, וועלכעס פּילט־אויס זיין צעקנאָדערטן גוף; זעקס הונדערט און דרייצן וואַרעמע אָטעמס שוועבן אַרום זיינע צוויי ווייסע קישנס. עס שטערן אים ניט אין שלאָף קיין שום חלומות. די מידקייט פאַרטרייבט אַלץ, האַלט אים פאַרזונקען אין זיך, טיף אין זיך.

יאַ, טיף אין זיך.

ביז —

ער ווייס ניט פונוואַנען ס'איז געקומען, וואָס פּלוצלינג ס'האָט געטראַפן — אין שטוב איז ליכטיק. קולות אויף די טרעפ. אַ זשומענדיק געוויין אין זיינע אויערן, אַ געוויין אויסגעמישט מיט געלעכטער, מיט אַזעלכעס, וואָס פּילט אים אָן מיט האַרצקלאַפּעניש, מיט פּחד —

זיין לעצטע נאַכט אויף די ווייסע קישנס.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

אויפן דיל, אַרום זיינע פיס, אַרומן צוקאַפּנס, וואַלגערן זיך זעק און טשעמאָ־דאַנעס, קופערטס און קאַסטנס. שווערע ווייבער טרעטן אויף די ווייסע קישנס. קושן דעם אינזשעניער אין האַלז און אַקסל.

— טייערער נאָגיע — וויינען זיי און לאַכן צוזאַמען.

— נאָנינקע מיין טייערער...

די מלחמה האָט פאַרטריבן דעם אינזשעניערס קרובים פון דער אוקראַאינע. אַזש קיין אוזבעקיסטאַן.

— אוי ווי, קוים זיך דערשלעפּט צו דיר, האַרציגקער נאָגקע,טייערינקער.

זיפּצן פון בּרייד פּינף ווייבער, שטעלן שווערע טריט אַרום וואָלפּס נע־לעגער, טרייסלען אויף זיין מוח מיט זייער הילכיקן גאַנג.

אַ שווערע נאַכט איבערן קאַשגאַר.

און אַלע, די ווייבער, ווילן וויסן:

— און ווער איז דער־אָ, האַ?

וואָלף, אַ נאַקעטער, טולעט זיך אונטערן צודעק, וויל פאַרדעקן זיין מרה־שחורה, זי פאַרשטעקן פון די גווידערדיקע ווייבער.

און ער דערפילט הייסע ליפן אויף זיין שטערן.

— טייערער, טייערינקער...

— אוי, ליבינקער.... — נעמען אויף אים דריקן שווערע, שווייסיקע הענט. ווילן אים דוקא אוועקזעצן ביים טיש.

נאר דעם אינזשעניערס ווייב, פון בעט ארוים, זאגט, אז עס איז א טעות — א גרויסער טעות:

— דעם ברודער האט מען אוועקגעשיקט צום פראנט און דער־אָ איז אַן אָרעמער בחור, נעבעך, יא, א היימלאזער.

— א היימלאזער — קומט צולויפן דער אינזשעניער מיט א טאץ ווייני־טרויבן — א ווילער בחור.

ליגט ווידער וואָלף אויף זיינע צוויי קישנס, ליגט אַן איינגעקורטשעטער, ציטערנדיק מיט אלע זיינע אברים, וועלכע האבן, נים לאנג צוריק, אים געגלעט מיט מנוחה.

די ווייבער האבן געהאט א טעות, געמיינט, אז וואָלף איז דעם אינזשעניערס ברודער. אבער ער, וואָלף, האט געהאלטן זכרון: דערקענט אָן די ווייבער די איי־גענע, וואס האבן אויף אים ארויפגעלייגט דעם זאק, אים גערופן — פערד.

יא. די אייגענע ווייבער.

איצט פאטשן זייערע ליפן איבערן זאפט פון טרויבן־ווייז, גלאנצן מיט צע־עפנטע אויגן איבער אלע שטוב־ווינקעלער.

דערנאך זאגן אלע מיטאמאל:

— צייט זיך אוועקצולייגן.

פאקט מען ארוים רויטע פערענעס פון זעק, פילט מען אוים די לופט מיט געפלי פון ווייסע פעדערן.

און וואָלף דריקט אריין זיינע שפיציקע קני טיפער אינם בויך.

— ביזט גיט געלעכט, גאָנינקע — הערט ער, ווי א גרילן, אונטערן צודעק — ניטאָ היינט קיין אָרנטלעכע בחורים, ניין ניטאָ...

דערמיט מיינט מען וואָלפן.

די ווייבער האבן מורא, אז וואָלף וועט ביינאכט ארויסשלעפן זייערס א קו־פערט, אנטלויפן מיט אים.

נארישע ווייבער. וואָלף האט דאס גארניט בדעה. ער וויל שלאָפן. איינ־זינקען אין חוגי־המעגלם שלאָף — אין דער אייביקייט אריין.

גאר זיין טראכטן האט קיינער ניט געהערט. ווייל צומארגנס ביינאכט, ווען ער האט זיך ווידער געוואָלט אוועקלייגן אויף די צוויי ווייסע קישנס, האט אויף זיי געשוויצט איינע פון די אוקראַאינער יידענעס, געבראפעט מיט געפילדער. אויסגעפילט וואָלפס ווינקל אויף דעם קאַשנאַר, ביי דעם גוטן אינזשעניער אין שטוב.

וואַנדערנדיקע

יאַנגי=יול און קאַראַ=קול — צוויי שטעטלעך אין אוזבעקיסטאַן. און אָפּגעטיילט זיינען זיי, איינס פון איינס, מיט וואַטע און דזשוגאַרא — פעלדער אזעלכע, וואס ציען זיך אַוועק העט=ווייט, ביז איבער פרס=ומדי.

יאָ. ביז איבער פרס=ומדי, דערגרייכן אַזש קיין ארץ=ישראל.

אַזוי זאָגט שיע צו מלכהן.

— זעסט דאָס וואַטע=פעלד? — ווייזט ער מיט אַ האַנט אַראָפּ פון וועג.

— יאָ, כ'זע — גלאַנצן מלכהס אויגן איבערן טרוקענעם שאָסיי.

אין דער דאַזיקער ענטפער, מלכהס, געניג פאַר שיען, אַז ער זאָל פאַרלירן אַ שמייכל אין דער געדיכטעניש פון זיין רויטן בערדל, אים גלייך געפינען און צוריק באַזעצן אויף די האַריקע באַקן.

שיע איז עולה=רגל קיין ארץ=ישראל. אַזוי האָבן געטאָן אַמאָל „גוטע יידן" און אַזוי איצט ער. אויך מלכה גייט=מיט, די טאָכטער פון יענעם חסיד, צו וועמענס רבין אויך ער איז געפאָרן.

שפּאַנען זיי ביידע איבערן וועג — שיע פאָראויס, מלכה פונהינטן. ווו אַ טראָט — בערגער, גריבער, שטעכיקע צווייגן, וואָס לעכערן=דורך די נאַקעטע פיס=פלאַכן.

אָבער שיע מוז זיינס דערגרייכן.

פון יענעם טאָג אָן, זינט ער האָט דערזען מלכהן אין קיביטקע דאָרט, צווישן די וויינטרויבן און איצט, נאָכן אַוועקגיין מיט איר פון דער שטעטלשער סטאַציע אין יאַנגי=יול — די גאַנצע צייט זעט ער, אַז אין דאַזיקן מיידל טליעט אַ פונק פונעם גערער הויף, אַ ניצוץ פון יענער חסידישער שטוב, אין וועלכער אויך ער איז געוואָרן דערצויגן.

נעמט ער רעדן פאר זיך, רעדן צו די ווייטע פעלדער, בלאָען האָריזאָנט:

— ווייסט, מלכה: פרט. האט מען געזאגט, איז פערטיע און מרי גערעגט איך שוין ניט.

איילט מלכה אונטער אירע בארוועסע טריט, וויל זיך אויסגלייכן מיט שיען, וויל הערן, וואס דער ייר רעדט.

אבער שיע פארגיבערט זיין געאייל: זאל זי ניין פונהינטן. גישקשה. מ'וועט שוין ווי ס'איז דערגיין צו קאָראָ־סול.

יענץ שטעטל. וועלכעס רופט זיך קאָראָ־קול, דאָרט געפינען זיך פיל יידן. אזעלכע. וואס טראכטן ס'איינענע. וואס שיען; דורך דארט גיין־פארביי עשאַ־לאָנען אהין, אהין...

דארף מען נאר האבן אין זיך כוח, חשק — און די ישועה איז נאנט.

טרעטן פיר געלע דרענגער, פארצויגענע מיט בלאָע אָדערן, פיס אזעלכע, שפאנען צוזאמען מיט דאָוונענדיקע אוזבעקן אויף שפרינגענדיקע אייזלען. פון יאנגי־יול ביז טאַשקענט — איין שפאַן; פון דארט און ווייטער — וועלן יידן העלפן. יא. זיי וועלן העלפן.

אזוי טראכט שיע.

נאר מלכה טראכט שוין בכלל ניט, זעט גאר ניט, בלויז — צוויי ברודיקע פיס־קנעכל, וואס טראגן אויף זיך אַן אריומגעפליקט בינטל שמאטעס — שיען. וווהין גייט זי? זי ווייס אליין ניט. ביז אירע אכצן יאר האט איר באגלייט, אויף ווארשעווער גאסן, א ביכער־טאש, פירנדיק זי צו דער גימנאזיע און צוריק. איצט איז פארוויקלט, ארום אירע שווייסיקע פינגער־ביינדלעך, א שוואַרץ טאָר־בעלע אזא, אין וועלכן עס וואלגערט זיך א פארזשאווערטער לעפל.

דאס אלץ.

און ארום — טרוקענע פעלדער, נידריקער הימל, פארשנייטע בארג־שפיצן — אלץ דערמאנט איר אן פארשווינדענעם עבר. אן אזעלכעס, וואס פארשלינגט איר לעבן, פארווארפט עס אין אָן־סופיקע תהומען.

און אז פון ערגעץ די בערג נעמט קייקלען א ווינט דעם שטויב איבער די פעלדער. דערגרייכט מיט אים צום שאסיי, נעמען פליען מלכהס האר אינדער־לופטן, צעקעמט זיך שיעס בערדל.

דאן קוקן זיך ביידע אָן:

ער — בלויז בארד און נאז; זי — א קופּע האר אויף געלעכערטע באקן.

זעצט מען זיך אוועק רוען.

און דער דרויסן — ניט־זומערדיק, ניט־ווינטערדיק — גרייט זיך אויפ־צונעמען די אוזבעקישע נאכט: א קאלטע, פּראָסטיקע, וועלכע טוט ניט קיינעם אזוי שטארק וויי, ווי זיי ביידן, שיען מיט מלכהן.

— רב יהושע, כ'האב מורא.

— וואס האסטו מורא, מלכה?

— מיר וועלן ניט דערגיין.

— דאס איז שטותים, מלכה, אבי ס'איז דא די כוונה...

— די פיס טאָן מיר שטארק וויי.

— דאגה ניט. מיר וועלן שוין...

שיעס עקשנות איז ניט צום איינברעכן. בפרט, אז ער לעבט ניט מיטן חומר זיינעם, מיטן ביינערדיקן גוף. דער עולם־התוהו איז ניט מער, ווי א צד שכנגד, וועלכן ער איז מבטל, פארטרייבט פונם דמיון.

זיינען פארבייגעפארן אוזבעקן אויף הויכע ארבעס. שיע האט אין זיי דער־זען אָטאָ יענע ישמעאלים, וועלכע האבן אמאל אָפּגעקויפט יוספן פון די ברידער. האט ער זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן וועג, א געשריי געטאן:

— ישמעאל, היי ישמעאל!

— נימאָ־דידע? — האבן די אוזבעקן זיך איבערגעקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן.

אבער ביי שיען אונטער דער וואנסע איז געלעגן פארשטעקט א שמייכל. און דעם ראזיקן שמייכל האט ער באוויזן צו די אוזבעקן, ווען זיי האבן אים ארויפגעזעצט אויף אַן ארבע.

— שלום עליכם, ישמעאל! — האט ער אריינגעקוועטשט זיין ברודיק פינגער־בינטל אין דעם אנטרייבערס ברייטער האנט־דלאניע.

און אז דער אוזבעק האט אים געענטפערט:

— אלייקום האסאלאָם —

האט שיע פאנאנדערגעגליטשט דעם שמייכל פונם האריקן מויל־לאָך ארויס, ביז ארויף איבערן פארשטויבטן, שווייסיקן שטערן.

— אונדזערע קרובים — האט ער געזאגט צו מלכהן — און מיט א קרוב דארף מען זיך האלטן...

אויף דער גאנטער באן־סטאציע זיינען זיי אראָפּגעקראכן פון דער אַרבע און גענומען ווארטן אויף אַן עשאַלאָן, וואס וועט זיי פירן, איבער טאַשקענט קיין קאַראַ־קול.

*

זיצנדיק פארטוליעט נעבן דעם סטאציע־ביידל האט דא ביי שיען, דא ביי מלכהן אויפגעטויכט אין זכרון א דערמאנונג. וועגן דעם בחור וואָלף, מיט וועמען זיי זיינען געווען צוזאמען אינעם וויינטרויבן־סאָד.

— א זווילער בחור — האט שיע אויסגעשטויבט זיין בערדל.

— יא. א ווילער — האט מלכה מסכים געווען.

דעריבער טאקע, אז זיי האבן אים דערזען אויפן טאשקענטער פעראָן לויפן מיט א רויטער אַרבוז־מוצא אין די הענט, איז געווען גלייך, ווי א ברודער וואָלט זיי אקעגנגעקומען.

אבער וואָלף האט ראס, לכתחלה, אפילו ניט געהאט ברעה. ער האט זיך פארנומען מיט טויש־ענינים ארום דעם טאשקענטער וואקזאל: פאר א שטיק ארבוז האט ער באקומען א שטיק זייף און פאר א שטיק זייף — א גאנצן ארבוז און פונם גאנצן ארבוז איז געוואָרן א סך שטיקער זייף, א סך שטיקער ברויט...

— איז, קומט מיט מיר — האט ער ביידן מכבד געווען מיט ארבוז, ברויט און זיי גענומען פירן נאך זיך.

— אבער דער עשאלאן וועט דאך אוועקגיין — איז שיע געווען פול מיט שרעק.

— צוואס דארפט איר דעם עשאלאן, רב יהושע?

— ס'הייסט, צוואס — האט ער צוגעבויגן זיין בערדל צו וואָלפס אויער — מיר פארן דאך קיין פרס...

— וווהין?

— נו, ווי הייסט עס דארט: פערסיע...

— נו, גוט, איך פאָר אויך; נאר היינט מוזן מיר דא איבערנעכטיקן.

— ס'איז אבער א שעת־הכושר — איז שיע געווען פארעקשנט.

נאר ביז וואָס־ווען, האט דער לאקאמאטיוו ארויסגעלאזט פון זיך איין גרילץ. א צווייטן און —

אויף א גראז־קופסע אינעם גערטנדל נעבן וואקזאל, האט איטלעכער באזונדער גענומען דערציילן די איבערלעבונגען פון פארגאנגענע טעג און נעכט.

און אלע דריי זיינען זיי געקומען צו איין מסקנה —

יא. ס'איז שלעכט. מען מוז פארן ווייטער און ווייטער נאך ווייטער: איבער פרס־ומדי, מצרים — לויפן, אנטלויפן...

און דערווייל דארף מען עסן.

האט וואָלף פאנאנדערגעוויקלט זיין שווארצע טארבע, ארויסגעטרייסלט פון דארט שטיקער ברויט, שטיקער זייף, א קלעפיק בינטל וויינטרויבן.

און אויבן, איבער זייערע קעפּ, ארום זיי, האבן טומלדיקע שאטנס געוואָיעט אינם עיפּושדיקן חלל:

— באנגבעעט! מ'האט מיך באַראַאאבעוועעט!.. מיין טשעטאָראַאאן...

אזוי א גאנצע נאכט: אויפן גראָז, איבער די בענק אינם גערטנדל, ארום דעם אספאַלט געבן טאשקענטער וואקזאל.

*

מיטנטאג האט א צעיושעטער לאַקאמאטיוו זיך אריינגעשניטן, מיט געפּילדער, אויף דער קאַראַ=קולער סטאציע, פאנאנדערגעוואָרפן די זון אויף שפּליטערס — צעבראָקלטע שפּיזלעך, וואס האבן געשטאכן אין די אויגן פון אַנלויפנדיקע פּאסאזשירן. פון דא און דארט — א פּאַריסטער טשייניק, א צעקנייטשטער טאָפּ. ווער — צום שרפּהדיקן וואסער=קראן און ווער — צום פּאַרעדיקן קעסל מיט הייסער קאַשע. צעשראקענע זעלנער, וואס איילן צום פראָנט און צעיאָכמערטע ווייבער, וואס אנטלויפן פון פראנט. אלע צוזאמען — אן אויסגעמיש פון קולות, א יאַריד, איבער וועלכן עס הייבט זיך איין אויסגעשריי —

עעעסן!

פילט מען אָן טעפּ מיט זויערמילך, מיט אוזבעקישן „קאַטיק", איילן קאַבעדיקע עמערס אוועק אין די וואגאנעס, שלינגט מען ברייענדיקע קוקורוזע פון ערדענע שיסלען ארוים.

און איבער אלעם ווייסט זיך קעגן דער זון צעפּלאָשעטע אונטערוועש, בלימלדיקע קליידלעך און זעלנערישע שיך מיט א גלאנץ.

— נימשע פול? — טאפּן אוזבעקן די זעלנערשע סחורות, הילן וויסן, ווימפּלפאַפּירלעך ארויסצושלעפּן פון זייערע געפּארבטע גארטלען.

געמט = פאנאנדער דער סוחר די צען פינגער פון זיינע האריקע הענט, קנייטשט=איין פון זיי איינעם אדער צוויי. קוקן זיך דאן איבער עטלעכע אוזבעקן מיטאמאל, קנייטשן די באָקישע בערד, קנייטשן=איין נאָך אַ פינגער ביים סאָלדאַט, האָקן=איבער א פינגער אויף דער העלפט און עס בלייבט —

יעטטע יוז אילליק —

פינף=און=זיבציק רויטע פּאפּירלעך דארף דער קונה ארויסציען פון זיין געפּארבטן גארטל, באצאָלן פאר אונטערוועש, אויבערוועש און נאָך עפּעס אן עורף דערצו.

גליטשן זיך פריידיקע בליקן איבערן קנאַק פון ניי=פּאַפּירן=געלט. זייגן איינגעשטאָכן צעשראָקענע אויגן אויפן סמאָלע=גלאַנץ פונם העשענדיקן לאָקאָמאָ=

טיוו. ווינט זיך אינם פּאַרויכטן אוויר א גרין בינטל וויינטרויבן אויף אַן אָפּגעדאַרט צווייגל, אַ פּענעץ רויטער אַרבוז מיט אַ גרינער ביים=פליג צווישן דיעם סוחרס פינגער.

און אלע, די סוחרים, אויפן פּעראָן פון דער קאַראַ=קולער סטאַציע — אלע ווילן זיי ווּיסן:

ווען נאָך דער עשאַלאָן דאָ שטיין לאַנג, האַ, ווי לאַנג?

כאָטש איבערן טאָג —

קויפן, פאַרקויפן.

און שוין.

און מער גאָרניט.

און פּלוצלינג:

זעלנערשע שיך איבער בייכער, קעפּ; אוזבעקישע שוואַרצע בערד איינגעטונקען אין ווייסער זויערמילך. ניט=דערטרונקען, ניט דערצאָלט —

דער לאָקאָמאָטיוו האָט, מיט זיין געיאָמער, אָפּגערייניקט דעם פּלאַץ אויפן פּעראָן, אריינגעפּאַקט אין די אינגעווייידן, פון זיינע וואַגאָנעס, די קויפער און פאַרקויפער — ווידער צונויפגענומען די פאַנאַנדערגעשיידטע זון=פלעקן, געמאַכט פון זיי איין ברייטע געלע פלאַכטע.

אויף דער סטאַציע פון קאַראַ=קול.

שלעפּנדיק נאָך זיך פינף=און=זיבציק שוויצנדיקע וואַגאָנעס, פינף=און=זיבציק מאָל פינף=און=זיבציק רויטע קנאַקנדיקע פּאַפּירלעך, געלט אזא, וועלכעס האָט, מיט א ווײַלע צוריק, זיך געפּרעסט אין רויטע אוזבעקישע גאַרטלען.

אוים=יאַריד.

*

געבליבן איז בלויז אין קאַראַ=קול, דער סטאַציע, אַן איינגעהויקערטער, צעקנאָדעטער בחור — וואָלף.

ווי אַ קער — טשייכאַנעס און שאַשליק, פּלאָוו און קיימאַק.

פּלאַפּלען אוזבעקן אין דער שכנותדיקער טשייכאַנע, קנייפּן ווייסע שטיקער פון אויפגעשוואָלענע לעפּיאָשקעס, קוועטשן זיי צווישן באָרד= און וואָנסע, איינגעוויקלטע אין שוואַרצע, געבראָטענע פלייש=שטיקער אראָפּ פון שוואַרצע דראָטשפּיזן.

שאַשליק.

און אויף א קעגנאיבערדיקער נארע קוועטשן אונטער זיך די פיס באַיאַרמלטע שכנים, טונקען ברודיקע פינגער אין א פאַרצעלייענער שיסל, וואַרפן אין באַ=

האָרמן מויל־לאָך זשמעגיעם מיט הייסן רייז, אַרומלעקנדיק די נעגל נאָך יעדן שלונג.

פלאָוו.

אַן א זייט, אויפן ליימיקן דיל, זיצן פּאַנאַנדערגעשפּרייט צעפּלאַשעטע און באַטשקעם מיט אַרויסגעשטעקטע ווייסע צינגער, לעקן פון ערדענע שיסעלעך א ווייסע געביכטקייט, אויסגעבריט פון פעטער, דאָרפישער מילך.

קיימאַק. —

אוזבעקישע מאכלים אין דער טשייכאַנע ביי דער סטאַציע קאַרא־קול.

אזש א פּליסיקייט נעמט רינען פון צווישן די ליפּן.

פון וואָלפס ליפּן.

זיצט ער אויף א שטיין אינדרויסן, קוקט אַריין אין דער טשייכאַנע אינווייניק.

געבן אים א וויסער, צעפּאַרעטער טשייניק, א ווייס שיסעלע, פונוועלכן עס פּאַרבט זיך אַרויס א גרינע פּליסיקייט.

טיי.

בימערע אוזבעקישע טיי.

פאַרזיסט ער זי, די גרינע טיי, מיט שוואַרצע ברויט־קרישקעס, וועלכע ער טרייסלט אַרויס פון זיין שוואַרצן טאָרבעלע און פונוועלכן עס טרייסלט זיך אַרויס א נעל שטיקל זייף.

— טשאם פול? — וויל וויסן דער באַלעבאָס פון טשייכאַנע.

ווייס ניט וואָלף, וואָס ער זאָל ענטפערן. צי ער וויל פאַרקויפן ס'שטיקל זייף? אוודאי וויל ער. נאָר וואָס דען. וויפיל זאָל ער הייסן באַצאָלן דערפאַר, פאַר דעם דאָזיקן טייערן שטיקל סחורה, וועלכעם געפינט זיך ס'איינציקע, לעצטע אין זיין פאַרמעגן.

זאָגט ער:

— גאָן בער.

פאַר א שטיק ברויט.

ענטפערט דער אוזבעק:

— נאָן יאָק.

ווערט וואָלף געוואָר פון זיין שכנס ענטפער, אז קיין ברויט האָט ער ניט בדעה צו געבן פאַר דעם טייערן חפץ, וואָס רופט זיך — זייף. ער וועט אים געבן א שיסל מיט זופּ.

האַלט וואָלף טיף פאַרשטעקט זיין צעשויבערטן קאָפּ אין דער הייסער פּאַרע פון אַ שיסל פליישיקער זופּ. זופּט מיט אַ צעעפנט מויל, צעעפנטע אויגן, מיט אַלע זיינע שווייסיקע אברים, וועמעס געהער און מחשבות עס זיינען פאַרזונקען אין דער פּאַרע פון אַ בריענדיקער פליסיקייט.

אַ חיות.

אין די דאַזיקע רגעס פילט ער ניט, ווי עס גליטשן זיך ברודיקע שווייס־טראָפּנס איבער זיין נאָז און שטערן, קאַפּען אַריין אין דער שיסל מיט אייליקער גיכקייט, מישן זיך דאָרט אויס, ווערן פאַרלוירן אין דער מוטנער גערידיכטקייט.

ער זופּט זופּ — איינס פון די אויזבעקישע מאכלים, פונוועלכע עס האָבן אַזוי שטאַרק הנאה אויזבעקן אין קאַלעטוטנע, גאָרניט־זאַנגדיקע טעג.

דערנאָך פילט ער זיך, ווי אַ פרייער מענטש — פריי פונם איינציקן שטיקל זייף און פריי פון דער הייסער שיסל מיט זופּ.

איצט הייבט ער אונטער זיין אנגעגאָסענעם, שווערן בויך, לאָזט זיך מיט אים אַוועק איבער קויטיקע, צעקנייטשטע געסלעך און קיביטקעס.

קאַראַ־קול

קאַראַ־קול האָט אַ סטאַציע און האָט אַ שטאָט. ביידן טיילט־פאַנאַנדער אַ גלייכער שאָסיי, וואָס ציט זיך לענגאויס, צווישן וואַטע־פעלדער און ליימענע הייזקעס. איבערן דאָזיקן שאָסיי שפּאַנען הין־און צוריק אייזלען, קעמלען און פּאַרביקע אוזבעקן.

קוקט וואָלף פּאַרויס, צום שטעטל און הינטער זיך, צו דער סטאַציע. אים איז אַלצאיינס, וווּ ער זאָל זיך באַזעצן, אַוועקזעצן — אַז ניט דאָ און ניט דאָרט איז זיין היים. ס'פאַרדרוסט אים בלויז, פאַרוואָס ער האָט ניט מיט וועמען זיך צו יישובֿן, צו פרעגן, וואָס ער זאָל טאָן איצט, צווישן טאָג און נאַכט.

און זיינע פריינט — שיע און מלכּה — זיי זיינען פאַרבליבן אינם וואַגאָן, איבערגעבליבן ערגעץ אויף אַ סטאַציע אינם מענטשן־טומל.

טראַכט ער, טראַכט און שטייט אויף איין אָרט.

ביז אימעצער שטעכט־איין די אויגן אַז וואָלפס נאַקעטע קני. אַז די זאַק־הויזן, וואָס זיינען צעשפּאָלטן אויף צווייען.

— קום נאָר אַהער — זאָגט דער דאָזיקער „אימעצער".

גייט ער און בלייבט שטיין אויף דער שוועל פון א נידריק שטיבל.

— אַ געזונט אויף אייך.

— אַ געזונט, אַ געזונט — ענטפערט אים אַ טרוקענע שטים און וויל וויסן, וואָס עס געפינט זיך איצט אין וואָלפס רעיונות.

מכּח וואָס ער טראַכט? דאָס איז אַן ענין נאָר פאַר אים אליין, וואָלפן. און אויב וויל דער היטער פון אָרדנונג זיך פאַראינטערעסירן מיטן שוואַרצן טאַרבעלע, וואָס ליגט אַריבערגעוואָרפן איבער וואָלפס אַקסל. קען ער אים באַווייזן, יאָ: עטלעכע איבערגעבליבענע ברויט־ און זייף־קרישקעס.

דאָס אַלץ.

בליקט א שיקלדיק אויג ארום פון א האריקער פלייש-מאסע, טרייסלט מיט באוואקסענע באקן וואָלפן אַקעגן:

— פונוואַנען ביזטו געקומען דאָ אַהער און וווהין פאָרסטו?

נאָר ביז וואָס-ווען — ביז וואָלף האָט געענטפערט און דער פרעגער געהערט. האט ער זיך צוריק געפינען אויפן ברוס מיטן שווארצן מאָרבעלע איבערן אקסל.

וווהין זאָל ער גיין?

דער אָוונט נעמט זיך איינהילן מיט בלאָ. און די דאזיקע בלאָקייט באפעלט וואָלפן, זיך אויסצוזוכן א ווינקל, זיך פארשטעקן ערגעץ אין דער אנקומענדיקער, שווארצער נאכט.

שפּאַנט ער אוועק צו דער טשייכאַנע נעבן דער סטאַציע.

דאָרט זיצן בחורים פארטאָן אין א געלן קאַון, שניידן פון אים פענעצן, לאַכן אַקעגן דער אַנקומענדיקער חשכות.

דערזען וואָלפן, לייגט מען אוועק די מעסערס, פארשטיקט מען אין זיך ס׳געלעכטער.

— האָסט עפּעס צו פאַרקויפן?

וואָלף שווייגט.

— אַ ירושה אין פוילן — ענטפערט אימעצער פאר אים.

וואָלף קוקט מיט אַ תמעוואַטן בליק.

— דעם מהר׳לס גולם — לאַכט אַ בחור.

— אַ ל״ו-ניק .

— זאָל זיין, וואס איר זאָגט — פארקרומט וואָלף זיין סקעלעטן-מאַסקע. פונוועלכער עס קוועטשט זיך ארויס עפּעס ענלעכס צו א שמייכל — זאָל זיין... אבער קיין סוחר בין איך ניט.

— וואָס דען? — זיינען די בחורים טשעקאַווע צו וויסן.

און א קול, פון זיי, ענטפערט:

— אַ שלימזל...

— א לא-יצלח...

איז ער מסכים מיטן דאָזיקן ענטפער, פארקוועטשט שטייפער ס׳לייריקע מאָרבעלע אויף זיין אַקסל און לאָזט זיך אוועק צום שאָסיי, וואס פירט, פון דער סטאַציע, אינם שטעטל קארא-קול.

*

אַ שטעטל, ווי אַלע אוזבעקישע שטעטלעך: ארומגעגריזשעט ליים פון איינגעהויקערטע הייזקעס; אויסגעציפּטע געלע שטרויעלעך אויף אָפּגעקראָכענע ווענט; ליימענע דעכער, באַוואָקסענע מיט גראָז.

קאָראַ=קול.

און ביים ברעג פונעם שטעטל — אַ לאַנגע ריי מיט צונויפגעקלאַפּטע ברעטער, אַ טיש אזא, אויף וועלכן עס שטייען טעפּ מיט זויערמילך, הינטער וועלכן — זינגענדיקע אוזבעטשקעס און ־אַוונגענדיקע אוזבעקן.

אַ באַזאַר.

שלייכן ארום די טעפּ בחורים און מיידלעך, האַלטן אויסגעשטרעקטע הענט, אויף וועלכע עס קאַפּעט אַרויף אַ סוחרטע פון אַ הילצערן לעפל טראָפּנס פונם זויערן געטראַנק.

— יאַכשי קאַטיק — לויבן די סוחרים זייער סחורה.

שפּאַנט דער קונה פון איין טאָפּ צום צווייטן, לעקט=אָפּ אומעטום אַ זויערן פלעק פון דער האַנט און גיט זיין הסכּמה:

— גוטע זויערמילך, די בעסטע...

אזוי שעהן=לאַנג.

ביז עס קומען אַנדערע סוחרטעס מיט פולע טעפּ. פאַרזוכט מען ווידער, גיט מען ווידער אַ זויערן שמיר איבער די וועגטלעך פונם ליידיקן מאַגן.

ביז די סוחרים צעשרייען זיך מיט הילכיקע קולות, טרייבן אַוועק די הונגעריקע פאַרזוכער צוזאַמען מיט די מחנות פליגן, וואָס קלעפּן ארום די טעפּ.

— קאָאַאַטש!..

און שוין.

און אין אַ ווײַלע ארום — ווידער ס׳אייגענע, ווי געווען.

ווארום, בחורים און מיידלעך האָבן ניט קיין קיין היים, קיין מלבוש — געקומענע פון אייזיקע וועלדער זיך אַנוואַרעמען אין הייסן מדבּר.

און וואָלף צווישן זיי.

אַ פאַרדאַרטער, אַ קליינער, מיט אַ געדיכטער באָרד=באַרשט ארום זיין הויקערדיק פּנים.

איז ער משעקאַווע צו וויסן:

וואָס וועט זיין?

דושען איבערן שטעטל גראָע האַרבסטיקע טעג. איינער יאָגט אַריבער דעם צווייטן. טרייבן זיך מיט ווינטיקע אַנגעלויפן פון אייביק=פאַרשנייטע באַרגשפּיצן.

און וואלף אינ־ערמים.

ביז אין איינעם א טאג אזעלכן:

צונויפגעדרייטע שמאטע־בונטן איילן איבערן שטעטל צום באזאר, שניי־ן זיך צווישן קיביטקעס, ארום נארעס ביי שטעטלשע טשייכאנעס — און אימפעטיק געלויף אזא פון יידישע בחורים און מיידלעך, פארטריבענע פון פוילן דער מדינה.

וואס איז געשען?

— וואַזשע נייס.

א דעלעגאט איז דאָ!

פליט די ראזיקע בשורה פון אויער צו אויער. שושקעט מען זיך אין די ווינקלען, כאפט מען אויף ברעקלעך. מעסט מען, אין געדאנק, די גרייס און ברייט פונם ראזיקן דעלעגאט —

א רייכער, א פעטער, א דימענטדיקער; פון אמעריקע געקומען, געקומען קיין אוזבעקיסטאן, העלפן די פוילישע יידן אין קאַראַ־קול.

אַ גוטער דעלעגאט.

און ווי אזוי וועט ער העלפן?

ניט געדאגהט:

געברענגט פאפירלעך אזעלכע, וועט געבן איטלעכן צו איינס — און אַלע פוילישע יידן ווערן, גלייך, אמעריקאנער בירגער.

אמעריקע אין אוזבעקיסטאן.

אַ גוטע בשורה.

און דערווייל, ביז וואס־ווען —

שפאנט אן אייזל פון א דארף ערגעץ צום שטעטלשן באזאר. אויף אים — אן אלטער צעקנייטשטער אוזבעק. איןביידע זייטן — טעפ מיט אויסגעווארעמטער זויערמילך, א זאק מיט טרוקענעם אורוק, פלוימען אזעלכע.

שטעלט־אונטער א בחור זיין אקסל דעם אוזבעק, העלפט אים אראפקריכן פון אייזל; א צווייטער נעמט־ארונטער דעם זאק מיט אורוק; א דריטער — די טעפ מיט זויערמילך. און אלע — האלטנדיק צווישן זיך דעם סוחר און זיין אייזל — פארזוכן די אוזבעקישע פלוימען, לעקן־ארום פינגער פון אויסגעוואַרעמטער מילך.

דערכאפט ס'הארץ.

און קיינעם ארט ניט, וואס דער שפיץ פונם אוזבעקישן שטעקן טאנצט איבער קארק־און פלייצע — זאל ער שלאגן, זאל ער: אבי אפגעגעסן.

נאַר וואָלף שטייט אַן אַ זייט.

ער ווייס פאַרויס, אַז פאַר אַן אוזבעקישער פּלוים איז מויל, באַקומט מען מיט אַ שמעקן איבער די ציין.

פרייט ער זיך ניט מיט די בחורימס פרייד. טראַכט ער, מכח יענעם דעלעגאַט, וועלכער איז געקומען העלפן יידן און וואָס זיצט איצט אויף דער סטאַציע פון קאַראַ=קול. —

דער איינציקער, וואָס קען אים העלפן, וואָלפן, דער איינציקער — ווייל קיין אַנדערע הילף איז פאַר אים ניטאָ.

— דער דאָזיקער בלויזער געדאַנק האָט געזעטיקט וואָלפן כמעט אַ מעת=לעת — ביז ער איז אוועק צום העלפנדיקן דעלעגאַט אויף דער סטאַציע פון קאַראַ=קול.

*

פילמאַל במשכן טאָג טרעפט:

אוזבעקן, מיט צעקנעפּלטע העלזער, צעשויבערטע בערד, לאָזן שטיין צעפּאַטערטע טשייניקעס אין טשייכאַנע, איילן, מיט געפילדער, צום פּעראָן, ביי דער קאַראַ=קולער סטאַציע.

וואָס איז געשען.

אַ לאַנגער עשאַלאָן סאַפּעט מיט זיינע באַוועגלעכע איינגעווייד — וואַגאָנעס באַהאַנגען מיט טריפנדיקע צווייגן, געבראַנגטע פון אייזיקע סיבירער וועלדער.

סאַאוק! —

גאַפן אוזבעקיש=געבוירענע אויף פאַרפרוירענע דעכער, וועלכע דערציילן, אַז ערגעץ=ווו, אין מרחקים, דושעט דער ווינטער זיין אייז אויף מענטש און פעלד.

פרעסט!

און דאָ, אַרום און אַרום, ליגן אויפגעשוואָלן די וועגן, אונטער צודעק פון פאַרכמאַרעטן הימל, די פעלדער — צעווירענע פון שמייסיקן רעגן.

הערבסט אין אוזבעקיסטאַן. ווינטער אין סיביר.

נאַר וואָלפן, דעם איינגעהויקערטן בחור אויף דער סטאַציע, אים וווּנדערט ניט די דאָזיקע להיפוכדיקייט, וועלכע איז אין זיינע אויגן דרך=הטבעדיק.

אויך אין וואַרשע פלאָנטערט איצט איבער די דעכער אַ חשוונדיקער שניי, ווי ער געדענקט, ווי יעדעס יאָר. הלמאַי איז אין אוזבעקיסטאַן אַנדערש, ווי אויף דער גאַנצער וועלט? דערויף ענטפערט ער זיך אַליין מיט אַ פראַגע: הלמאַי דרייט ער זיך דאָ אַרום, אַן איבעריקער, מיט אַ בלעכן קעסעלע פאַרבונדן אויף אַ שטריק אַרום זיין איינגעפאַלענעם בויך?

א וועלט אנגעפילט מיט אנדערשקייטן.

מילא, זאָל עס גיין, ווי סע גייט.

אבער דאס קעסעלע ביי דער זייט, דערמיט וועט ער זיך ניט שיידן, ניין, בשום אופן ניט. דערפון שעפּט ער זיין חיונה, פילט־אויס זיינע הונגעריקע טעג און נעכט.

א קעסעלע אזא.

שטענדיק איז עס אנגעפילט, דאס דאזיקע קעסעלע, מיט קוקורוזע, אדער דזשוגאַראַ־קאַשע. און אז עס ווערט אויסגעליידיקט, איילט ער, וואָלף, צו דער סטאַציע, ווארט, ביז אן עשאַלאָן פאָרט־אָן, ביז מען עפנט דאס ביידל אויפן פּע־ראָן. בינדט ער דאן פאנאנדער דעם שטריק פון ארום זיין וואטניק, בינדט־אָפּ ס'קעסעלע, ווישט ארום, אינוועייניק, די שווארצע ווענטלעך, מיט אַן איינגעבויגע־נעם פינגער, לעקט ארום, אויף אים, די קאשע־פייכטקייט — א זויערע איבער־בלייבעכץ פון היינט פרי, אדער נעכטן אָוונט.

שטייט ער אין דער ריי, ווארט, אז מען זאָל אָנפילן דאס קעסעלע מיט קאשע.

שטענדיק איז ער דער ערשטער ביי דעם קאשע־ביידל. און הינטער אים — שעלטנדיקע זעלנער, וויינענדיקע ווייבער:

— גיבער, שנעלער, דער עשאַלאָן גייט־אָפּ...

אָבער וואָלף האט צייט. זאָל ער אָפּגיין, דער עשאַלאָן, זאָל ער. וועט אי־בערבלייבן די קאשע אין ביידל. וועט ער זעטיקן דעם מאגן א מעת־לעת מיט קוקורוזע, אדער דזשוגאַראַ.

אלצאיינס.

א חיות.

אזוי במשך א גאנצן טאג.

פונם שטעטל צו דער סטאַציע, פונדארט — צום דערלעגאַט.

און אויף אלע זיינע וועגן באַמבלט זיך הינטער דער פּלייצע, ביי זיין לינקער זייט, זיין שטענדיקער באגלייטער — דאס בלעכענע קעסעלע מיט א פארדעקטער דנאָ: ארומשווימענדיקע קאַשע צווישן אנגערעגנט וואסער.

צדה לדרך.

*

— נו, וואָס הערט זיך, ער איז שוין געקומען?

— איבערמארגן.

— און ער וועט עפּעס ברענגען?

— כ'ווייס ניט.

— וואָס איז ער?
— כ׳ווייס ניט.
— א ייד?
— כ׳ווייס ניט.
— א ווילער מענטש.
— דאכט זיך, אז יאָ.
— און א צעטל, אז דו ארבעטסט האסטו שוין?
— נאָכניט.
— וואָס=זשע וועט זיין?
— כ׳ווייס ניט.

דאס אלץ ווילן געוואָר=ווערן איינער פון איינעם, באָרוועסע בחורים אין קאַראַ=קול, אויף דער סטאציע און אין שטעטל.

א דעלעגאַט איז דאָ. זיצט שוין עטלעכע טעג אין א הייזקע. פארשריבן אלעמענס נעמען, ווער נאָר ס׳איז ראוי צו נעמען פון אים שטיצע.

און גאָרניט.

מען זאגט, אז אָט=אָט קומט ער, ברענגט ער, טיילט ער.

זיינען אומגעדולדיק פוילישע יידן און פוילישע פּאַלאַקן אין קאַראַ=קול און אין די דערפער ארום. ציען זיך טאג=איין, טאג=אוים דרענגערדיקע פיס איבער פעלדער, צעהאקטע וועגן, איילן צום דעלעגאַטס פענסטער. ווארטן.

אָט קומט ער. אָט=אָט=אָט.

און ער איז געקומען.

א שמייכלדיקער. א גוטינקער, אַן איידעלער.

דער פּאַן מעצענאַס —

אזוי האט ער זיך געהייסן רופן.

און אזוי האט מען אים גערופן.

האט מען זיך נעשטעלט אין דער ריי. פוילישע יידן הינטער פוילישע פּאַלאַקן.

אלע מיט פּאַפּירלעך אין די הענט, באַסטעמפּלטע פּאַפּירלעך אזעלכע, אויף וועלכע ס׳איז געווען אנגעשריבן, אז —

וואָלף האט ניט געוואָלט וויסן, וואס אויף זיי איז אנגעשריבן. געענוג איז, אז ער קען ניט באקומען אזא פּאַפּירל. און אַן אזא פּאַפּירל וועט דער פּאַן מעצענאַס ניט געבן קיין שטיצע.

געזעץ.

שלעכט.

פארשטייט ניט וואָלף, צו וואס מען דארף האבן אזא צעטעלע.

פונקט פארקערט.

ווער עס ארבעט ניט, דארף באקומען שטיצע. אזוי וואלט געווען יושרדיק... און דערווייל —

א הויכע באַלאָדענע אַרבע איז פארפאָרן נעבן דעלעגאַטס פענסטער, באַ־לייגט מיט זעק, זעק, זעק.

אזש די אויגן קריכן שיעור ארויס ביי אלעמען פון די קעפּ.

— זע־נאר, זע...

— אָ־וואַ...

און וואָלף האט ניט קיין צעטעלע, אז ער ארבעט. וויל אים ניט דער פּאַן מעצענאַס פארשרייבן. וועט ער ניט באקומען קיין שטיצע.

די לעצטע הילף ווערט פארלוירן פון אים.

— גיב אן עצה — בעט ער זיך ביי א פאריסטן בחור — גיב...

— באָרג מיר דיין קעסעלע — צעשפרייט דער בחור ס׳ריסעכץ איבערן פּנים — באָרג...

האלט וואָלף פארוויקלט די פינגער אין דעם אָפּגעבינדענעם שטריק פון זיין וואַטניק, ווארט, אז דער בחור זאל אויפעסן די באקומענע קאשע פון קעסעלע, זאל אים געבן אן עצה, וויאזוי צו באקומען א צעטעלע אזא.

האַלט א קופּע מיט סאַדזע פארשטעקט דעם קאָפּ אינם קאַשע־קעסעלע, שלינגט פון דארט ניט־דערקאָכטע קוקורוזע, באקלעפּט מיט איר די באָקן און גאָמבע.

— נאַ — דערלאנגט ער וואָלפן ס׳אויסגעלעקטע קעסעלע און זאגט — אז דו וועסט נתנען וועסטו באקומען א צעטעלע.

— וואָס זאל איך נתנען?

— א ביסל מעל.

— ווו זאל איך נעמען?

— ביים דעלעגאַט.

— ער וויל דאָך ניט געבן.

— בעט אים.

— ווערמען זאל איך נתנען?

— ביזט א...

וואָלף איז נאכגעלאָפן דעם אנטלויפנדיקן בחור. דער רעגן האָט געוואַשן ארום די ווענטלעך פונם פארשווארצטן קעסעלע, געשטאָכן, אלכסונדיק, אויף אָפּ־געדעקטע שטיקער פון זיין צעווייקטן לייב.

ערב־נאכט האָט געגומען צודעקן די סטאציע און דאָס שטעטל קאַראַ־קול.

*

שווער צו וויסן, ווען עס ענדיקט זיך דער טאָג און וווּ ער הייבט זיך אָן, אינם שטעטל קאַראַ־קול. ביידע — טאָג־אונטערגאנג און אויפגאנג — ביידע האָבן זיי דעם זעלביקן פּרצוף אין דער חורבה, ווו עס ליגט וואָלף און ביי דער חורבה, וועלכע רופט זיך — וואָלף.

אלצאיינס:

גודנער, ווינטיקער רעגן שפּריצט מעת־לעת נאָך מעת־לעת, צעווייקט מענטש און אייזל, וואַשט ליים פון באקלעפּטע דעכער, וואַרפט־אום קרומע ווענט פון אויסגעבויגענע קיביטקעס.

א מבול.

און אינם דאזיקן מבול דערמאָנט זיך וואָלף, אַז, שוין כמה וכמה שעהן, א מעת־לעת און אפשר מער, וואָס ער האָט דעם מאָגן ניט געגעבן זיין הצטרכות —

עסן.

קוקט ער ארום דורכן צעפּליקטן דאָך אויפן הימל און, צוריק, מיט די אויגן ארום זיך:

וואַסער דאָרט און וואַסער דאָ; ארום און ארום — א קאַלוזשע, אין וועל־כער עס ליגט א קופּע צעווייקטע ביינער — וואָלף.

איז אים ניט קיין נפקא־מינה, צי אין דער צעפאַלנדיקער חורבה, צי אויף דער גאַס.

איז ער ארויס אינדרויסן. אוועקגעאיילט, אינדערגיך, צום באַזאַר. וואָלף האָט ניט קיין צייט; ניט בלויז ער — דער מאָגן, איי, דער מאָגן...

האָט ער זיך אוועקגעשטעלט נעבן טעפּ מיט זויערמילך, קוישן מיט דאָר־פישע ירקות.

פאַרזוכן.

ניט מער.

קויפן וועט ער ניט. ס'ליגט ניט אין זיין טבע. אפילו די אוזבעקישע סוחרים ווייסן, אז וואָלף האָט ניט קיין געלט, אז —

ניט כדאי אפילו צו טראכטן.
מיט א שטעקן איבער דער האנט.
און שוין.
— קאַ־ראַב־טשוווּק! —
הערט ער שרייען הינטער זיך, פאַטשנדיק מיט די באַזאַקטע פיס בלאָטע־איין, בלאָטע־אויס.
א גנב.
כאַפּט א גנב!...
נאר ביז וואס־ווען — גריזשען זיינע צעפוילטע, שווארצע ציין איבער א צעפוילטן, געלן מייער.
גריזשען.
גריזשען.
און ס׳בלייבט, ווי געווען —
דער מאגן א בייזער, די פיס ברוגז, אינם קאָפּ א געמיש פון רימשענדיקע קולות: —
כאַפּט א ג־נ־ב....
א פּאַסקודנע וועלט, כ׳לעבן. דער אוזבעק וועט היינט זיינע מייערן ניט פארקויפן. זיכער ניט. אויפן באזאר — קיין הונט אפילו. אזא רעגן. אזא מבול. וואס־זשע ארט אים, אז וואלף האט אים געטאכט לייכטער מיט איינעם, איינ־אונאיינציקן מייער. אדרבא. לויט וואלפס השגה, דארף אים דער אוזבעק צו־וּוארפן נאך איינעם, נאך צוויי מייערן. וועט ער האבן ווינציקער אהיימצוטראגן אין דער צעווייקטער קיביטקע אריין.
נאר ניט שייך.
שלי שלי ושלך שלך.
מיש זיך ניט אין קיינעמס עסקים. אזוי איז די וועלט געבויט.
און אָט אזוי האט וואָלף געטאַפּטשעט זיינע אָפּשטייענדיקע פיס אין דער שטעטלשער בלאָטע, זיי געשלעפּט, מיט כוח, צו איינער א נארע, נעבן א טשיי־כאַנע.
זאל זיין, וואס עס מוז זיין.
דעם אוזבעקס פארמעגן איז — א פולער קויש מיט מייערן; וואלפס — א ליידיקער מאגן. איטלעכער מוז זיך האלטן מיט ס׳זייניקע, וואס דער באשע־פער האט אים באשאנקען.
מיינס איז מיינס, דיינס איז דיינס...

און דער רעגן שטעלט ניט איין זיין געשפּריץ איבער קאַראַ־קול. אַלץ אונטער די פּיס שווימט. אַפילו דער טאָג, וואָס זיין סדר איז צו גיין פון שעה צו שעה, אויך ער גליטשט זיך אוועק אין דער בלאָטע, הייבט אַריבער זיין איינגענעם גאַנג, פאַרשווינדט ערגעץ אין די חושכדיקע וואָלקנס אַריין.

און וווּ זאָל זיך וואָלף הינטאָן?

איז ער אַריין אין אַ צעעפנטער טיר, זיך אַוועקגעזעצט נעבן אַ טיש באַדעקט מיט צייטונגען.

„קיזיל אוזבעקיסטאַן".

לייענט ער איבער אַ „קאַפּ" אויף איינער אַ צייטונג.

נעמט אים שווינדלען אין קאָפּ, זיך דרייען אַרום די אויגן, אוזבעקישע ווערטער, וועלכע דערציילן, וועגן זויערמילך און געלע מייערן, וועגן ביטערער טיי, געפּרווירענע נעכט; און אַלע פאַרענדיקן זיי זיך מיט — קאַראַבאַטשוק...

אַ וואָרט אַזאַ, וועלכעס באַצייכנט וואָלפן, אַז ער איז אַ — גנב.

און דאָס אַלץ.

איצט איז ער גאָר משעקאַווע צו וויסן, צי זי, ס'ווייבל, וואָס זיצט הינטערן טיש, צי אויך זי טראַכט ס'איינגענע וועגן אים, ווי זיי דאַרט, די אוזבעקן אויפן באַזאַר.

מילא.

ניט זיין דאגה.

דאָ איז וואַרעם צו זיצן.

זיצן זיי ביידע — זי אַ דרעמלדיקע איבער אַ שטויס ביכער, ער — מיט אַ האַנט פאַרוקט טיף־טיף אונטערן זאַק־העמד.

און דער טיש איז פאַרלייגט מיט צייטונגען, גרויסע, הפקרדיקע צייטונגען.

וואָלף ווייס, אַז אַ צייטונג איז נאָר אַ טייער חפץ, נאָך טייערער, ווי אַ שיסעלע זויערמילך, ווי אַ פולע שיסל מיט מייערן.

לייענט ער. טראַכט ער. און דערטראַכט זיך צו עפּעס.

אָבער שרעקט זיך, אַז זיינע מחשבות זאָל ניט אַראָפּלייענען, זי, דאָס ווייבל, וואָס היט די צייטונגען אויפן טיש.

וואַרט ער. מישט די גרויסע בלעטער איינעם אויף איינעם. פאַרטיפט זיך אין זיי. פאַרטיפט זיך אין יענעם ווינקל, ווו די היטערין טרייסלט איר שלעפעריקן קאָפּ. און דער אָוונט, מיט זיין נודנעקייט, עסט די ביינער, טיילט זיי אָפּ פונעם לויט פליייש, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אויף זיי.

א בייסיקע קעלט.

וואָלף האָט איצט שטאַרק חשק צו רעדן, דערציילן אַלץ, וואָס עס גריזשעט אין זיין מוח.

אָבער פאַר וועמען?

די ביבלאָטעקאַרין שלאָפט.

זאָל זי שלאָפן.

אדרבא.

וועט ער צונויפנעמען אַלע די בלעטער אויפן טיש, זיי צוזאַמענלייגן אין איין גרויסן שטויס. יאָ. אַזוי. און אַנטלויפן. לויפן א גאַנצע פינצטערע נאַכט. ביז אינדערפרי. ביז צו דער סטאַנציע אין קאַראַ=קול. דאָרט וואַרטן, ביז עס וועט אָנפאָרן אַן עשאַלאָן. זעלנער. זיי אַוועקגעבן די גרויסע בלעטער. נעמען שטיקער ברויט. סאָלדאַטישע מאַכאָרקע.

חי = געלעבט...

און —

דער רעגן קלאַפּט הילכיק איבערן ערדענעם דאַך, טומלט איבערן קאָפּ. פונם שלאָפנדיקן ווייבל, מאַכט זי באַוועגן פון איר אָרט.

— שוין — טוט זי פלוצלינג א זאָג — כ'שלים.

— וואָס שליסטו? — צאַפּלט אונטער וואָלפס וואַטניק א פּאַק מיט בלע=טער.

— כ'שלים, האָב איך געזאָגט — שרייט ס'ווייבל א שלעפעריקע.

— גו, מילאַ, שלים — טרייסלט וואָלף מיט זיינע ציין.

און קנייטשט די ציימונגען אונטער דער פּאַכווע, שטייענדיק אויפן אָרט.

— וואָס שטייסטו, האַ? — וויל ס'ווייבל וויסן.

וואָלף ענטפערט ניט.

— טראָג זיך אַרויס, האָב איך געזאָגט, הערסט ניט?!

— יאָ, כ'הער — טראַכט וואָלף, ווי אַזוי זיך אַרויסצוטראָגן מיט זיין אָנ=געראַבעוועטן פאַרמעגן.

נאָר, ביז וואָס=ווען — ס'ווייבל שטייט נעבן אים.

— שוין! — הערט ער א גרילץ, נאָנט, אַרום די אויערן.

ווייס ער ניט, וואָס דער דאָזיקער „שוין" באַדייט: אַרויסגיין, ווייל די הוי=מערין וויל שליסן די טיר, אָדער — אַוועקליינגן צוריק די בלעטער אויפן טיש.

אים איז אָבער אַלצאיינס.

טוט ער א צאפּל מיט זיין דראבנעם גוף, אים א שלײדער ארויס אינם טונקעלן בין־השמשות.

אנטלאָפן.

און הינטער זיך פילט ער אײלנדיקע טריט, רוגזהדיקע קולות: —

קאַ־ראַב־טשוווק!...

נאר איצטיקס מאל איז די נאכט געווען זיין שותף. אים פארשלינגען אין זיך. איינגעהיטן די צוויי גרויסע צייטונגען, וואס האבן זיך, אנגסטיש, געקלאַ־מערט צווישן זיינע פינגער.

כאַפּט אַ גנב...

ס'איז אבער ניט כדאי געווען.

די זעלביקע קולות — ווען ער גנבעט־צו אלע צייטונגען, אלע — ניט פארלירנדיק אין דער בלאָטע א גרויסן טייל פון זיין רויב.

נאר נישקשה.

צומארגנס וועט ער זיין גלייך מיט אלע — האנדלען צוגלייך מיט אלע בחו־רים ביי די זעלנערשע עשאַלאָנען אויף דער סטאַציע אין קאַראַ־קול.

*

נאכדעם, ווי דער רעגן האט שוין געהאט אָפּגעטאָן ס'זייניקע — צעווייקט ס'ליים אויף ווענט, דעכער פון קאַראַ־קולער קיביטקעס, איז אָנגעלאָפן א ווינט, מיט רעש, געפילדער, אנגעפלויגן, כדי צו פארענדיקן דאס, וואס דער רעגן האט איבערגעלאזט.

איז דער סך־הכל געווען, אָט אזעלכער: ארומגעריסענע ווענט, אָפּגעפליקטע דעכער — לעבער דאָ און לעבער דארט — אויף דער סטאַציע און אינם שטעטל פון קאַראַ־קול.

איבערקערעניש.

נאר ניט אויף לאנג.

איינאײנציקן טאג האט זיך דער ווינט געשפּילט מיט שטרויענע ציגל, זיי געשליידערט איבער הייזקעס, אריינגעשליידערט אייזל און מענטש אין בלאָטיקע קאַלוזשעס נעבן איינגעוואָרפענע קיביטקעס.

און אוועק.

און זיך אויפגעהויבן הויך, איבער אלץ און אלעמען.

איצט האט ער, דער ווינט, אוועקגעאײלט צו די וואָלקנס, זיי געגומען טרייבן פון אונטערן הימל, אוועקטרייבן זיי ערגעץ צום האָריזאָנט, הינטער די פארכאַד־בערג —

אָנטרונקען זיך מיט וואסער און עס, גלייך, אויסגיסן איבער קאַראַ־קול.
סוף־חשוונדיקע טעג איבער אוזבעקישער ערד.

אין אזעלכע טעג דריקט אַ פייכטקייט אויף וואַטענע צוויטן — צעפּליקטער הלבשה, פּרעסט זיך אַיין אין מאָגערן ביין, לאָזט דאָרט איבער א ווילגאַטנע קאַלעמוטנעקייט.

און אין די דאזיקע טעג האט וואָלף געטראָגן אויף זיך א שווערע משא — דעם דורכגעווייקטן וואטניק אנגעפילט מיט וואסער.

א פרייַלעכער.

צווישן זיינע פינגער קנייטשט זיך א פּאַפּירל, אויף וועלכן עס ליגט א קיי־לעכיקער סטעמפּל, אַז אויפשריפט, אז — וואָלף ארבעט.

יאָ. איצט שפּאַנט ער קאַלוזשע־איין, קאַלוזשע־אויס, שפּאַנט צום דעלעגאַט אויף דער סטאַציע.

באקומען הילף.

עס קומט אים.

ער ארבעט.

אנדערש האט אים דער העלפנדיקער דעלעגאט ניט געוואָלט געבן קיין הילף.

דער פאַן מעצענאַס.

א הויכער, א ברייטער מיט א הויכן ברייטן שטערן, מיט א בלאסן שמייכל אויף שטענדיק־פארדאגהטן פנים.

— נו, וואָס הערט זיך? — פרעגט ער ביי וואָלפן, דורכן פענסטער, אויף דער גאס ארויס.

— איך וויל הילף, פאַן מעצענאס — ענטפערט וואָלף, דערלאנגענדיק ס'ארבעט־פּאפּירל.

— אזזוי! — צעשפּרייט דער דעלעגאט דעם בלאסן שמייכל איבערן פארזאָרגטן פנים.

און וואָלף באקומט א זעקעלע מיט מעל, ווייס מעל פון אמעריקע געשיקט.

— א שיינעם דאנק — צעווארפט ער די צונויפגעקניפּטע שטריק אויף זיין קאָפּ, ארויסרוקנדיק זיך פון דער ריי, צולאזנדיק צום פענסטער אנדערע פּוילי־שע יידן, צו באקומען הילף פונם פּוילישן דעלעגאט.

מ'קען שוין לעבן — זאגט ער צו זיך — יא, מ'קען:

א ביסעלע מעל מיט א ביסעלע וואסער — און ארומקלעפּן די פארטרוקנטע מאגן־ווענטלעך אויף א טאג־צוויי.

איבערהאַלטן.

נאָר קודם־כל מוז ער אָפּצאָלן דעם חוב: צוויי לעפּל מעל פאַר דעם צעטעלע, וואָס מ'האָט אים געגעבן, אַז ער אַרבעט.

צוויי לעפּל — און ס'זעקעלע בלייבט כמעט ליידיק.

ס'איז אָבער כדאי געווען. מאָרגן וועט ער ווידער גיין צום דעלעגאַט און ווידער באַקומען הילף.

ער אַרבעט...

איילט ער, אינגערגיך, איבערן בלאָטיקן וועג, איילט צו יענעם ווייבל, וועל־כע האָט באַוויליקט אַרויסצוליייגן איר סטעמפּל אויפן שטיקל פּאַפּיר, איר נאָ־מען, אָפּגעגנאַרט, דערמיט, דעם פּאַן מעצענאַס אויף דער סטאַציע.

*

הין־און צוריק, צווישן שטעטל און סטאַציע, צווישן פאַרוויינטן הימל און נאַסער ערד, איבערן גאַנצן וועג, שלייכן זיך בחורים און מיידלעך, מענטשן־שאָטנס, לופטערנדיק אין דער פּייכטער לופט — ברייטע, זעלנערשע העמדער, שמאָלע, גרינע הויזן, אונטערוועש און געפּאַרבטע שינעלן — הלבשה פון אמע־ריקאַנער סאָלדאַטן, נאָר־וואָס באַקומען פונם פּוילישן דעלעגאַט.

שטעכן אוזבעקן זייערע קנאַהדיקע בליקן אויף גלאַנץ פון רופנדיקער פאַרב. שטעלן־אָפּ אונטער זיך אייזלשן געלויף. נעמען פאַנאַנדער באָרד פון וואָנסע. ווילן וויסן:

— יאַנגי?

— יאַנגי — ענטפערן אוזבעקישע שטימען, פון וועלכע עס הערט זיך אַרויס א יידישער קרעכץ, וואָס האָט צו זאָגן: —

נייע סחורה, יאָ, נייע; נאָר־וואָס געקומען פון אַמעריקע, באַקומען פון פּוילישן דעלעגאַט.

נעמט מען האַנדלען אינמיטן פונם שאָסיי.

דער אוזבעק:

— טשאַמפּול קוילאָק?

דער בחור:

— אָן־טאַ נאָן.

דער אוזבעק:

— נאָן יאָס־מע.

דער בחור:

— ביר יוז איליק.

און מען קומט צו אַן אויסגלייך. אוזבעקישע פינגער האַלטן פאַרפּלאָכטן צווישן זיך אַ ווייס, קינדעריש הענטל פון אַ יידישן בחור, דריקן עס שטאַרק־שטאַרק. דער אוזבעק, אויפן אייזל, וועט שוין דעם בחורס האַנט ניט אַרויסלאָזן; וועט ניט אַוועקלאָזן ס'זעלנערשע העמד, וואָס דער בחור וויל אַוועקגעבן פאַר צען אוזבעקישע לעפּיאָשקעס. אַוודאי איז דאָס העמד אַ יקר־המציאות. אַ שאָד, וואָס ער האָט ניט בײַ זיך אַ שטיק ברויט, אַ לעפּיאָשקע, אַ קרינגל מיט אוז־בעקישער קאָשע. דער בחור איז הונגעריק...

— יאָכשי קוילאָק — קנייטשט דער קונה זײַנע האָריקע באַקן.

— יאָכשי — איז מסכים דער סוחר — ס'בעסטע העמד, וואָס איז נאָר דאָ אויף דער וועלט... געקומען פון אַמעריקע...

בינדט דאַן פאַנאַנדער דער אוזבעק דעם געפאַרבטן גאַרטל, שלעפּט אַרויס פונדאַרט פופצן נײַע פּאַפּירלעך, דערלאַנגט זיי דעם בחור:

— מאַנאַ ביר יוז איליק.

און שטעכט־אײַן דעם שפּיץ פון זײַן שטעקן אין אייזלס קאַרק: —

— אַכּכרדדר!

דאָס מסחר איז געענדיקט. מיר קענען שוין אײַלן אין קישלאַק אַרײַן.

בלויז וואָלף דריקט צו זײַן וואַטניק ס'זעקעלע מיט מעל. ער וועט דאָס ניט פאַרקויפן. בשום־אופן ניט. אַ מתנה. וואַרפט ער גיך מיט זײַנע באַרוועסע פיס. שליידערט זיי אַרײַן צווישן די שטעטלשע בלאָטעס — אין דער ביבלאָ־טעק, ווו מען לייענט צײַטונגען.

אָט, ווו מ'האָט אים געגעבן דעם סטעמפּל, דאָס פּאַפּירל צום דעלעגאַט. צוליב וועלכן ר'האָט היינט ס'ערשטע מאָל באַקומען שטיצע.

— נו, וואָס הערט זיך? — לויפט אים אַקעגן אַ פאַרשלאָפן ווײַבל.

— נעקריגן! — צאַפּלט אין וואָלפס הענט ס'זעקעלע מיט מעל.

— אוי־ווײַ! — צעעפנען זיך דעם ווײַבלס אויגן — אַזאַ ווייס מעל...

זי נעמט אַרײַן צווישן די ציין אַ קאַפּיטשקע, וואַרפט דערמיט אויף דער צונג, פאַרמאַכט די אויגן, עפנט זיי צוריק און קומט צו דער מסקנה: —

גוט מעל; בײַ אונדז איז ניטאָ אַזעלכעס...

— און וואָס וועסטו טאָן מיטן מעל? — וויל זי וויסן פון וואָלפן.

— כ'וועל מאַכן פּאַפּ — ענטפערט ער.

— און וואָס וועסטו טאָן מיטן פּאַפּ?

— כ׳וועל קלעפּן.

— קלעפּן? — טוט אַ צאַפּל די ביבלאָטעקאַרין מיט איר שמאָלן גוף.

— יאָ, קלעפּן — ענטפערט וואָלף אַ זיכערער.

— ביזטו אַן איינבינדער?

— יאָ — גרילצט ער מיט אַ געלעכטערל אויז — כ׳וועל בינדן דעם מאָגן, וועל איך בינדן...

— דעם וואָס? — פאַרשטייט ניט ס׳ווייבל.

און ס׳איז געבליבן:

וואָלף ווערט אַן איינבינדער אין דעם ווייבלס ביבלאָטעק.

האָט ער אין דעם בלעכענעם קעסטעלע זיינס, וואָס האָט זיך אים געבאָמבלט ביי דער זייט אויף אַלע זיינע וועגן, געמישט הייס וואַסער מיטן דעלעגאַטס מעל, געמאַכט פּאַפּ, געקלעפּט דערמיט צייטונגען, פּאַפּירן. אַזוי במשכן טאָג. און אין אָוונט — מיט די פינגער אויסגעווישט די ווענטלעך פונעם קעסטעלע, זיי אַרומגעלעקט פונעם איבערגעבליבענעם פּאַפּ.

אָפּגעגעסן.

האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. שוין ניט געווען מיט וואָס צו קלעפּן: איין העלפט פונעם מעל האָט ס׳ווייבל פאַרגוצט אויף קליינע־קליינע קלים־קעלעך און די צווייטע — האָט וואָלף זיך געשעמט צו דערציילן, ווי ער האָט היינגעמאָן.

— פאַרקויפט? האָט די ביבלאָטעקאַרין געצאַרנט.

— ניין. געמאַכט פּאַפּ.

— פון גאַנצן?

— ניין. פון אַביסל.

און וואָלף בלאָנדזשעט אַרום, אַ שולדיקער, מיט זיינע אויגן, איבער די פאַרדאַרטע ווענטלעך פונעם קעסטעלע, שאָבט איבער זיי מיט אַ ברודיקן נאָגל פונעם צייג־פינגער, שאָבט און וואַרפט אין מויל אַריין פאַרטרוקנטע איבערבלייבעכץ פון פּאַפּ — שיריים פונעם דעלעגאַטס מתנה אויף דער סטאַציע אין קאַראַ־קיל.

*

דער ווינטער אין אוזבעקיסטאַן איז אַ פאַרביילויפיקער, אַן אַנגעטראָגענער פון ערגעץ ווייטע מקומות, אַ געצוווּנגענער, וואָס מוז מיטמאַכן דעם סדר־העולם. ניט מער.

און שולדיק אינם אוזבעקישן ווינטער איז נאָר דער לוח. וואָרום, ווען אין אים, ־עם לוח, וואָלט זיך ניט געפונען דער חודש כסליו, טבת, וואָלטן אוזבעקן

געטראָגן אלע צוועלף חדשים זייערע קורצע ווייסע הויזן, געבלימלטע יארמלקע — געטרעטן נאקעטע פיס־טריט איבער ערד, באדעקטער מיט וואטע.

איבער אוזבעקישע וואטע־פעלדער.

אויך זיינען שולדיק אינם אוזבעקישן ווינטער די יידן, וואָס זיינען געקומען פון פוילן, אָפּגעטרעטן אין סיבירער וועלדער און, פון דארט מיטגעברענגט אזעלכע אייז־קאלטע ווינטן.

אזוי זאָגן אייגנגעזעסענע אוזבעקן.

אלץ די פוילישע יידן.

וואָלף. —

ווענ ניט ער, דער איינגעהויקערטער בחור, ווען ניט ער, וואָלט די אוזבע־קישע זון, בקדמוניות, געפּרעגלט איבער פליכן און קישלאַקעס, געבריט נאקעטע פיס אין צעהיצטן זאמד.

א גאנץ יאָר.

אבער וואָלפן אַרט עס ניט: זאָלן זיי זאָגן, זאלן זיי. ער זיצט אויף א באנק אין קארא־קולער פּארק, איינגעהילט אין א ברייטער קאָלדרע; אויך די פיס, דער קאָפּ — אלץ אויף אים פארזונקען אין דער וואלענער צודעק.

באקומען פון פוילישן דעלעגאט.

זיצט ער און זינקט אין מחשבות:

יארן מאטערניש איבער זיך, איבער איינענעם „איך", ווערט פון מענטשם לעבן; מסקנות, צו וועלכע ר'איז געקומען נאך לאנגע טראכטענישן — און אלץ גייט לאיבוד אָטאָ דאָ, אין אים, ארום אים. —

טעג שרייבן אויסגעווייטיקטע שורות: רופן אינם מענטש, אז דער ווערט, דעם מענטשם, זאל זיך בולט ארויסצייכנען אויף זיין פּרצוף. און איצט זעט ער, אז — גארניט. ניט כדאי געווען. וואָלט ער, גלייבער, די דאזיקע טעג פארנוצט אויף טראכטן, מכח תכלית, מכח וואָכעדיקן „דאָ־זיין" — גשמיותדיקע טעג אויסגעפילט מיט חומר, אָנפילן דעם גוף מיט ווארשעווער זעטיקייט — וואָלט ער איצט אפשר געמסחרט אויף באזארן, געטאָן דאָס, וואָס עס טאָן אנדערע יידישע בחורים אין און ארום אוזבעקיסטאן.

איז אבער וואָלף געווען א שרייבער. א רופער. א מאָנער. —

דער עטלעכע־און צוואנציק יאריקער ווארשעווער בחור.

טולעט ער איצט זיין איינגעפרוירענעם גוף — פון די נאקעטע פיס־פינגער, ביז איבער ארויסשטארנדיקן אויערן־פלייש — קוועטשט אלץ אין דער פייכ־טער קאלדרע.

טבתדיקע במורגנקייט עסט דעם גוף.

אזוי לאנג, ביז עס זעצט זיך אוועק נעבן אים איינער א ייד, מיט פרעגנדיקע אויגן:

— ?

פארשטייט ניט וואלף, וואס דער ייד באוואונדערט אים מיט זיין בליק. פארשטעקט ער ווידער זיינע אויערן אינם לעבלעכן צודעק, בלאנדזשעט ווידער ארום אין זיין פארלוירענעם נעכטן, געפרוירענעם היינט, קומט צו אן אויספיר, וועלכער ענדיקט זיך מיט א לאנגן זיפץ.

און דער ייד:

— ?

זאל ער קוקן אויף אים, טראכט וואלף. א מאדנער ייד. מסתמא וועט ער דאך, סוף־כל־סוף, ארויסברענגען פון זיין מויל דאס, וואס זיינע פרעגנדיקע אויגן ווילן וויסן.

און ער האט זיך דערוואַרט:

— א ווארשעווער?

— יא.

— א שרייבער?

— יא.

— א... א...

און דער ייד פארענדיקט ניט זיין פרעגן. דריקט־צו דעם גוף נענטער צו וואלפן, דריקט אריין די שטעכיקע גאמבע אין זיינע הויטיקע באקן, די ליפן — פייכטע, פארעדיקע — נעמען אייליק ארומלויפן איבערן צעשראקענעם וואלפס אפגעדעקטן פנים: —

— ווי איז מיר!

און שוין.

און דער הימל האט א שפריץ געטאן מיט קדחתדיקן רעגן, אראפגעשלייַדערט א וואלקן אויפן פארק, מיט אים פארדעקט זיי ביידן — דעם טרערנדיקן ייד און דעם צאפלדיקן וואלף.

די וועלט פארענדיקט זיך. אָט שוין.

ממש שוין.

*

נאר ארום וואלפן האט זיך, אין דער דאזיקער נאכט, אלץ איבערגעקערט קאפויער.

א נאכט, ווי אלע איזבעקישע נעכט.
ימש חושך.

אין דעם יידם קיביטקע — א הילצערנער טאפטשאן באדעקט מיט קאמיש. אויף אים — א ווייבל, צוויי קווימשענדיקע מיידעלעך דערנעבן.

א משפחה פונם שטעטל לוניניעץ, וואס האט זיך אמאל געפינען אין פוילן דער מדינה, פארשטעקט אין די פינסקער בלאטעס.

— זיצט — זאגט דער ייד צום אריינגעברענגטן גאסט.

זעצט זיך וואלף אוועק נעבן ווייבל. שווייגט.

אלע שווייגן.

אין א ווילע ארום:

— הערסט, נעבע, א ייד פון ווארשע.

— פון ווארשע — זיפצט ס'ווייבל.

— פון ווארשע — זאגט וואלף.

און קוקט אויפן טאנצנדיקן קאפיטש, וואס סאדזעט ארוים עיפוש פון א באאיילט קנייטל אויף אן ארומגעשיילטער וואנט.

א שטיבל אויסגעפילט מיט באוועגנדיקע שאטנס אין פייכטע ד' אמות.

דערנאך נעמט ער שמייכלען, טרייסלען מיט די ליפן, ציקן די באקן, פארקייכט זיך מיט א שפיציק געלעכטערל אזא.

זאגט דערויף דער ייד:

— ווי איז מיר!

און ס'ווייבל:

— ווינד און וויי!

און געבליבן איז:

וואלף איז אראפ פון זינען.

חסר דעה.

לאכט מען. לאכן די צוויי מיידלעך אויפן קאמיש, די שאטנס אויפן לייםענעם דיל, שטרויענעם באלקן.

א טרייסלעניש אזא. —

— קכי־כאַ־כאַ־כאָאא!

זיצן, צעשראקענע, ייד און ווייב. זאגט נעבע צום מאן:

— שילעם, הערסט, שילעם!

— וואסי?

— נעבעך...

הערט וואָלף דעם דאַזיקן „נעבעך", פּילט אים אויף זיך. נעמט ער גלעטן איין מיידעלע איבערן קאָפּ, ס'צווייטע. ציטערט די מאַמע איבער וואָלפס באַוועגן זיך. נאָר ער באַרויקט אַלעמען:

— אוי-וויי, וואָס פון מענטשן קען ווערן!

— יאָ. ס'קען ווערן... — זיינען מסכים מאַן-און ווייב און ביידע גיבן-צו

— ס'איז אָבער ניט קיין געלעכטער...

— יאָ, אַ געלעכטער, כ'לעבן — זאָגט ער — אַ הנאהדיק געלעכטער, וואָס אויף דער וועלט געפינען זיך נאָך מענטשן — מענטשן פאַרדינטע, צו טראָגן מיט זיך דעם דאַזיקן נאָמען.

גוטע מענטשן.

און דער ייִד, שילעם, וויל דווקא וויסן, צי וואָלף איז ניט חסר-דעה. נעמט ער אים דערמאָנען:

— מיט עטלעכע יאָר צוריק זענט איר געווען אין מיין שטעטל, לוניניעץ, געדענקט איר?

— יאָ, געווען — זאָגט וואָלף — געווען...

— און וואָס די יאָרן האָבן געבערענגט מיט זיך, האַ?

וואָלף ענטפערט ניט. שטעלט אוועק אין אַ ווינקל זיין בלעכן קעסטעלע. בינדט-פאַנאַנדער די שטריק פון זיין צווייטן וואַטניק. לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ליימענער ערד. שלאָפן.

לאָזן ניט מאַן און ווייב:

— קומט אויפן טאַפּטשאַן, קומט — זאָגן ביידע — ס'איז דאָ פּלאַץ פאַר אַ פינפטן אויך...

לאַכט ווידער וואָלף מיט זיין הנאהדיק געלעכטער. לאַכן מאַן-ווייב-קינדער צוזאַמען מיט אים. דושען זיך שאַטנס אויף אָפּגעשיילטע ווענט.

און אַלע זיינען זיי מסופק:

חסר-דעהדיקע מינוטן אַריינגעבערענגט אין שטיבל — ווער-זשע, פון אַלע פינף, איז דער חסר-דעה?

וואָלף זיצט אויפן טאַפּטשאַן. רעדט. אַלע הערן. די היינטיקע נאַכט געהער צו אים — אַ נאַכט, וועלכע מוז ווערן אויסגעפּילט מיט רייד: וועגן עבר, הווה, עתיד. שוין לאַנג ניט גערעדט אַזויפיל. כמעט פאַרגעסן ס'לשון. איצט וועט ער דערציילן אַלץ. יאָ. פאַר גוטע מענטשן; און זאָלן זיי זען — אַז חסר-דעה איז זי, די וועלט: אַ משוגע-געוואָרענע וועלט.

א משוגעים־הויז, אנגעפילט מיט משוגעים.

— הוילע משוגעים — זאגט נעבע, ס'ווייב.

— פסיכאָפּאַטן — פאַרבעסערט שילעם, דער מאַן.

דערנאָך נעמען געגעצן די קינדער אויפן קאמיש. נעמט שילעם טרייסלען דעם קאפּ אויף א האַנט־דלאַניע.

ליינן זיך אלע אוועק אויפן טאפּטשאַן. פאַרטרייבן די שאָטנס פון דער וואַנט.

א כראָפּען.

און וואָלף פילט אונטער זיך א באַוועגן. טרייסלט ער זיך. טרייסלט זיך דער טאַפּטשאַן מיט פינף נפשות.

שוואַרצע, בייסנדיקע נאַכט צווישנס קאמיש ביי דער לוניניעצער משפּחה אין אַן אוזבעקישער קיבּיטקע.

אינס שטעטל קאַרא־קול.

*

שילעם האָט א ידיעה אין חשבונות. דאס איז זיין פאַך. דערמיט האָט ער זיך עוסק געווען דאָרט, אין דער אַלטער היים, אָרום די פינסקער בלאָטעס און דערמיט — אויך דאָ, אין קאַראַ־קול.

זיצט ער טעג און חשבונט, וואַרפט די קיילעכיקע רעדעלעך איבערן חשבון־ברעט:

זעקס, נול, איינס, אכט; פּלוס — פיר, צוויי, זעקס; מינוס — דריי, צוויי, נול, זיבן...

אַזוי לאַנג, ביז ער דערפילט א רויש אין מוח, א שווינדלען אָרום די אויגן —

איינס, דריי, זיבן, נול, זעקס, דריי, פיר, נול, ניין...

שוועבן דאַן אָרום זיינע אויגן ציפערן מיט נולן, פּלוסן מיט מינוסן.

אַזוי במשך טאָג, אין דער קאַנטאָר, וווּ ער אַרבעט.

אויך ווען ער גייט א היים, איבערן וועג, צו זיך אין קיבּיטקע — אויך דאַן לאָזן אים ניט די ציפערן במנוחה.

וואָרום, שילעם, א פאַרטרוקנטער, מיט באַוואַקסענע געלעכערטע באַקן — ער טראָגט אַלץ אין זיין חשבונדיקן מוח: די בחורים אויף דער סטאַציע, וויפיל זיי פאָרדינען אָרום די סאָלדאַטסקע עשאַלאָנען, וויפיל שטיצע זיי באַקומען פונעם פּוילישן דעלעגאַט.

א קבצן, וואס וואקסט אריבער, כּפּליים, אים מיט זיינע ציפערן — קען די דאזיקע קבצנות גיט מוחל=זיין דעם פאן מעצענאס, וואס ער גיט אלעמען הילף, נאר אים, שילעמן, ניט.

שפאנט ער פארביי, מיט זיין אויסגעבויגן שטעקעלע, דעם דעלעגאטס פענסטער. שטעלט זיך דארט אפ א ווייַלע. ציילט. איינס, צוויי, דריי, פיר... א לאנגע מענטשן=ריי. איטלעכער גייט אוועק מיט א זעקעלע אין די הענט. מעל אדער מאנגע=קאשע. וויפיל וועגט אזא זעקעלע? צוויי, דריי... פינף הונדערט גראם. זיכער. אזויפיל וואלט ער געדארפט איצט אהיימטראגן צו זיין נעבע, צום ווייב און קינדער. ווייל אים אבער דער דעלעגאט ניט געבן. ניין. בשום=אופן ניט. ער איז ניט קיין פוילישער ייד. שטאמט פון די פינסקער בלאטעס. און יענע געגנט געהער צום „מערב"....

— פארשטייסט, נעבע — זאגט ער צום ווייב — מיר זיינען מערב=יידן, ניט קיין פוילישע...

ווארפט דאן נעבע פאנאנדער די צעשויבערטע האר ארום די אקסלען. צינדט=אן ס'פארקאפּטשעטע קנייטל אויף דער וואנט. צעקרעכצט דעם מידן גוף, אראפּבייגנדיק זיך צום לייטעגעם דיל.

— איינס, צוויי, דריי — ציילט שילעם די צוקער=בורעקעס, וועלכע ס'ווייב נעמט ארויס פון א זעקעלע — דריי, פיר, פינף...

ראס האט נעבע געברענגט פונם ירקות=גארטן, ווו זי ארבעט מיט אוזבעקישע ווייבער במשכן טאג.

און די קינדער אויפן הילצערנעם טאפּטשאן — זיי האבן ניט קיין צייט, ביז די מאמע וועט ארומשיילן די בורעקעס, זיי ווייד מאכן אויפן פייער, אין א טאפּ הייסער וואסער. גריזשען זיי איין זייערע טרייסלדיקע ציין אין דער ברוינדיק=ווייסער הויט פון א צוקער=בורעק, רייסן פון אים שטיקער אינם פארסארזעטן חושך.

אנצופילן דעם פיקנדיקן מאגן, נאך א טאג הונגער.

נאר דער טאטע לאזט ניט.

— אן אויסכאפּעניש... אן אויספּליקעניש... — טרייסלט ער מיט זיין באוואָקסענעם קאָפּ איבער די קינדערס קולות — לאזט אפּקאָכן, לאזט!...

*

קומט דאן אריין וואלף, מיט זיין בלעכן קעסעלע, האלטנדיק עס אין א האנט מיט א פאפיר איבערגעדעקט.

ער זאגט גארניט, וואלף, שווייגט.

בלויז שילעם איז משעקאווע צו וויסן, וואס ער טראגט אין קעסעלע. זיכער באקומען פונם דעלעגאט עפעס, א מתנה פון אמעריקע.

זאגט ער:

— זיצט, וואָלף.

זעצט ער זיך אוועק, האלטנדיק ס'קעסעלע אויף א קני.

זיצט. שווייגט.

פון יענעם טאג אן, זינט וואָלף איז געווארן דער גאסט ביי שילעמן אין קי־בימקע, פון יענער צייט ביז היינט, האט זיך עפעס געענדערט ארום אים. אויב אינם ערשטן אוונט האבן אים בני־בית פארבעטן צו זיך אויפן טאפטשאן, שלאפן צוזאמען מיט אלעמען, האט ער איצט באקומען א ווינקל אויפן לייטע־נעם דיל נעבן רויכערדיקן פיעטשיק. ניט דערפאר, ווייל שילעם איז ברוגז אויף אים, אנגעפילט מיט טענות. חלילה. פארקערט. ער וויים, אז וואלף איז א שריי־בער, א פארטאָענער אין זיך; א יחסן אין שטוב. עס פארדרוסט אים בלויז, פארוואס זיין גאסט פועלט ניט ביים דעלעגאט, אז ער, דער באלעבאָס זיינער, שילעם, זאל אויך באקומען שטיצע.

— דערפאר — שמעכט־איין וואלף זיינע הונגעריקע אויגן אנם אייל־קאָ־פיטש אויף דער וואנט — דערפאר, ווייל דער דעלעגאט וויל מיר אויך גארניט געבן.

— און וואס געפינט זיך אינם קעסעלע?

— קאלטע קאשע אויף דער סטאציע געקויפט.

דערנאך זעצט ער זיך אוועק אין זיין ווינקל, אויף דר'ערד, שלעפט ארויס א לעפל פון ערגעץ צווישן וואטניק, שטעכט אים איין אין דער פארגליווערטער קאשע אינם בלעכענעם קעסעלע.

— איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף... — ציילט שילעם אויף א קול.

איז פונם דאזיקן ציילן ארויס שווער צו וויסן: צי ציילט ער איצט, שילעם, די לעפל מיט קאשע, וואס וואלף ווארפט צווישן די ציין, אדער — דאס גרייט ער צו א חשבון פאר אן אוזבעק אויף מארגן פרי אין דער קאנטאר.

אלצאיינס.

נעבע קען שוין איר מאנס חסרון. צעשניידט זי, אין דער גיך, די ווייך־גע־מארענע צוקער־בורעקעס אויף קליינע־קליינע שטיקעלעך, צעווארפט זיי אין ליי־מענע שיסעלעך איבערן טאפטשאן.

— איינס, צוויי, דריי... איינס, צוויי, דריי... — טײלט־פאנאנדער שילעם צו דריי שטיקלעך בורעקעס פאר יעדן מיידעלע און ס'איבריקע — פאר זיך מיטן ווייב און אן איבערבלײבעכץ אויף מארגן פרי.

דערנאך קערט ער אום זיין באשאטנט פנים צו וואלפס ווינקל:

— נעמט א שטיקל בורעק, וואלף.

נאר וואלף איז פארטאן אינם קעסעלע. וועט די קאשע ניט איבערלאזן, ניט פארבײיטן אויף א שטיקל צוקער־בורעק. געשטאנען לאנגע שעהן אין דער ריי, אויפן פעראן, ביז ס'קעסעלע איז געווארן אויסגעפילט און איצט...

וואלף איז זיכער, אז שילעם וויל א ביסל קאשע פאר זיין בני־בית. וועט ער אריינכאפן נאך א לעפל, נאך צוויי

אבער —

שילעם האט איצט גאר אנדערע כוונות. ער האט בדעה צו מאכן א חשבון מיט זיין גאסט, זיך צעחשבונען מיט אים, מכח איינעם א געוויסן ענין.

— קומט אהער מיט אייער קעסעלע צום טאפטשאן — זאגט ער צו וואלפן, פארבייגנדיק א פינגער פון זיין לינקער האנט — פאר מיר מוז קלאר ווערן, אז איינמאל איינס איז איינס און צוויי מאל נול — נול...

— דער האזיקער חשבון איז שוין פאר מיר קלאר פונלאנג — זאגט וואלף פון זיין ווינקל.

— אבער פאר מיר, דעם בעל־חשבון, שטימט ניט דער חשבון.

— פארוואס?

— דערפאר, ווייל איך בין א מערב־ייד און איר א ווארשעווער ייד; — שטימט שוין במעט דער חשבון: איר דארפט באקומען שטיצע און איך ניט; דער חשבון שטימט אבער ניט מיטן קאפלמייסטער, וואס...

— מיט וועמען? — מישט זיך וואלף אריין אין די רייד.

— נו, מיט יענעם קאפלמייסטער, מיין איך, וואס שפילט די הויפט־ראלע ביים דעלעגאט...

יילעם צעהוסט זיך. עס פארדרוסט אים אויף יענעם בחור, וואס ארבעט ביים דעלעגאט, פארוואס ער איז דארט פארשריבן, ווי א פוילישער ייד און שי־לעם, דער בעל־מטופל — א מערב־ייד...

— קומט ער דאך, דער קאפלמייסטער, פון פינסקער גובערניע, גלייך ווי איך — אָט, ווו דער חשבון שטימט ניט...

איז וואלף מסכים מיט זיין באלעבאס: פארוואס איז עס טאקע אזוי? — סיי

שילעם, סיי יענער בחור — ביידע פון ארום די פינסקער בלאָטעס און דער ער־שטער — א מערב־ייד, דער צווייטער — א פוילישער ייד...

שטימט טאקע ניט דער חשבון.

און דערפאר, טאקע, האט רעכט שילעם דער קבצן:

— אזוי גוט, ווי צוויי מאל איינס, וועט קיינמאל ניט זיין דריי, אזוי אויך טארן צוויי פינסקער יידן ניט געהערן איינער צו מערב און דער צווייטער צו...

— א גוטע נאכט — זאגט וואלף, איינגראבנדיק דעם קאפ אין זיין ווינקל — מארגן וועל איך שמועסן מיטן דעלעגאט, וועגן דעם ענין.

— יא,יא — שפרינגט־אויף שילעם א פריילעכער — מארגן, יא; ווארום, אזוי גוט, ווי א מינוס איז דער קעגנזאץ פון פלוס, אזוי איז אויך קעגנזעצלעך דער באשלוס פונם דעלעגאט, אז א פינסקער ייד, א בעל־מטופל, זאל ניט בא־קומען קיין שטיצע... ווארום, איר פארשטייט...

— גענוג. לאז שלאפן, שילעם — טרייסלט זיך אויפן טאפטשאן*זיין ווייב — איך מוז גיין פארטאג רייסן די בורעקעס...

— ווארום, איר פארשטייט — הערט ניט שילעם נעבעם טענות — צו צוויי איינסן, אז מען גיט־צו צוויי נולן, ווערן אלע פיר ציפערן צונויפגעהעפט און עס באקומט זיך א גאנצער גערפלטער איינס; און אז מען נעמט זיי פא־נאנדער, ווערט פון זיי צוויי העלפטן מיט א טויזנט חלק פונם פריערדיקן גאנצן איינס...

וואלף כראפעט. שילעם רוקט זיך ארויף אויפן טאפטשאן. דער אייל־רויך רושעט זיך אונטערן שטרויענעם באלקן, פארשווינדט דורך די פענסטער־לעכער ארויס אין דער נאכט־חשכות.

...פון צוויי איינסן מיט צוויי נולן ווערט איין גרויסע ציפער, איין באהעפ־טונג. צוויי פינסקער יידן, ביידע צוזאמען שאפן איין גרויסן איינס. מען טאר זיי ניט פאנאנדערשיידן. און אז דער פוילישער דעלעגאט וויל ניט געבן קיין שטיצע שילעמען, נאר דעם קאפלמייסטער — פאלט זיך פאנאנדער דער גרוי־סער ציפער און, ממילא, שטימט ניט דער חשבון...

אזוי טעג און נעכט, צווישן שילעמען און וואלפן, אין דער האלב־איינגעפא־לענער קיביטקע, אויף דער אוזבעקישער סטאציע אין קארא־קול.

*

ז גערופן האט מען אים — דער קאפלמייסטער און געווען איז ער א בלייבער, א טרוקענער — הוילע ביין; בלויז א שטיק נאָז האט זיך

ארויסגעשניטן פון זיינע איינגעלעכערטע באקן, דערציילט, אז ער, דער דאזיקער בחור, טראגט אויף זיך סימנים פון א מענטש.

און פיינט האט מען אים געהאט, סכנות.

ניט דערפאר, ווייל ער איז געווען א שלעכטער בטבע, ניט געוואלט א טובה טאן א פוילישן ייד אין קארא־קול, נאר — א זייטיקער, א צוריקגע־האלטענער; גערעדט פויליש, געשטראפט: —

ארבעטן דארף מען; מען מוז ארבעטן...

און ער אליין, דער קאפּלמייסטער:

יעדן פרימארגן געטרעטן מיט זיינע סאלדאטסקע זוילן איבערן קניי־משיקן וועג פון דער סטאציע צום שטעטל, געשפאנט מיט א רוק־זאק, פאר־ווארפן איבער דער פלייצע.

אוועק צום פאן מעצענאס.

פון יענעם טאג אן, זינט דער דעלעגאט האט זיך באזעצט אינם וויסן הייזל, קעגנאיבערן הילצערנעם בריקל, וואס טיילט־אָפּ ס'שטעטל פון דער סטאציע — פון יענעם טאג אן האלט ער זיך נאך ווייטער פון די בחורים אין קארא־קול; פארדרוסט עס אים, הלמאי מען קוקט אזוי שטארק אויף זיין רוק־זאק, מען שטעכט אין אים אזוי שטארק מיט די אויגן.

דער קאפּלמייסטער.

פריער, מיט א צייט צוריק, ווען דער פוילישער דעלעגאט האט געטיילט שטיצע אויף דער סטאציע, האט ער געדארפט מאכן איין שפרונג — און זיך געפונען ביים פאן מעצענאס אין הייזקע. און אז ר'איז געגאנגען צו זיך צוריק א היים, האט קיינער ניט געטאפּט. מיט די בליקן, אויף זיין זעקל איבער דער פלייצע. ווייל איין שפרונג צוריק — און אט איז זיין קיביטקע.

איצט מוז ער טראגן דעם רוק־זאק פונם שטעטל צו דער סטאציע — א שווערן זאק, אנגעפילט מיט פושקעס, שיך, ניט צום דערטראגן.

אזוי יעדן טאג.

שטיין פוילישע פאלאקן און פוילישע יידן איז א לאנגער ריי, פנים צו פלייצע, ווארטן, מיט אנגעשפיצטע אויערן צום פענסטער, ווילן הערן אויסרופן זייער נאמען פונם קאפּלמייסטערס מויל.

און מען הערט:

— פּאַניע דאָקטאָזשע!

— פּאַניע אינזשעניעזשע!

— פאַניע פּולקאָווניקו!

אַלץ געבילדעטע מענטשן, וואָס באַקומען שטיצע חוץ דער ריי.

ביינן זיך וואַטניקעס אונטער דריבנעם רעגן, ציילן מינוטן ביז זון־אויפ־גאַנג.

אוזבעקישע זון, וואָס וועט אַראָפּשליידערן צעריסענע הלבשה פון צע־פּרעסן לייב, דורכבריען הויט־און ביין אויף פּאַלאַק און ייד.

און דאָן —

יאָ. דאַן עט־מע זען.

נאָר ביז וואָס־ווען, איז מען מטעקאַווע צו וויסן:

ווהין קומען די שווערע זעק, וואָס אוזבעקן טראָגן אַראָפּ פון הויכע אַר־בעס צום דעלעגאַט אין ווייסן הייזל?

קאַפּלמייסטער ענטפערט: —

ניט אייער דאגה.

קיינער פרעגט ניט ביי אייך.

מען דאַרף אַרבעטן...

דאָס איינענע זאָגט ער צו וואָלפן אויך.

שטיין זיי ביידע פּנים־אל־פּנים —

אַ קליינער, אַ פּאַרדאַרטער, בלויז ביין, קעגן אַ הויכן, אַ טרוקענעם, בלויז נאָז.

טרייסלען זיך די פליגל פון דער דאַזיקער נאָז, אַראָפּ, צום באַוואַקסענעם ביינערדיקן פּנים:

— אַן אינטעליגענטנער בחור, אמת?

— נו, יאָ — איז וואָלף צופרידן.

און שוין. מער זאָגט ער ניט, דער קאַפּלמייסטער. שווייגט. דערנאָך דער־לאַנגט ער וואָלפן אַ באַשריבן שטיקל פּאַפּיר:

— נאַ.

הייסן הייסט עס:

מען דאַרף אַרבעטן, יאָ, מען דאַרף...

מילא, איז וואָלף מסכים. האָט ער דאָך ניט קיין ברירה.

נאָר וואָס דען.

ער וויל זיך, לכתחילה, דורכשמועסן מיטן דאָזיקן בחור, אים דערקענען, דערגיין דעם סוד פון זיין סודותדיקייט.

*

— צווישן = צייט, האט דער אוזבעקישער טאג איבערגעביטן זיין פארב זיך מתלבש געווען אין הוילע זון.

איז זי, די דאזיקע זון, געווען א רפואה צו וואלפס נאקעטע קני. האט ער אראפגעווארפן פון זיך דעם צוויטיקן וואטניק, ס'זאק=העמד און, אט אזוי, איינ= געהילט אין זונס מלבוש, אוועק אויף יענער זייט, איבער די רעלסן, זוכן ארבעט.

— א סוף אז עק!

איז ער געקומען צו דער מסקנה.

געגנוג.

איז ער מיטן דאזיקן „גענוג", אויף די ליפן, אריין אין א שטרויען הייזל, דערלאנגט א שטיקל פאפיר, וואס עס האט אים געגעבן דעם רעלעגאטס קאפל= מייסטער...

— גוט — האט אים געענטפערט א יידישע שטימע.

— קומט — האט אים א מיידל אנגעגומען ביים נאקעטן עלנבויגן.

זיינען זיי ביידע, ער מיטן מיידל, ארויף אויף א פעלד, באדעקט מיט גע= שניטן היי.

אנהייב=זומער און מיטנזומער — ביידע האבן זיי דעם זעלביקן פרצוף אין אוזבעקיסטאן:

שרפהדיקער הימל און שרפהדיקע ערד.

אויב איצט, סוף=שבט, איז אויפן לוח אן איבערגאנג פון סוף=ווינטער צו אנהייב=זומער, איז דאס דאזיקע ניט חל אויף קארא=קול: בלויז איבערגעביטן דעם לבוש פון רעגן אויף זון, פון גאס אויף טרוקן — און שוין וואלגערן אייזלען זייער פעל אין גליאיקן זאמד, בינדן=ארום אוזבעקן זייערע שטערנס מיט פאר= ביקע טיכלעך.

א—ו—ו—ף ס'הייס!

קוקט ס'מיידל אויף וואלפן מיט א זייטיקן בליק, זעט אויף אים גארניט — בלויז ביין.

זאגט זי:

— איר וועט ניט קענען ארבעטן ביי אונדז.

— פארוואס? — פארשטייט ניט וואלף.

און זעט:

ארומגעפליקטע בחורים און מיידלעך פליקן, מיט אייזערנע גאפלען, היי פון הויבע, פירקאנטיקע שטויסן. שוויצן אינם פארגעס מיטנטאג

זאגט ער:

— יא. כ'וועל קענען.

שטעלט אים ס'מיידל אוועק נעבן א וואגן, פארוואַרפט אויף זיינע אַקסלען די דושלעס.

— שלעפ און איך וועל אונטערשטופן.

פירן זיי אוועק דעם וואגן צו איינעם א היי־שטוים. איז וואַלף צופרידן:

ער ארבעט; גרייט־צו היי פאר אוזבעקישע פערד. יועט באקומען דערפאר א שטיק ברויט, א שיסל מיט זופ.

ס'איז גוט.

— ס'איז ניט שלעכט — זאגט ס'מיידל, זיין פארטנער, אונטערשטופנדיק דעם וואגן אנגעפילט מיט היי — מיר ארבעטן פאר דעם פראנט, פאר־שטייסט.

— כ'פארשטיי — צאפלט וואַלף מיט דער פלייצע, וויל פונדארט אַראָפּ־טרייבן א ביים־פליג — מיט אונדזער היי וועלן מיר שלאגן דעם שונא, אים דערשלאגן...

האט ער, אייליק, ארויפגעדראפעט זיין נאקעטן גוף אינדערהייך, ביז צום שפיץ פון א היי־קופע, זיך אוועקגעזעצט אויף דער אייבערשטער פלאך. זיצט און האט הנאה פון בלאָ און וויים — הימל און וואלקנדלעך. אך. ווען ער האט איצט פאפיר, טינט־ און פעדער. א פייזאזש פאר זיינע אויגן: ארום — גרין, פעלד און היי; נעענטער צום האריזאנט, דער ערד־פלאך — באוואַרפן מיט וואסער־פלעקן און ער אליין, דער האָריזאָנט — א שטיק צעזונטע וואטע פאר־פרעסט אויף א צעשנייטן בארג־שפיץ.

ווי שיין די נאטור איז... ווי שיין דער בארג איז...

און פלוצלינג:

— האַלאָ! היי, דארט! וואַרף אראָפּ היי!...

אין דער דאזיקער מינוט, הערנדיק ס'קול פון אונטן, פונם מיידל, וואס איז געשטאנען ביים ליידיקן וואגן, אין דער דאזיקער רגע האט ער זיך דער־מאנט אנם דעלעגאטס קאפלמייסטער, וואס האט אים געשיקט אהער ארבעטן. האט עס אים פארדראָסן: פארוואָס לאזט מען אים ניט הנאה האבן פון דער וועלט, פון אלעמענס וועלט? אזא גרויסער הימל, אזא טיפער האָריזאנט — אימלעכן א שטיקל און פאר אלעמען וועט זיין גענוג.

אבער ניין.

וואָלף דאַרף היינט באַקומען אַ שטיק ברויט — פאַרדינט פון זיין אַרבעט. אויך ס'מיידל איז הונגעריק. מוז ער פאַרטרייבן פון זיך דעם הימל, די רעיונות וועגן האָריזאָנט. גשמיות פאַרטרעט דעם פּלאַץ פון שרייבערשע רגילות, וואָס שוועבט אַרום אין וואָלפס פאַנטאַזיעס.

איינס, צוויי! איינס, צוויי! און ער שטעכט־איין די אויסגעבויגענע צייַן פונם גאָפּל אין אַ זשמעניע מיט היי.

האָאאַפּ!

און ער געדענקט ניט וואָס עס איז געשען אַרום אים. —

אַ שפּאַלט האָט זיך געעפנט אונטער זיינע פיס, פאַנאַנדערגענומען דעם היי־באַרג אויף צוויי טיילן, אים אַריינגענומען צווישן זיך — וואָלפן מיטן גאָפּל, מיט אַלץ אַרום אים.

און שוין.

נאָר ניט בלויז דאָס:

איין שטיק פונם היי האָט זיך אַריבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט, זיך דאַרט אַראָפּגעזעצט, צוגעדעקט, אונטער זיך, ס'מיידל, דעם וואָגן, אַ שטיק צעפּאַרעטע ערד אַרום איר.

דאָס אַלץ.

ערשט, פאַרנאַכט, האָט זיך וואָלף געזען ליגן אויף אַ היי־קופּע, אַרומגע־רינגלט פון באַטראַכטנדיקע אויגן און נעז, צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויך גע־פונען דאָס שטיק נאָז פונם קאַפּעלמייסטער.

— אַ סוד — האָט ער פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן, קוקנדיק אויפן דערלע־גאַטס שליח — סודות, וועלכע קענען בשום־אופן ניט ווערן אויסגעפאַרשט: פאַרוואָס די וועלט איז געבויט דווקא אַזוי און ניט אַנדערש...

דער אָוונטדיקער הימל האָט אָנגעטריבן קאָמאַרעס, פאַנאַנדערגעטריבן אַלעמען אַרום וואָלפן.

בלויז ער איז געלעגן אויף דעם היי־שטויס, געטראַכט, וועגן פאַרלוירענעם עבר, פאַרדרוסלעכן הווה און עתיד, וועלכער וועט שוין קיינמאָל ניט קומען...

*

פאַרגעקומען איז דאָס מסתמא אין איינעם אַ זונטיק — דער הויכער פּאָלעי־שטייט אויף די קני, ביקט זיך צו אַ בוים, באַוועגט זיין באַוואַקסענעם קאָפּ רעכטס, לינקס.

צלמט זיך.

און דער פּאַרק אַרום, גרינס און געלס, צעקאַדלטעביימער — אַלץ שווינגט.
אויך שטיקלעך הימל, צווישן בוים=בלעטער, שטיקלעך הייזער, אַריינקוקנדיקע דורך פּאַרק=שטאַכייטן — שווייגן=מיט.
שאַ.
דער פּאַן פּאַלעי בעט צו גאָט —
הייליקע מאַריע, האַרס מוטער, געבענטשט זאָלסטו זיין; לייז=אויס דיין קנעכט, פּאַלעי=פּאַלעיעווסקי פון די זשידעס הענט...
אמן.
אמן — זאָגט אַ פייגעלע איבער פּאַלעיס קאָפּ, וואָרט, ביז דער פּאַן וועט אויפשטעלן זיין מאָגערן גוף, אָדער אים אוועקלייגן איבער צעגרינטן אַרום
דער טאָג — אַ שׂרפה. דאָ און דאָרט — פייער. אומבעקישע זון ברענט=דורך אַלץ און אַלעמען. קיין האָרך פון ווינט. אַ מידקייט.
און ער, פּאַלעי, האַלט, הינטער זיך, אויסגעצויגן זיינע לאַנגע פיס=ביינער.
דאַוונט, דאַוונט און ער האָט, וואָס צו דאַוונען.
וואָרום — אַלץ די זשידעס. ווען ניט זיי, וואָלט ער נאָך איצט געזעסן אין פּאָלעסיער וואַלד מיט אַ ביקס איבער דער פּלייצע, געהיטן פּוילנס האָלץ.
אַ „גאַיאָווי” געווען.
איז מען געקומען. האָט מען אים אוועקגעשיקט ערגעץ אין די מרחקים — בלויז אים, דעם פּאַן פּאַלעי=פּאַלעיעווסקי — און די ווילע און די ביקס איז געבליבן ביי זיי.
יאָ. ביי זיי...
ער וועט דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. קיינמאָל ניט מוחל זיין. אָה! קיינ=מאָל ניט... —
זאָל זיין געבענטשט דער געקרייציקטער...
דערנאָך נעמט ער אַרום דעם בוים מיט זיינע לאַנגע, ברייטע הענט, דריקט=צו די אויגן=לאַדנס, קריצט=אויס, אין זכרון, אַ צלם. —
געקרייציקטער יעזו...
און קערט=אום זיין גוף מיטן הינטערשטן טייל, זעצט אים אַראָפּ אויף אַ קופּע גראָז.
יאָ — האָט ער זיך אַ האַסטיקן הייב געטאָן פון אָרט — שוין לאַנג ניט געווען ביים פּאַן מעצענאַס. אמת, דער פּוילישער דעלעגאַט איז אויך אַ זשיד, ניט ניט די פּאַלאַקן גאָרניט, נאַר...
וואָס, נאַר?

פּאָלעי האט זיך דערמאַנט, אַז ערשט, נעכטן האט ער באַקומען אַ פּעקל, עס פֿאַרקויפֿט צו אַן אויזבעק, אָבער — מען דאַרף היינט ווידער גיין, ווידער בעטן.

האט ער געשטעלט איין באָרוועסן טריט איבערן גראָז. אַ צווייטן. געלאָפֿן. צו וואָס זיך איילן. אַ שאָד צו פֿאַרלאָזן דעם פּאַרק. די ביימער. אַ חיות. האט ער זיך דאַך געהאַרעוועט צווישן זיי, אויסגעהאָרעוועט זיינע איבער פֿופֿציק יאָר אין וואַלד, אין גערויש פֿון בלעטער. וואַרפֿט ער אַ בליק אַרום זיך: פֿרעמד, אַ פֿרעמדע ווייטקייט דושעט אויף אים. ניין פֿאַן פּאָלעי־פּאָלעיעווסקי איז אַליין — אַן וואַלד, אָן ביקס, אָן ווילע. —

אוי, באָזשע. .

ווען ער באַגעגנט איצט אימעצן, זאָל זיין ווער ס'איז, וואָלט ער גערעדט מיט אים, דערציילט אַלץ, יאָ, אַלץ.

און ס'וואָלט אים געוואָרן לייכטער אויף זיין שווערן געמיט.

זעצט ער אַוועק זיין ביינער־בונט אויף אַ באַנק. זיצט. וואַרט. עס מוז אימעצער אַריינקומען אין פּאַרק. יאָ. עס מוז.

און ער האט זיך דערוואַרט:

קעגנאיבער, אויפֿן גראָז, האט זיך עפּעס אַ באַוועג געטאָן. אַ לעבעדיקע זאַך.

וואָלף.

— פֿאַניע וואָלעף! — האט זיך אַרויסגעריסן אַ פֿריידיק געשריי פֿון פּאָלעיס טרוקענעם האַלז — אוי־אוי־אוי!

און ער האט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן גראָז, נעבן וואָלפֿן.

*

דער זומער איז געווען אַזעלכער, ווי אַלע זומערס אין אוזבעקיסטאַן — טרוקן. שטויביק.

בלויז די אַריקן האָבן גענעצט, מיט זייער מוטנעם באָרג־וואַסער, גאַס און גראָז, פֿאַרטריבן שטויב פֿון ליימענע קיביטקעס.

דאָס אַלץ

און קיין רעגן איז ניט געווען.

דערפֿאַר, טאַקע, האט מען צוריק אויפֿגעשטעלט איינגעפֿאַלענע קיביטקעס, אויפֿגעפֿרישט אַרומגעשיילטע ווענט, נאָכדעם, ווי די זון האט שוין געהאַט אָפּגעטרוקנט פֿון זיי רעגנדיקע טעג.

האט מען געראַפט הענט, וואָס זאָלן קאַלעכן, ווייסן, ארומשמירן צע־יורענע הייזקעס.

זיינען ארויסגעגאַנגען פון פּאַרק פּאַלעי און וואָלף — א הויכער, מיט שטעכיקע, גראָע באַקן; א קליינער, מיט א ווייך פּנים און ווייכער באָרד. ביידע צוזאמען — אריבער די אַכציקער און ביידע — צווי באַוועגנדיקע שמאַ־טע־בונטן.

— זעסטו, פּאַניע — זאָגט פּאַלעי, קוקנדיק אויף זיינע ברודיקע פּיס־פּינ־גער — מיט אַזעלכן, ווי דו, פּאַניע, האָב איך ליב צו רעדן.

— וואסי? — שמייכלט וואלף זיינע פארשלאָפענע אויגן צו א צעזונטן באַרג־שפּיץ.

— דערפאר, ווייל דו, פּאַניע, ביזט א באָרוועסער און איך א באָרוועסער... מער זאָגט ער גאָרניט, פּאַלעי.

שפּאַנען זיי ביידע איבערן הויקערדיקן ברוק. זיפצן. קומט ארויס דער זיפץ פון וואָלפן, אַנדערש, ווי פון פּאַלעין. פון זיינע טיפענישן. א קלייניקייט: א באָרוועסער יחסן. ווען ער וואָלט געטראָגן שיך אויף די פּיס, וואָלט דער פּאָלאַק ניט געוואָלט רעדן מיט אים. פארוואס?

— דערפאר — קלערט אים אויף דער פּאַן פּאַלעי — ווייל אַזוי האט גע־באָטן דער געקרייציקטער...

— ווער? — פארשטייט ניט וואָלף.

— אוי! — ווערט מלא־כעס דער פּאָלאַק — ביזט אויך א זשיד, ווי אלע זשידעס...

און פּלוצלינג:

— אוי, פּאַניע וואָלעף, זע־נאָר.

— וואסי

אויף א וואַנט הענגט אַן אויפשריפט: — מען דאַרף מענטשן צום קאַלעכן.

— גוט — איז מסכים וואָלף — ער וועט קאַלעכן.

— און איך בין א מייסטער — זאָגט פּאַלעי — איך קען קאַלעכן.

זיינען ביידע אריין אין א לאַנגן קאָרידאָר און צוריק ארויס מלא־שמחה.

איצט מוז מען געפינען א קובעל, א באַרשט, א קעטמען.

וועלן זיך ביידע מאָרגן אוועקשטעלן שמירן ווענט, קלעפּן, ווייסן. פּאַלעי וועט טינקעווען און וואָלף — מאַכן ליים.

אַזוי איז געוואָרן אפּגעשמועסט: זעכציק אויף פּערציק — דער פּאָלאַק באַקומט עפּעס מער, ווי א העלפט שבירות און וואָלף — עפּעס ווינציקער.

און א פּאַפּירל האָבן זיי ביידע געטראָגן אויף פיר הענט. איז אינם פּאַפּירל געווען איינגעשריבן — א ברויט, די גריים פון א ציגל, א שיסל געדיכטע דזשוגאַ־ראַ און נאָך עפּעס.

איז פּאַן פּאָלעי געווען צופרידן:

— הערסטו, פּאַגיע וואָלעף, זאָלסט נאָר גיט אַרבעטן ווי א זשיד...

האָט די זון זיך ארויסגעשלייכט פון צווישן די פּאַרק־ביימער, אָוועק ערגעץ, צו האָריזאָנטס אָפּגרונט.

אויף זיין בינטל גראָז, אָנגעשפּאַרט אָן בוים, אינם אוזבעקישן פּאַרק, האָט וואָלף געדרעמלט אין דער געלער שקיעה, זיך איינגעהערט צום כראָפּען פונם לאַנגן גוף, פּאָלעים, וועלכער האָט געהאָרעוועט אויף זיין נאָקעטער פּלייצע א משערעדע מיט קאַמאַרעס.

נאַכט אין אוזבעקיסטאַן.

נאַכט אין פּאַרק.

מיט זון־אויפגאַנג וועט וואָלף ארויס צו דער ארבעט, צוזאַמען מיטן פּאָ־לעסיער „גאָיאָווי", פּאַן פּאָלעי־פּאָלעיעווסקי.

*

אָפּגערוקט אַן א זייט, צווישן בלאָטע און פעלד, וויסן זיך, אויף דער קאַראַ־קולער שקאָלע, ברעקלעך איבערגעבליבענע קאַלך פון פאַרגאַנגענעם זומער. ווייסע פּלעקן, וואָס דערציילן, אַז, מיט א יאָר צוריק, ערב די רעגנס, האָט מען געקאַ־לעכט די הויכע, גלייכע ווענט פון יער שטעטלשער שקאָלע.

איז ווינטער געווען. זיינען רעגנס געווען. אויסגעגריזשעט לעבער צווישנס סאַמאַן, באַדעקטן מיט זאַמד אויף משופּעדיקער מויער.

מוז מען איצט, אין זוניקע טעג, אריינגעבן חיות אין דער שקאָלע. פאַרשמירן דאָרט, פאַרלאַטען דאָ — און זאָל א וועלט זען: עס גלאַנצט!

— עס זאָל גלאַנצן! — וואַרנט, מיט א ווייַז־פינגער, דער שקאָלע־באַלע־באָס.

— עס וועט גלאַנצן — ענטפערן ביידע גלייך, פּאָלעי און וואָלף.

דעקן ביידע אָפּ זייערע לייבער קעגן דער זון — פּאָלעי, א הויכער, מיט גראָע שטעכבילקעס אויף די באַקן; וואָלף, א נידריקער, ארומגערעמלט זיין פּנים מיט א וואָנץ בערדל.

גראָבן א גרוב.

— אין אונדזערע מקומות דארט, אויף פּאָלעסיע — שפּיט פּאָלעי צווישן די פּויסטן, הייבנדיק, מיט זיי, דעם קעטמען איבער דער לײמיקער ערד — אין אונ־דזערע מקומות, אָהאָ, פּאַניע וואָלעף, איז די ערד געווען א ווייכע.

— א ווייכע — איז מסכים וואָלף — יאָ. א ווייכע.

— און דאָ, פּאַניע וואָלעף, איז די אוזבעקישע ערד בלויז שטיין.

— בלויז שטיין — קוקט וואָלף אַ צעשראָקענער אויף דעם שטיק ערד־פּלאַך, וואָס לאָזט זיך בשום־אופן ניט איינבייסן פונם שטומפּיקן קעטמען, וועלכער טאנצט אינם פּאָלאקס הענט.

— נאָ — דערלאַנגט פּאָלעי וואָלפן דעם קעטמען, אוועקוואַרפנדיק זיין ארומגעפּליקטן גוף אויף א לײם־בערגל.

אזוי האבן זיי אפּגעשמועסט: דעם גרוב גראבן ביידע. א טיפן גרוב. דערנאָך גיסט מען אריין אין אים וואסער. שיט מען אריין סאַמאַן. מאַכט וואָלף לײם. און פּאָלעי וועט ארומקלעפּן די לעבער אויף דער קארא־קולער שקאָלע.

זעבציק אויף פערציק — פּאָלעי באקומט עפּעס מער פונם שכירות, וואָלף עפּעס ווינציקער.

און די שקאָלע מוז ווערן אויסגעווייסט צום אפּגערעדטן זמן.

אויב שפּעטער — איז איינגעשריבן אינם שטיקל פּאפּיר, וואס קנייטשט זיך אין פּאָלעיס א קעשענע — אויב שפּעטער פונם אפּגעשמועסטן זמן, באקומען ביידע ניט קיין שכירות — אפילו איין פּרוטה.

גייט לאיבוד די גאנצע האָרעוואַניע.

די זעבציק אויף פערציק.

מוז מען ארבעטן.

— ווייסט וואס, פּאַניע פּאָלעי — קערט־אום וואלף זיין פארשמירטע באָרד צום פּאָלאק — איך וועל ברענגען וואסער און דו גראָב דעם גרוב.

— אוי, באָזשע! — הערט ער אַז ענטפער — דו ארבעטסט דאָך אזוי, ווי דיינע זשידעס אַרבעטן...

אַרט דאס ניט וואָלפן. אדרבא. זאָל דער פּאָלאַק וויסן, אז ער קען ניט בע־סער, אז דאס וואס ער טוט, איז אויך איבער זיינע כוחות.

יאָ. בנאמנות.

אבער די שקאָלע מוז מען פארענדיקן צו דער צייט. שפּרינגט ער מיטן קעט־מען אינם עקשנותדיקן לײם. איינמאָל. נאָכאמאָל. אזוי לאנג, ביז פּאָלעי שפּייט־אוים מיט רציחה, שפּייט־איין די פינגער און — כהרף עין — איז א קײלעכיקער גרוב ארום און ארום.

א פּאַסקודנע וועלט — טראַכט וואָלף, לויפנדיק מיטן קובעל צום אַריק — אַ וועלט. אָנגעפילט מיט ברויט ,מיט דזשוגאַראַ, מיט אַלץ, וואָס איז ביכולת אָנצופילן אַ ליידיקן מאָגן און דאָך...

און דאָך מאַכט אַרבעט זיס דאָס לעבן. א מין קאָמפּאָט נאָך דעם עסן. איז ער מסכּים מיטן דאָזיקן. נאָר וואָס דען. ווען מען דערלאַנגט אים פריער א שטיק ברויט, לכתחילה, איידער ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, וואָלט ער איצט הנאה געהאַט פון דער דאָזיקער זיסקייט, וואָס רופט זיך — אַרבעט...

— נו, שנעלער, גיכער! — שרייט פּאָלעי, וואַרטנדיק אויפן וואַסער, וואָס זיין חבר טראָגט פון אַריק.

וואָס איילט ער זיך אַזוי, אָט אָ דער דאָזיקער פּאָלאַק, האַ. קיינער וועט דאָך אים די אַרבעט ניט אויסכאַפּן. און דער טאָג — איי, ווי עס ווילט זיך אוועקלייגן ערגעץ אין שאָטן, פאַרשטעלן די ביינער פון דער שרפהדיקער חמימה.

נאָר —

וואָלף געהער ניט איצט צו זיך. געבליבן פון אים איז בלויז זיין נאָמען, וועלכער דערמאָנט אים, אַז ערגעץ אין אוזבעקיסטאַן לעבט א בחור מיטן נאָמען — וואָלף. דאָס אַלץ. ס'איבריקע אויף אים: די הויט און ביינער, באָרד און וואָנסעס — אַלץ געהער צום פּאָלאַק. יאָ. אַלץ צו אים. —

גיכער, שנעלער! מאַך לייס!...

*

קעגנאיבער דער שקאָלע, לענג אויס דעם ברוק — א צעקנייטשטע, לייםיקע וואַנט, הינטער וועלכער עס שטייען אוזבעקן איבער קוישן מיט ווייַנטרויבן, טעפּ מיט זויערמילך.

דער באַזאַר.

אַרום די טישן דרייען זיך בחורים — ווער עס פאַרזוכט, סתם אַזוי, אַן אוזבעקישע פּרי און ווער — גנבעט אַן אַרבוז פון אַ טיפן קויש.

עס יאַרידעוועט זיך.

בלויז דער קאַפּלמייסטער, אָט אָ דער, וואָס אַרבעט ביים פּוילישן דעלעגאַט — ער גנבעט ניט קיין אַרבוזן, פאַרזוכט ניט קיין אוזבעקישע פּירות, סתם אַזוי.

— טשאָם פּול? — פרעגט ער אויף אוזבעקיש — און באַצאָלט אַ קנאַקעדיקן צענער פאַר א בינטל ווייַנטרויבן.

ס'חיות צו דערהאַלטן.

ווער דען, אויב ניט ער — ער, וואָס דאַגהט פאַר אַלע יידישע בחורים, וועלכע קומען נאָך הילף צום פּוילישן דעלעגאַט.

אָהאָ, ווען ניט ער...

ווען ניט ער, דער קאַפּעלמייסטער, וואָלט וואָלף איצט געהאַט אַ משונהדיקע צורה — אַ בחור אָן תכלית, אָן דעם, וואָס רופט זיך „אַנהאַלט אין לעבן".

האָט ער אים געפּאַלגט: געזוכט אַ תכלית און געפונען — אַרבעט, וואָס באַרעכטיקט דעם „דאָ זיין".

אַזוי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין דער קאַפּעלמייסטער —

אַז דו וועסט אַרבעטן, וועסטו וויסן, פאַרוואָס דו לעבסט...

שפּאַנט ער אַרום, וואָלף, איבערן באַזאַר מיטן קובעל אין די הענט. זיינע פיס — בלויז שטרוי, ליים; די האָר אויפן קאָפּ און באָרד — בלויז שטרוי און ליים; אינגאַנצן — אַ באַוועגלעך שטיק ליים.

אַוואַ!

שוין דרייסיק קובלעם וואַסער אַריינגעגאָסן אין גרוב, דרייסיק קובלעם ליים אוועקגעטראָגן צו פּאָלעין. ס'ברעקל חיות כמעט אוועקגעפּטרט. און די פיס? — צוויי העלצער, וואָס טויגן נאָר צום קנעטן ס'ליים אין גרוב. נו, אייליקער, גיכער — טרייבט ער די פאַרליימטע פיס איבערן באַזאַר־ברוק — אָט, גייט דער קאַפּעלמייסטער, אָט איז ער. כדאי אַ שמועס צו טאָן מיט אים.

— היי, פּאָניע, האָאַא! — שרייט ער איבער דער לענג און ברייט פונעם באַזאַר.

נאָר דער קאַפּעלמייסטער איילט זיינע טריט, איילט, ווי פון אַ שרפה, פאַרלירנדיק איינצלנע וויינטרויבן פונעם גרויסן שטאַנג. פּע, אַן אינטעליגענטער בחור, דאַכט זיך, האַ — און שרייט אַזוי פּראָסט איבערן באַזאַר.

נאָר וואָלפן אַרט ניט די דאָזיקע פּראָסטקייט זיינע. פאַרקערט. ער איז צופרידן. זאָל ער וויסן און זען, דער קאַפּעלמייסטער, אַז — ס'אַ טעות געווען: וואָלף האָט נאָך, עד היום, ניט געפונען יענעם שורש, פונוועלכן ער זאָל קענען ציען די יניקה פאַר זיין „דאָ זיין"...

איז ער געשטאַנען אינמיטן פונעם באַזאַר. געקוקט אויף דער ליימיקער הויט פון זיין איינגעפאַלענעם בויך; אויף דער גלייכער פּלייצע פונעם פאַרשווינדענעם קאַפּעלמייסטער.

און אוועק צום אַריק, אָנשעפּן וואַסער אין קובעל.

הייגט באַקומען זיי ביידע, ער און פּאָלעי, אַ ברויט, די גרייס פון אַ ציגל, אַ נעדריכטע שיסל דזשוגאַרע. אָט, ווו עס געפינט זיך דער „אינהאַלט אין לעבן"...

נאָר ביז וואָס־ווען — טאַנצט וואָלף מיט זיינע נאַקעטע פיס אינעם ליים־גרוב, מישט, מיט זיי, וואַסער און זאַמד, שטרוי און ליים, אַזוי לאַנג, ביז —

— היי, פּאַניע וואָלעף! — דערהערט ער דעם פּאָלאַקס קול — נאָ, דאַוואַי, דאַ=וואַאַי!..

די לעצטע כוחות.

יאָ. די לעצטע.

שלעפּט ער א קובעל מיט ליים. שלעפּט. פאַלט. פאַלט...

זעצט זיך די שפּעטע נאַכמיטאָג=זון אַוועק אויפן שכנותדיקן באַרג, קעגנאיבער דער קאַראַ=קולער שקאָלע. זיצט. שמייכלט צום פּאָלעסיער „גאַיאָווי", וואָס שטייט מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט אויף א הויך, שמאָל ברעט, ניט צום אויסדרייען זיך.

אַלץ די זשידעס...

— אַלץ די זשידעס! — הערט וואָלף.

זיי, די פּוילישע יידן, זיינען שולדיק, וואָס ער, דער פּאַן פּאָלעי=פּאָלעיעווסקי, עסט ניט קיין ווייַנטרויבן, באַקומט ניט קיין ליים פונם זשיד, וואָלף.

אַלע פּוילישע יידן...

האָט וואָלף חשק א גלעט צו טאָן דעם פּוילישן „גאַיאָווי", זיין חבר, א וויש צו טאָן איבער זיין שוויים —

ניין, פּאַניע פּאָלעי, סאַ טעות...

ער טוט דאָס אָבער ניט.

אַלצאייגס.

ס'וועט ניט האָבן קיין פּעולה.

האָט ער, האָסטיק, א הייב געטאָן דעם קובעל אינדערהייך, אים אַוועקגע=שטעלט אויף אן אַקסל.

— נעם — האָט ער דערלאַנגט ס'ליים דעם פּאָלאַק.

איז פּאָלעי געווען צופרידן. געשמירט, מיט זיינע ברייטע האַנט=פלאַכן, אי=בער די לעבער פון דער קאַראַ=קולער שקאָלע.

און געווען צופרידן אויך דאָן, ווען ביידע זיינען געזעסן אין פּאַרק, געריסן מיט זייערע פאַרליימטע פינגער פונם ברויט, וואָס האָט געהאַט די גריים פון א צעקוועטשטן ציגל.

— עס! — האָט ער געזאָגט צו וואָלפן — א פּערציקסט חלק געהער צו דיר.

האָבן טרוקענע גאָרגלען געקנייטשט פּייכט ברויט, געמאַכט פון וואַסער און ר־זשוגאַרע, אַרומגעקלעפּט פאַרטרוקנטע מאַגן=ווענטלעך, וועלכע האָבן געדאַנקט מיט א הילכיקן שלוקעכץ: —

ס'אי גוט...

— ס'אי גוט — האט פּאַלעי-פּאַלעיעווסקי געצלמט זיין הארץ און שטערן, געלויבט מאריען, דער הייליקער גאטס מאמע.

בלויז וואָלף איז געלעגן אויף זיין גראָז-קופּקע, שטעכנדיק די אויגן אויפן באַ-פינטלטן הימל.

ניין. ס'איז ניט גוט. עס טויג לגמרי ניט. אסור. מארגן וועט ער אוועק צום דרעלעגאטס קאפּלמייסטער. אים פרעגן —

היתכן?

יאָ. וווּ איז יושר?

האָ, ווו?...

*

נאר וואָלף איז צום קאפּלמייסטער ניט געגאנגען. ניט כדאי. גלייכער פאר-ברענגען די טעג צווישן בוים און גראז.

און אזוי האט ער געטאן:

די אוזבעקישע קורצע חמימהדיקע נעכט — אין פארק, צוזאמען מיט בייסיקע קאַמאַרעס; די טעג — אויפן באזאר, צווישן טעפּ מיט זויערמילך.

און אין ביידע צוזאמען — טעג און נעכט — אויסגעקריצט, מיט זיין שריי-בערשע פאנטאזיע, די געשיכטע פון א שלימזל, וואָלף, וואס האט זיך פארפלאָנ-טערט צווישן אוזבעקישע קיביטקעס אין גיהנומדיקע טעג פאר דער וועלט. פאר יידן, פאר טאטע-מאמע — פאר זיין געבוירנשטאט, דער יידישער ווארשע.

מאַלאַריע

ערגעץ, ארום דעם שווארצן ים, געפינט זיך א שטיק ערד אזא, וואס רופט זיך — קרים. און ווינעו ווינען דאָרט, אויף דעם קרים — טאָטערן: מענטשן אזעלכע, וואס זיינען אי שוואַרץ, אי ווייס און אי — ביידע צוזאמען.

קרימער טאָטערן.

גיי ווייס:

ווען וואָלט אמאָל ער, דער וואַרשעווער וואָלף, זיך צוזאמענגעטראָפן מיט דעם סעוואַסטאָפּאָלער הידזשאם?

וואָלף און הידזשאם — ביידע טראָגן זיי ציגל צו דער רושטאָוואַניע; ביידע — אַז אָך און וויי איז צו ביידע.

וואָרום, ערגעץ דאָרט, ארום ווארשע דער שטאָט, ברענט א פייער און ערגעץ דאָרט, ארום סעוואסטאָפּאָל, ברענט אויך א פייער — א העליש פייער פון דער ווייסל ביז דעם שווארצן ים.

האָט מען ביידן געברענגט דאָ אהער, בויען הייזער.

א גאנץ דאָרף.

פאר וועמען?

וואָלף זאגט, אז ער ווייס ניט; אז די מלחמה וועט זיך ענדיקן פאָרט ער צוריק אהיים. צוואס־זשע דארף ער בויען א דאָרף אין אוזבעקיסטאן?

הידזשאם זאגט, אז ער בויט א דאָרף פאר זיינע ברידער טאָטערן, וואס וועלן קומען אהער ווינען, פון קרים קיין אוזבעקיסטאן.

— פאר דיינע ברידער? — קנייטשט וואָלף דעם שטערן צום הימל.

— יאָ. פאר מיינע ברידער.

— און פארוואָס אנטלויפן דיינע ברידער פון דער קרים ?

— ווייל... ווייל...

הידזשאם, דער טאָטער, איז טרוקן און ברודיק; זיין אויסזען — א צע־קנייטשט שטיק ליים. שווער אָפּצושאַצן זיין עלטער: צי דרייסיק, צי פערציק, און אפשר גאָר — ביידע צוזאַמען.

א ברודיקער טאָטער מיט ברודיקע מחשבות.

וואָלט וואָלף ניט אריינגעטראכט אין דעם אלעם, וואָס עס קומט פאָר ארום אים.

ער וועט אבער ניט בויען קיין היים פאַר די טאָטערן.

פארוואָס ?

דערפאר...

ער האט מורא ארויסצוברענגען פון זיך דעם — פארוואָס. ער פארטרייבט אים פון זיינע רעיונות. עס טוט אים וויי. יאָ. שטארק וויי. —

די טאָטערן האבן, צוזאַמען מיט דייטשן, געשלאָגן יידן.

אזוי דערציילט הידזשאם:

— אין איינער א פינצטערער נאכט...

זעט ער זי, וואָלף, די פינצטערע נאכט:

...א כוואַליעדיקער ים, דער שווארצער, באוואָרפן מיט שטערן, מיט שטיקער הימל, מיט מענטשן, לעבעדיקע יידן־מענטשן, געוואָרפענע אין שוואַרצן ים אריין, ארום סעוואַסטאָפּאָל דער שטאָט.

— און דו ? — וויל וואָלף וויסן.

— דו ! — שרייט אראָפּ הידזשאם פון דער רושטאָוואניע — דו ברענג ציגל, שנעלער !

פאַר וואָלפן איז שוין אלץ קלאָר:

ער וועט ניט ברענגען קיין ציגל פאר די טאָטערן, וועט ניט בויען קיין הייזער פאר די טאָטערן.

*

פארנאכט איז די טשייכאַנע אויסגעפילט מיט רויך פון דיקן מאַכאָרקע, מיט סאדזע פונם הודזשענדיקן טיי־קעסל. ערגעץ נאָנט — א געהילך פון אייזן אויף אייזן: די ארבעט איז געענדיקט; א פארזאמלונג.

ווערן הילצערנע נאַרעס באזעצט מיט שמרויענע לאַפּטשעס, מיט אוזבעקן, וועלכע שפייען ארום זיך גרינעם לייבעץ.

— הוי, סאאוק! — זיפצט איינער צום צווייטן: א פראָסט!
און אין דרויסן? —
ווינטן, וואס בלאָזן מיט זאַמד; דער הימל — בלויז אַש, בלויז אייז.
דער אוזבעקישער ווינטער רוקט זיך אָן. איז ער אַנדערש, ווי אויף דער גאנצער וועלט: פלוצלונג — אומגעריכט — א שניי, א זאַוויערוכע: עק וועלט!
זיצן אוזבעקן צונויפגעטוליעט אין טשייכאנע. קני אויף פלייצע. בערד אויף קני. טונקען וואָנסעס אין גרינעם טיי. זשלאָקען, הנאהדיק, טרונק נאָך טרונק.
— יאכשי=מעעע!
— זשאכטשי...
וואָלטן זיי געזעסן אָט אזוי א גאנצן מעת=לעת. צוויי. א גאנצן חודש. נאָר וואס דען —
פון ערגעץ א ווינקל צעהודזשעט זיך א קול:
— אורטאָאאק=לאאאר!
דאס מיינט מען זיי, די דרעמלענדיקע אוזבעקן אויף נאַרעס.
מען רעדט צו זיי: —
...עס קומט=אָן א ווינטער, אפשר א שווערער, אפשר א לייכטער; דאס וויים נאָר כודו, גאט אליין...
זיינען אוזבעקן געוואָר=געוואָרן:
טויזנט טאָטערן קומען אַהער פון קרים. איטלעכער אוזבעק באַקומט א הייסע שיסל מיט קוקורוזע. א גערשטענע לעפיאָשקע. א שקאָרמיץ מיט קאָק=טשיי. גרינער טיי — א חיות. דאס אלץ צו באקומען, דארף מען בויען א דאָרף, א גרוים דאָרף פאר די ארויסגעטריבענע טאָטערן.
ווער האט זיי ארויסגעטריבן?
ניט קיינעמס דאגה.
צומאָרגנס איז די לופט געווען בלאָ, דאס ליים אין די קעסטלעך — אויפגעשוואָלן, אייזיק. ארום די ליים=גריבער — צונויפגעקורטשעטע קעטמענשטשיקעס, ציגל=מאכער, ליים=טרעטער.
אַפילו גאָט אליין זאָל אַראָפּנידערן צו זיי, יאָ, כודו, — אָט אַזוי וועלן זיי זיצן, די אוזבעקן, אזוי און ניט אנדערש:
זיי וועלן ניט בויען קיין הייזער פאר די טאָטערן.

*

איז דער אוויר געוואָרן אויסגעפּילט מיט שטויב, רויך. איז פארפאָרן א קאראוואן מיט אויטאָבוסן אויפן אָנגעוואָרפענעם פלאַץ. האט די לופט

א הודזשע געטאָן מיט קולות, געברענגטע פון קרימער פעלדער, ווייגערטנער.
— ראב־מאט! — האט די לופט געזיפצט מיט א דאנק צום באשעפער. אבי איבערגעקומען.

דער ערשטער האט זיך א דריי געטאָן איבערן פלאץ הידזשאם, היגטער אים — הענט, פיס, קרימער געבוירענע.

— ברידער און שוועסטער! — האט דער אָנגעלאָפענער טאָטער פאר־קנייטשט די ביינדלעך אויף זיינע הענט — זעט, זעט!

געוויזן האט הידזשאם זיינע קרובים, א ליידיקן חלל, אויסגעפילט מיט פראָסט, פארשנייטע רושטאָוואניעס אָן פיס־באטרעט, אומגעוואלגערטע הייזער־סקעלעטן נאָך ווינטיקע נעכט.

און פון קרים האט מען ארויסגעטריבן די דייטשן, זיי פאריאָגט אויף יענער זייט ים; פארטריבן די טאָטערן אהער.

ווּהין?

אז ניטא ווּ די ביינער אויסצוווארעמען, ווּ די קופערטס אָוועקצושטעלן.

— זעט, זעט! — האט הידזשאם געשפיגן מיט סלינע — אלץ זיי!

געמיינט האט ער דערמיט צו זאָגן:

די אוזבעקן ווילן ניט קעטמענגעווען ס'ליים, ווילן ניט מאכן קיין ציגל.

— וועט מען זיי צווינגען — האבן אלע אויסגערופן.

האט פאָרויס געשפאנט הידזשאם. ארום אים — א גאנץ קרימער דאָרף: מיט געשריי, מיט געפילדער — מלא רציחה.

בלויז דער הימל האט געשוויגן. אזוי שווייגט די לופט ערב־רעגן, ערב שטורעם. עפעס וועט מוזן פאָרקומען. ס'איז אבער שווער צו וויסן — וואָס.

ביז עס איז פאָרגעקומען:

אלכסונדיק האבן גענומען שניידן דעם חלל — שטיקער ציגל, שטיקער ליים. א געוויי.

ווער אויף וועמען?

די ערד האט געקרעכצט אונטער שווערן געוואלגער, אויסגעקרעכצט דעם וויי פון מאכמעדס קינדער.

איינער אויף איינעם — אוזבעקן, טאָטערן. א געקנאָדער פון וואטניק אויף לייב, פון מוסקול אויף ביין.

— אנ־אנ־סססס־קי! — האבן איינגעבוירענע אוזבעקן געזידלט אָנגעלאָפענע טאָטערן, געקנייטשט צעפליקט פלייש איבער קילנדיקן ליים —

— ק־קי־זזזינ־סססס־קי!...

און די שנייאיקע ערד האט באקומען דעם אויסזען פון א פריש־ארומגע־שינדענער פעל. געווען באַקאַפּעט מיט טראָפּנס רױ, טראָפּנס דאָרט — בלוט פון מאַכמעדס קינדער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָלף איז געזעסן אויף דער רושטאָוואַניע, געקוקט אויף ווילדן פלייש־געוואלגער, ווו עס האבן געקנאָדערט אוזבעקן אויף טאָטערן.

ס'איז ערב־גאולה — האט ער געטראכט — אזוי וועלן אויסקוקן משיחס צייטן...

*

דער זומער אין אוזבעקיסטאן וואַרעמט, ווי דער וואַטניק אויף אוזבעקס נאקעטן לייב, ווי דאס פוטער־היטל אויף זיין ארומגעגאָלטן, נאקעטן קאָפּ: פּרעגלט זיך אין ברודיקן שוויים, שטעכט דורך דעם גוף — מאכט דאָרט פּלאַץ פאר דער מאלאריע.

יעדן אָוונט, נאָך דער ארבעט, ווען וואָלף לאָזט זיך אראָפּ אין דעם ערד־שטיבל, מיט פאנאנדערגעעפנטע אויגן, כדי צו זען, דורך דער טונקלקייט, די פנימער פון זיינע חברים, טרעפט ער דאָרט שטענדיק, איינעם אדער צוויי, ליגנדיק אויף שטרוי־זעק, אונטער וואטענע, פייכטע קאָלדרעס, מיט געל־גרינע פּנימער, געוועגדעט צום איינגאנג.

— וואָסי, וואס ליגט מען שוין ווידער אויף די זעק, הא?

— מאלאריע — הערט ער א פארשטיקטן קרעכץ — די מאַ־לאַר־יע! אוי, גיב א ביסל וואסער...

ווארפט ער, בשעת־מעשה, אויף זיינע חברים בליקן פול מיט קנאה, וועלכע האבן צו זאגן:

זיי איז גוט... זיי האבן מאלאריע...

ער, וואָלף, האט זייער געוואָלט, אז זי, די מאלאריע, זאל זיצן אין אים, זיך ניט אָפּשיידן פון אים, כל זמן ר'וועט זיך געפינען אין דער שטאָט פון אוזבעקישע קיביטקעס. ניט דערפאר, ווייל ער האט שטארק הנאה געהאט, וואס עס ווארפט אים אין קדחת, פיבערט פון היץ און קעלט, נאָר — א צולהכעיס אַפּטאָן דער גאנצער וועלט, א צולהכעיס: וואָלף טראָגט ניט מער קיין ציגל, קלעטערט ניט מער אויף רושטאָוואניעס. פארוואָס, דווקא, מוז ער בויען הייזער, קלעפּן ווענט — ער, צוזאמען מיט דעם טאָטער! א פארגלייכעניש: אויב שטיין זיי ביידע אויף דער רושטאָוואניע מיט די קעלנעס אין די הענט, קען זיך וואָלף בשום־אופן ניט אויסגלייכן מיטן טאָטער; קען ער ניט דערגרייכן

מיט די ציגל צו אזא הויך, ווו יענער האט שוין פונלאנג פארטיק געמאכט.

— ארבעטסט דאָך גאָרניט! — זאגט צו אים דער טאַטער מיט רוגזה — איך האב שוין אויסגעגלייכט צווי רייען און דו...

— און איך — צאַפּלט וואָלף פאר דעם טאַטערס ברייטע האנט־דלאָניעס — און איך קען ניט דערלאנגען, קען איך ניט...

— אָט וועל איך דיר באלד דערלאנגען! — טוט זיך א טרייסל דאס שמאָלע ברעט, באוויזט דער טאַטער וויסע ציין, א פנים, מלא רציחה.

און דערמיט ענדיקט עס זיך:

וואָלף ליגט אויף דער ערד, ארום אים — צעבראָכענע זאמד־ציגל, צעגאָסענער ליים, א שטיק זון, אראָפּגעוואָרפן פון גיהנום — פייער.

אזוי, כמעט, יעדן טאָג, צווי מאָל אין טאָג.

וואָלט ער געוועז בכח, אוי, דאַן וואָלט וואָלף געמאכט א חשבון מיטן טאַטער — פאר זיין טרייבן אים צו דער ארבעט, — קען ער דאָך אפילו ניט אויפהייבן דאס קעסטל מיט ליים, ציטערן דאָך אונטער אים די פיס, ווען ער שטייט אויף דער רושטאָוואניע. פארפאלן. דאס איינציקע זעט ער, וואס קען אים ארויסהעלפן איז — די מאלאריע. אך, ווען זי באזעצט זיך אין אים, ניט סתם טרייסלען, נאָר, טאקע, מיט היץ, מיט פייער — גליקלעך וואָלט ער געווען און מקנא וואָלטן אים געווען זיינע חברים — וואס שטיין אויף רושטאָוואניעס, ווי ער: וואָלפן וואָלט מען אוועקגעפירט אין שפיטאָל, אים אוועקגעלייגט אויף א בעט — מיט פערציק גראד היץ. און דאַן? יאָ. דאַן דערלאנגט מען וויים ברויט, רויטן באָרשט, שוואַרצע קאַווע — און אלץ אין בעט אריין...

האט געטראָפן אין איינעם פון אזעלכע טעג —

וואָלף האט זיך דערוואָרט אויף דער אויסגעבענקטער מינוט:

די זון — ווי אין אזיע — פארשרפט אלץ, וואס געפינט זיך אונטער איר; א געלע מאטקייט דושעט אויף ציגל־טרעגער, ציגל־קנעטער. דער הימל — א ברענענדיקער פלאַם — אויסגעמישט מיט ערד. נאקעטע ווענט, ניט־פארענדיקטע דעכער. א קאָכנדיקער סמאָלע־קעסל. א־ו־ף!

און ארום וואָלפן דרייט זיך דער גזימס, וועלכן ער טוט־אָן מיט ליים, דרייט זיך דער קאָפּ, וואס וויל זיך אָפּטיילן פון שארבן, טרייסלען די ציין, ווי זיי וואָלטן וועלן ארויסשפרינגען — אלע מיטאמאָל. הענט און אַקסל, פיס און קני — א צוזאמענפלעכט פון קעלט און היץ, תמוז און שבט, ביידע צוזאמען.

וואָלף איז אראָפּגעקראָכן פונם לייטער.

— העי, ווּ גייסטו? — האָט דער טאַטער אַראָפּגעדונערט פון דער רוש־טאַוואַניע.

איך האָב דיך אין דר'ערד — האָט געטראַכט וואָלף — איך האָב די מאַלאַריע און דו, וואָס? אַרבעט ווי אַ טאַטער, קכע־כע־כע!

און ער איז אַוועק צו דער „שוועסטער".

פּערציק־איינס — האָט זי אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

פּערציק־איינס — האָט וואָלף געדריקט צווישן די פאַרשטייפטע פינגער ס'שטיקל פּאַפּיר און געציטערט, מיט די טריט, צו זיינע חברים.

— צ'הערט, חברה — האָט ער געקנאַקט מיט די ציין אַרויף צו די דעכער — פערציק־איינס טעמפּעראַטור! יאָ, יאָ, פּערציק־איינס...

*

אַנדערש איז אין דער היים און אַנדערש—אין דער פרעמד. אויב האָט וואָלף אַמאָל אַרויסגעשטעלט אַ פאַרקרימטע פּנים, באַוויזן אַ ווייסע צונג, האָט מען אין שטוב געזאָגט: „אינפלוענציע". האָט די מאַמע צוגעלייגט איר באַק צום זונס שטערן: „וויי איז מיר!"

איצט, אַז אין וואָלפן, אינעווייניק, האָבן די קישקעס זיך דווקא געוואָלט אַפּרייסן פון זייער שורש, דער גאַנצער געבוי—זיך געוואָלט פאַנאַנדערפאַלן,—איצט האָבן חברים געזאָגט: „מאַלאַריע"; האָט מען אים אַרומגערינגלט מיט קנאה־פינקעלעך אין די אויגן: „ווויל איז דיר!"...

און ער אַליין, וואָלף? ער האָט געשאַרט זיינע באַרוועסע פיס איבערן הייסן זאַמד, זיי, עקשנותדיק, געהויבן, אַראָפּגעלאָזט און, אַזוי, קריכנדיק, זיך דערשלעפּט צום שפּיטאָל.

אין אַרומגעפליקטע געביידע, צוזאַמענגעקלעפּט פון ליים. אַרום—טרוקענע פעלדער, מענטשן־מיסט פאַנאַנדערגעלייגט אויף טראָטואַרן. שטיקנדיקער אויר, וואָס מאַכט שווער צו וויסן: צי קומט ער, דער אויר, פון מאַלאַריע־בעטלעך, אָדער — איז אַרום דער שפּיטאָל־געביידע די זון אַזאַ, אַנדערש, ווי אין אַלע אוזבעקישע געסלעך.

און וואָלף טאַפּט מיט אַ האַנט דעם שטערן: דאַכט זיך, אַז ער, דער שטערן, איז קאַלט; אַז זי, די מאַלאַריע, איז פון אים אַוועק...

אָבער דער דאָקטאָר באַרואיקט אים:

— פּערציק־איינס...

ליגט ער, וואָלף, אויפן בעטל, שוין אַ טאָג צוויי—ער איז קראַנק; עס טרייסלט אים און, צוזאַמען מיטן דאָזיקן טרייסלען, וואַרעמט אין אים אַ נקמה־פייערל,

בליצט אויף אין זיין צעהיצטן מח: דער טאטער! צי וואלט ער, דער איינוויינער פון ארומן שווארצן ים, ניט געוואלט זיך געפינען, אט איצט, אויף וואלפס ארט? זיכער יאָ. כא־כא־כא! ער, דער קליינער, ביינערדיקער וואָלף, נעמט נקמה אנם גרויסן, פליישיקן טאטער...

— — — — — — — — — — — — — — — —

זי, די מאלאריע, אין אוזבעקיסטאן — זי פארדעקט די אוזבעקן אין זייערע ליימענע קיביטקעס; זי האט אויסגעהיט וואלפן פון צו דראפן זיך אויף הויכע, גארנדיקע רושטאוואניעס.

זי, די מאַלאַריע, פרעסט דעם אוזבעק, האט געפרעסן וואָלפן — און ביידע האבן זיי געוואָרט, אומגעדולדיק, אז דער זומער זאל שוין, וואס־גיכער, פארשווינדן פון אוזבעקיסטאן.

*

מאַלאַריע — זאגן דאקטוירים — איז בכלל ניט קיין חולאת. נאר — א צוטשע־פעניש אזא; א צוטשעפעניש צו אזעלכן, וואס מוז רוען, נאך א לאנגער צייט שווער ארבעטן.

דאס אייגענע זאגט אויך ער, וואָלף. נאר וואָס דען? עפּעס לאזט זי ניט רוען, די מאלאריע, ווארפט אין אים און אויף אים, אלע זיינע רמ״ח אברים, אלע זיינע שס״ה גידים. וואָס־זשע זאל ער טאָן קעגן דעם דאזיקן קדחת־ווארפעניש, קעגן דעם — אויב וויל ער דווקא רוען?

אָן עצה דערצו גיט אים דער דאָקטער, וואָס שטייט נעבן זיין בעטל:

— מוזט בייטן דעם קלימאַט, מוזט דו; מוזט עסן זיסע זאכן, א סך פעטס...

דאס אייגענע זאָגט אים אויך דער אוזבעק, אינם שכנותדיקן בעטל:

— יאָ, זיסע זאכן: האָניק מיט צוקער...

ווערט וואָלפן, בשעת מעשה, זיס אונטערן גומען, א קלעפּיקע זיסקייט. וועלכע נעמט זיך פון איבער צוויי וואָכן היץ־פיבער, פון טרינקען דריי מאָל אין טאָג גרויסע לעפל מיט א ביטערער, גרינער פליסיקייט.

און רוען וויל ער, וואָלף. אויך דער אוזבעק וויל רוען. דעריבער, טאַקע, צע־טרייסלט ער, דער שכן זיינער, די לאנגע האָר אויף זיינע הויטיקע באַקן, הייבט־אונטער דעם טרוקענעם פונם שטרוי־קישעלע.

— יאַמאַן — זאָגט ער — שלעכט.

און קערט־אום זיין פלאַטשיקע נאָז צו וואָלפן.

— פאַרוואָס איז שלעכט, באַבּיי? — איז וואָלף טשעקאווע צוויסן.

— דערפאר, ווייל דארט איז גוט, פארשטייסטו, דארט איז יאַכשי!

ווערט וואָלף געוואר פונם אוזבעקס רייד, אַז „דאָרט" מיינט ער, די גרויסע שטאָט, פונוואַנען מ'האט אים געברענגט דאָ אַהער; אַז דארט איז א שטאָט פון האָניק מיט צוקער.

— סאַמאַר־קאַנד, פארשטייסטו, האָניק מיט צוקער.

און מער רעדט ער ניט, דער אוזבעק. די שוואַרץ־גרינגע הויט אויף זיין צע־פּאַלדעוועטן שטערן, הייבט זיך ארויף, לאָזט זיך אַראָפּ, קנייטשט־איין די אויגן־לעדנלעך, וועלכע פארדעקן צוויי שווארצע, גרויסע אויגן־גלעזער. ער שלאָפט.

און וואָלף האָט ניט קיין מנוחה:

א שטאט, וועלכע רופט זיך — האָניק מיט צוקער; א שטאט, וואָס קען זיין א רפואה קעגן מאַלאַריע.

האט ער באַשלאָסן —

אַוועקצולאָזן זיך אין דער דאזיקער שטאָט.

קיין סאַמאַרקאַנד.

פּאַרטאָג, אויפן שפּיטאָל־בעטל — דער היץ־מעסטער ווייזט: אונטער זעקס־און־דרייסיק. אזוי האט געוואָלט וואָלף. ניט כדאי מער צו שטופּן דעם טערמאָ־מעטער דארט אהין, וווּ ס'איז היים. געגנוג. ער האט שוין ניט די מאַלאַריע. זי פאר־טריבן. און זאל די „שוועסטער" אים אויסשרייבן, אים צוריק געבן זיין הלבשה. שוין. ער איז געזונט.

האָט מען אים געגלייבט אויפן וואָרט.

און וואָלף האט אוועקגעטראָגן זיין מאַלאַריע צום וואָקזאַל, זי ארייננגעוואָרפן אין איינעם א וואַגאָן, וועלכער האט געפירט קיין סאַמאַרקאַנד.

*

שטומע, בלינדע קיבּיטקעס, אָן טירן־פענצטער, ליגן צונויפגעקנעטן איינס אויף איינס ארום געל־פּליסנדיקע אַריקן — ליים און שטרוי שפּיגלט זיך אין ברו־דיקן וואַסער אויף סאַמאַרקאַנדער הינטערגעסלעך.

בלאָנדזשעט וואָלף מיט זיינע בליקן אויף געל־גרין־בלאָ־רויטע פארבן פון אוז־בעקישער הלבשה. שטילט זיין הונגער־חלשות מיט געקאָכטע צוקער־בורעקעס, וועלכע וואַרעמען זיך אין א שיסל אונטער אַן אוזבעקס וואַטענעם כאַלאַט.

— בער אורטאַק, בער אזמאס — בעט ער זיך ביים אוזבעק — גיב א שמיקל...

— פּול באר־מע?

— יאָק־מע — טרייסלט וואָלף מיטן קאָפּ אויף ניין—ער האט ניט קיין געלט.

— קעט! — טרייבט אים דער אוזבעק אָפּ פון זיך.

מישט זיך אויס הימל מיט ערד, ווערן איין שטיק פינצטערניש, וואָס ציט זיך פון וואָלפּס אויגן.

זעצט ער זיך אַוועק אויף א ליימיק בערגל, לאָזט שווענקען די פיס אינם נעלן אַריק־וואַסער, הערט זיך איין צום יאָמערדיקן געוויין פון אן אייזל, צוגע־בונדן צו א בוים, אים צוקאָפּנס. דאס אייזל וויינט — עס פּארקלעמט ביים האַרץ — דער באַלעבאָס פּארקויפט זיסע צוקער־בורעקעס; וואָלף קען ניט וויינען — ער איז הונגעריק — זיין באַלעבאָס איז די מאַלאַריע.

זיגזאַגיש שלענגלען זיך סאַמאַרקאַנדער הינטערגעסלעך, שמאָלע, בלאָטיקע דורכגענג, צעקנעטענער ליים אונטער באָרוועסע טריט פון אוזבעקן, טאַדזשיקן און בוכאַרער יידן.

— א־פּ־א! יאַכשי גאן באַר־מע!

—באָ־בײ! קאַק־טשײ מא־נא!

און צווישן די קולות שמועסן זיך דורך צוויי שכנותדיקע אייזלען פון שכנות־דיקע הייף, רופן ארויס זייערע חברים — פאַרייסן אלע זייערע העלדזער אינדער־הייך, קלאָגן אויף דער וועלט.

לויפט אַן אוזבעטשקע מיט לאנגע, געפאַרבטע הויזן איבער קלעפּיקער בלאָ־טע, לויפט מיט א פּאַרצעלייענעם טשייניק, צו דער טשייכאַנע.

— א־א־ה־א־אאא! — רופט זי דעם טשייכאַנטשיק מיט א קול, וואָס רייסט זיך ארויס פון אירע טיפסטע טיפענישן, א קול, וואָס קייקלט זיך, געסלדיק, בארג־ארויף, בארג־אַראָפּ, צעשלאָגט זיך אן בלינדע ווענט, אויף ליימענע דעכער.

— א־י־י־הווו! — ענטפערט דער טשייכאַנטשיק, פון ערגעץ־ווו, מיט א פּארענדיקטן, דינעם קוויטש, וועלכער האט צו זאָגן: אָט, גיי איך, אָט, קום איך — גרינער טיי איז דאָ ביי מיר!

און איבער געבויגענע געסלעך, אויסגעפילטע מיט טומל, דריקט א שטיק פון גיהנום — א העליש פייער ברענט דעם חלל, שרפעט דעם מח — די סוף־תמוזדיקע זון.

זיצט ער, וואָלף, אויף א נאַרע נעבן דער טשייכאַנע. שלינגט „כיניז" און פּארטרונקט מיט גרינעם טיי: ער מוז זיי פּארסמען, אטא די מיקראָבן, די פיצינקע באשעפענישלעך, וואָס האדעווען זיך אין אים צוזאמען מיט דער מאַלאַריע.

*

מאַלאַריע איז דאָס אייגענע, ווי א שטוב־חיה — א הונט, א הון: ווער עס וויל האָדעוועט זיי און ווער ניט, טרייבט זיי ארויס.

— און ווער עס וויל ניט ארבעטן, געבן צו עסן א ווייב — דער נעמט זיך די מאַלאַריע, לייגט זיך אוועק מיט איר אויף א ווייס בעטל אין שפּיטאָל...

— און פאַרוואָס האָב איך געאַרבעט אויף פּאָלעסיע? — וויל סענדער וויסן, פרעגט ער ביים ווייב, וועלכע האָט צו אים גאָר שטאַרקע טענות.

— אז אַרבעטן זאָלסטו מיט די זייטן, טאַטע האַרציקער!

ער און זי — מאַן און ווייב — ביידע זיצן זיי אויף לייםיקן טראָטואַר-בערגל, האַלטן די פיס אינעם טרוקענעם אַריק, טראַכטן און שמועסן וועגן הווה און עתיד.

— א „מאַלאַראיקער"... — טרייסלט א האַלב-פאַרברענטער סקעלעט מיט צעפּלאַצטע ליפּן.

— א קראַנקער... — שאָקלט סענדער דעם צעשויבערטן קאָפּ, דאָס לאַנגע, צעקנאָדערטע פּנים.

בין השמשות.

דער איינציקער, אויסגעקרוממטער בוים, וועלכער שפּאַרט אונטער, מיט א סענק, די קיביטקע פונעם בוכאַרער ייד, שטופּט-אָפּ פון זיך די לעצטע זון-פלעקן, נעמט טונקען זיין אַרומגעפליקטן קאָפּ אינעם לאַנגן, געלן אָוונט.

דער ייד פון בוכאַרע — באַלעבאָס פון הויף, אין וועלכן ס'וווינען סענדער און זיין ווייב — ער טראָגט קורצע, ווייסע הויזן, נאַקעטע פיס, באַוואָרפענע מיט האָר. גייט ער פאַרביי ס'געסל. זעט זיינע שכנים. לייגט צו די רעכטע האַנט צום האַרץ, זאָגט:

— סאַלאַם אַלייקום.

ענטפערט סענדער:

— אַלייקום האַסאַלאַם.

און דער „בוכאַרער" לאָזט אַראָפּ זיין פאַרדאַרטן, אויסגעבויגענעם גוף נעבן זיי.

— מאַלאַריע — זאָגט סענדער.

— שלעכט — ענטפערט דער באַלעבאָס.

און ביידע זיפצן-אָפּ.

אויך זיפצט וואָלף, ביי דער טשייכאַנע, איבער דעם פאָרצעלייענעם שיסעלע, אין וועלכן עס גרינט זיך די אוזבעקישע טיי.

דער אוזבעקישער טאָג איז אויסגעפילט מיט חמימה, דער אָוונט — א שוויי-סיקער, נאָכן אַראָפּוואַרפן פון זיך קרוב א מעת-לעת צעגליט פייער.

שוויצן אַזיעס מענטשן — צעקנעפּלטע, האַריקע לייבער, פייכטע בערד, גרי-נע מויל-ווינקלען, אויסגעפילטע מיט זאַפט פון גרינעם קיי-טאַבעק.

און וואָלפּס ציין קנאַקן אַנם טיי־שיסעלע, אַ קנאַקן, וואָס קומט פון אַ שווי־דער, אַ ווינט, וועלכער בלאָזט אין אים, אַרום אים — אַ קאַלטער ווינט, וואָס דער־גרייכט נים קיינעם, נאָר — קומט פון וואָלפן און פרירט אין אים. —

מאַלאַריע.

פונדעסטוועגן, ווען ער האָט איצט אַ שטיק ברויט אַריינצולייגן צווישן די ציין, וואָלטן זיי אפשר אויפגעהערט אַזוי שטאַרק צו קנאַקן.

אַזוי טראַכט וואָלף.

און דאָס אייגענע — אויך סענדער. ער וועט נאָר ברענגען אַ טשייניק טיי, איינוויקן אין אים עטלעכע פאַרטרוקנטע ברויט־שטיקער און —

דערזען וואָלפן זיך טרייסלען אויף דער נאַרע.

— מאַלאַריע, האַ?

— יאָ, מאַלאַריע.

— איז טאַקע שלעכט.

— ערגער ווי שלעכט.

— קום, וועסטו שלאָפן ביי מיר.

דער הויכער, דאַרער סענדער טראָגט אַ פולן טשייניק מיט טיי. דער „בוכאַ־רער״ זיצט מיט פאַרפלאָכטענע פיס אונטער זיך, שפּייט אַרום זיך מיט גרי־נער פליסיקייט:

ווער זיינען די ריכטיקע, גאָטס יידן? — וויל ער וויסן און ענטפערט זיך אַליין — די בוכאַרער יידן.

— אַלע יידן זיינען גאָטס יידן — קומט וואָלף שפּעטער צום אויספיר — יאָ, אַלע...

פון די טיי־שיסעלעך הייבט זיך אַ פּאַרע. דער בין־השמשות — אַ געלער — דריקט אויף סענדערס ווייב, וועלכע קען נים פאַרשטיין:

אַ מאַן אַ שלימזל, זיך איינגערעדט — מאַלאַריע... ליינט ער זיך אַוועק יע־דע צוויי וואָכן אויפן שפּיטאָל־בעטל, וואַרט, ס׳ווייב זאָל אים ברענגען צי קרעפ־טיקן... ווו זאָל זי נעמען, ווו?

זיצן זיי ביידע, וואָלף און סענדער, אַקסל צו אַקסל, טרייסלען די לופט אַרום זיך, טרייבן די קאָמאַרעס, קלעפּנדיקע אויף זייערע שווייסיקע לייבער, שפּייען אַ זיסע קלעפּיקייט, וואָס ליגט אונטער זייער גומען.

— גיב אַ טאַפּ מיין שטערן — הייבט־אויף וואָלף סענדערס אַ האַנט — נאַ, טאַפּ־אָן.

— האָסט הויכע היץ — זאָגט סענדער נאָך אַ פאַרטראַכטן זיך.

— און איך? — פרעגט ער ביי וואָלפֿן.
— דיינער אויך — נעמט אראָפּ וואָלף זיין האנט פון סענדערס שטערן.
— וואָס פאַרא טאָפּעניש דאָ אינמיטן דערינען? צעבייזערט זיך סענדערס ווייב.
— די מאַלאַריע — זאָגט וואָלף.
— די אינזעקטן פרעסן — גיט צו סענדער.
און דער „בוכאַרער" זיפצט־אָפּ, צעטרייסלנדיק די באָרד:
—דאס אלץ נעמט זיך פון חלול שבת, שבת קודש...
— דאס אלץ נעמט זיך דערפון, וואָס דער מענטש איז שלעכט — זאָגט וואָלף.
און דערמיט איז מסכים סענדער:
— ווארום, ווען דער מענטש וואלט געווען אנדערש ווי ער איז, וואָלט ניט געווען דאס, וואָס עס איז...
— מענטש־שמענטש! — צעוואַרפט סענדערס ווייב איר סקעלעט און לויפט אריין, צוזאמען מיטן „בוכארער", אינם קליינעם הייפל.
— האָסט אפשר עפעס איבערצוקייען? — פרעגט וואָלף ביי סענדערן, ווען זיי זיינען געבליבן אליין נעבן אַריק.
— נאַדיר עטלעכע קרישקעס — קראַצט ער ארויס פון א קעשענע פייכטע, צעריבענע ברויט־שטיקלעך — האָסט אבער א סך היץ; ווי איז ביי דיר דער אַפּעטיט?
— נישקשה. אויב וועל איך אָנטרייבן ביז מאָרגן, וועט זיין א סימן, אז דער אַפּעטיט וועט ווייטער אַרבעטן...
זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעלייגט אונטערן בוים, אונטערן הימל, וועלכער האט אנגעזאָגט, אַז מאָרגן וועט דער טאָג ווידער גליען, ווי שטענדיק.
— שלעכט — ברומט סענדער — מיט מיר איז זייער שלעכט.
— איך קען ניט אָטעמען — זאָגט וואָלף — עס דושעט מיך.
מיטן נאַכט.
דער „בוכאַרער" איז ארויסגעקומען, פאַנאַנדערגעבלענדט זיינע ווייסע הויזן, זיי פאַנאַנדערגעבונדן.
— קאטש! האט ער גענומען שרייען צו וואָלפן — אַוועק פונדאַנען!
— חולה — האט געזיפצט וואָלף.
און אזוי זיפצנדיק, האט ער גיך אַוועקגעשלייכט מיט זיין שטעקן פונם געסל.
אים האט באַגלייט זיין טרייסלנדיקע חולאת, די מאַלאַריע, די גרין־געלע אויגן פון

פריינט, סענדער, די נאַכט, אין וועלכער ס׳האָט זיך געהערט דאָס שווערע קרעכצן פונם בוכאַרער ייד, וואָס האָט געמאַטערט זיין מאָגן איבערן טרוקענעם אַריק.

*

אין סאַמאַרקאַנדער אַלטשטאָט האָט זיך געפינען איינער, א הויכער, א גלייכער, מיט א הויכן שטערן און לאַנגער נאָז.

דער „טומאַן”, האָט מען אים גערופן צווישן אייגענע.

פאַרוואָס עפּעס אַזאַ נאָמען ?

דערפאַר, ווייל ער האָט אַוועקגעשענקט זיין גאַנצע ענערגיע צו העלפן מענטשן, צו געבן זיי שטיצע.

— העלפן מוז מען... ראַטעווען דאַרף מען...

די וועלט מוז וויסן, אַז ער האָט א גוטע נשמה..

דער „טומאַן” גייט רעדן, באַלד וועט ווערן שטורמדיק..

האָט אים סאַמאַרקאַנדער אַלטשטאָט גערופן מיטן דאָזיקן נאָמען. — דער „טומאַן”.

איז וואָלף אַוועק צו אים :

— אַזוי און אַזוי: כ׳האָב טראָפּישע מאַלאַריע...

— וואָס־זשע זענט איר געקומען צו מיר ? — האָט ער איינגעשטאָכן זיינע קורצזיכטיקע אויגן אויף א געלן זון־פלעק, וואָס האָט זיך געוואַלגערט נעבן זיינע פיס.

און גלייך :

— קומט צו מיר; איך וועל אייך געבן עפּעס.

זאָגן דאָך דאָקטוירים, אַז מאַלאַריע קומט נאָר צו אַזעלכע, וואָס האָט ניט אויף זיך קיין פלייש; אַז מאַלאַריע האָבן געברענגט אויף דער וועלט הונגעריקע מענטשן, אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט שפּייז ערגעץ אין סאַזשעלקעס, ווו עס מערן זיך מאָסקיטן...

איצט שטייט זיין סענקוואַטער שטעקן אַוועקגעשטעלט אין א שטוב־ווינקל. וואָלף זיצט נעבן א טיש. אויף אים ברויט — א חלום, וואָס ער חלומט שוין חדשים־לאַנג. זיינע ציין קנאַקן. ניט מחמת מאַלאַריע־פיבער, נאָר — זיי קייען ברויט. און די שפּיציקע באַקן־מוסקולן הייבן זיך אַרויף, אַראָפּ, אייליק, גיך, טאַנצן צוזאַמען מיט די ליפּן, מיט די שלייפן — א פריילעכן טאַנץ פון ברויט.

בלויז דאָס דאָזיקע לעצטע וואָרט האָט געביטן די פאַרב אויף וואָלפס באַקן. אָפּעס !

דערנאָך איז דער „טומאַן" אַוועק איבער דער שטאָט, צו באַקאַנטע.

— איך האָב היינט געראַטעוועט אַ מענטש — האָט ער געזאָגט צו יעדן באַזונדער.

— איז וואָס־זשע ווילסטו ? — האָט מען אים געפרעגט.

— גאָרנישט. כ'וויל בלויז, אַז דו זאָלסט וויסן. מער נישט.

איז וואָלפן לכתחילה געווען אַלצאיינס: זאָל די וועלט וויסן, אַז ער איז אַ נאַר גרויסער קבצן, אַזעלכער, וואָס האָט די טראָפּישע מאַלאַריע. דאַרף ער זיך שעמען מיטן דאָזיקן ?

ער עסט ביים „טומאַן", יעדן טאָג, ברויט, זופּ; שלאָפט דאָרט ערגעץ, אין אַ ליידיקער קיביטקע.

ס'איז אים גוט.

אָבער די מאַלאַריע טרעט נישט אָפּ.

אמת, איצט הייבט ער אָן קומען צו די כוחות, פילן זיך שטאַרקער —

נאָר אין איינעם אַ טאָג, האָט דער „טומאַן" אַרויפגעצויגן אויף אים הויזן, אים אָנגעטאָן אין אַ העמד, אַרויסגעפירט אויף דער גאַס, אַוועקגעשטעלט נעבן אַ טשייכאַנע. און וואָלף באַמערקט, ווי ער זוכט אימעצן מיט די אויגן.

דאָס זוכט ער אַ באַקאַנטן, אַ היימישן, כדי יענער זאָל זען זיינע אויפטאָען, זאָל הערן ווי ער זאָגט —

איך האָב געראַטעוועט, איך האָב געהאָלפן אַ מענטש.

מחיה מתים געווען.

וואָלף ווייס, אַז מתן־בסתר איז זייער אַ גרויסע מדה. דעריבער קען ער נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער „טומאַן" וויל, אַז דווקא אַלע זאָלן וויסן מכח אַ שטיק ברויט, מכח הויזן און אַ העמד, וואָס ער, דער בעל רחמנות, האָט געשאַפן פאַר אים. דעם קבצן.

האָט דאָס דאָזיקע אים אָנגעהויבן ווי טאָן, אָנגעהויבן וועקן אין אים די האַלב־פאַרשלאָפענע מאָסקיטן.

און די מאַלאַריע האָט זיך ווידער פאַרפעסטיקט אין אים, ווי מיט אַ וואָך, מיט אַ חודש צוריק...

*

פאַרשידענע חולאתן זיינען פאַראַן אויף דער וועלט. און צו אַלע די דאָזיקע חולאתן, כדי זיי צו פאַרטרייבן פונם מענטש, ווערן באַנוצט קרייטעכצער, רפואות אַזעלכע; דאָקטוירים, פאַקולטעטן — אַ גאַנצע וויסנשאַפט.

מען זוכט צו פארלענגערן דעם מענטש זיינע יאָרן, לייכטער, באַקוועמער צו מאַכן זיין לעבן.

מען זוכט און מען געפינט.

בלויז צום אינזשיניערס חולאת האט די חכמת־המעדיצינע ניט געהאט קיין צוטריט.

ניט דערפאר ווייל די וויסנשאפט איז געווען הינטערשטעליק, ניט געווען ביכולת אויסצופאָרשן דעם אנאַטאָמישן געבוי פונם קראנקן אינזשיניער, נאָר, פשוט — דער חולה האט ניט געהאט קיין חשק צו פארלאָזן ס'שפיטאָל־בעטל.

געהייסן האט עס:

ער איז קראנק, שווער קראנק, — א נאָכניט־אויסגעפארשטע חולאת.

און אינדערמאמתן:

ווּ זאל ער גיין, ווּ זאָל ער זיך הינטאָן אין דעם פרעמדן, שטויביקן אוזבע־קישן סאמארקאנד?

איז ער געלעגן, שוין קרוב צו די צוויי יאָר, אַן איינגעקנאָדערטער, א מרה־שחורהדיקער, ווארטנדיק אויף אַ נס, אויף אַזעלכעס, וואס זאל מאכן פון אים צוריק דאס, וואס ר'איז געווען.

זיינען פארביי טעג, אויסגעפילטע מיט רפואות־און וואנצן־געשמאַק. האבן זיך אויסגעליידיקט בעטלעך פון שווער־פודיקע און לייכט־סקעלעטישע חולאים. האט ס'פינצטערע טהרה־שטיבל איינגעהילט מיט שימל, מנינימוויז, נעכטיקע מענטשן, היינטיקע מתים.

האבן זיך געביטן פנימער אין שפיטאל־באַראַק, וואָכן, חדשים.

בלויז דער אינזשיניער איז געלעגן אויף זיין בעטל, א געלער, א וואַקסיקער, געלעגן, געווארט אויף דער טייג־זופּ, וואָס די גאַנצע שטעלט אַוועק אויף זיין טישל מיטנטאג און ביי זון־פארגאנג.

ביז איינמאָל האט זיך געעפנט ס'שפיטאל־טויער — וואָלף האט אראָפּגע־וואָרפן זיין שמאַטע־בינטל, אריינגעוואָרפן זיין ביינער־סקעלעט אין א בעטל בשכנות פונם אינזשיניער.

דאן האבן ביידע גלייך געוואָלט וויסן:

— פונוואַנען?

— פון קראקע.

— פון ווארשע.

— וואָס איז די חולאת?

— שוואַך.

— א שוואַכער אָרגאַניזם.

ס'איינגענע האט באשטעטיקט דער דאָקטער:

— פאַר אייך איז דאָ נאָר איין רפואה: ברויט מיט קאַרטאָפל. ביי אונדז באַקומט מען זי אָבער ניט. און איינשפּריצונגען וועלן ניט האָבן קיין פּעולה. ניין. גאָרניט.

האָבןביידע געוווּסט דערפון, סיי דער אינזשיניער און סיי וואָלף.

וווּהין, אָבער, זאָלן זיי ביידע גיין, יאָ, וווּהין ?

זיצט וואָלף אויף זיין בעטל, אַריינגעוואָרפן די קורצע פיס אין לייוונטענע הויזן, באַטאַפּט, מיטן בליק, זיין שכן, וויל דערגיין די צאָל יאָרן, וואָס ער טראָגט אויף זיין סקעלעט.

פאַלט־צו דער בין־השמשות אויפן ענגן שפּיטאָל־הייפל. ווייַנט ס'שפּיטאָל־אייזל אין אַ ווינקל פונם הויף, וויינט מיט צעעפנטע אויגן צו די פאַרוואַנצטע פּאַלאַטקעס, האט תרעומות אויף די חולאים, פאַרוואָס זיי ליגן נאָכניט אין טהרה־שטיבל גרייט, אַז מען זאָל שפּאַנען די אַרבע, זיי אַוועקפירן אויפן בית־עולם.

דעם אינזשיניער אַרט ניט דעם אייזלס געשריי. שוין חדשים־לאַנג הערט ער ס'דאָזיקע. צוגעוווינט. איצט דערציילט ער זיין בעט־שכן, וואָס ער האט אַמאָל געטאָן און וואָס ער האט בדעה צו טאָן להבא. —

... געבויט הייזער, געלייגט שאָסייען, געשטעלט בריקן...

איצט שטייט אַ פליג אויף זיין שטערן. באַוועגט ער מיט דער פאַלדיקער הויט איינמאָל, נאָכאַמאָל. און אַז זי האט ניט בדעה אָפּצוטרעטן, מוז וואָלף צעטרייסלען זיין האַנט, א פיר טאָן איבער דעם דערציילערס בעט.

— זייער שוואַך — קרעכצט דער אינזשיניער — אפילו מיט דער האַנט ניט צו באַוועגן.

טרייסט אים דערויף וואָלף:

— נישקשה. מיר וועלן נאָר אָפּעסן. גוט אָפּעסן — און מיר וועלן ווערן געזונט און פריש...

— געזונט און פריש! — גלייבט ניט זיין שכן און וואַרפט אַוועק דעם שאַרבן אויפן שטרוי־קישעלע.

ער איז צופרידן, דער אינזשיניער, וואָס ר'האט פאַר וועמען אָפּצורעדן זיין שוואַכקייט, אויסצורעדן זיינע טענות צו דער וועלט. אויך וואָלף האט הנאה פון זיין שכן, מיט וועמען ער שמועסט שעהן־לאַנג; פונם צעקנייטשטן שפּיטאָל־בעטל,

וועלכעס מאכט אים צוריק פאר א מענטש, צוליב וועלכן ער דארף ניט גיין אין פּאַרק, זוכן א ווינקל, ווו איבערצושלאָפן די נאכט.

יאָ, די נאכט!

איצט פילט ער זיך כמעט ווי אין דער היים.

מיט איין קליינעם חילוק:

וואַנצן.

ווו א קער מיטן בליק: אויף די ווענט, ארום די טישלעך, אין די בעטן — מחנות וואַנצן — טויזנטער.

דעם אינזשיניער אַרט עס ניט, ווי עס אַרן אים ניט די לעצטע גסיסה־קרעכצן פון בעטלעך ארום.

זאָגט ער:

— זאָלן זיך דאגהן אַזעלכע, וואס האבן פלייש אויף זיך; מיר, סקעלעטן — אויף אונדז האבן זיי ניט וואָס צו עסן.

דאך —

אין שפּעטע בין־השמשותן, ווען ס'שפּיטאל־אייזל ווארפט זיך אַוועק אויפן נידריקן דעכל נעבן מהרה־שטיבל, ווען לעצטע גסיסה־קולות ווערן פארדושעט ערב נאכט־אָנקום — דאן נעמט וואָלף זיין שטרוי־זאַק, טראגט אים ארויס אויפן הויף־ברוק. זאָלן אים די וואַנצן לאָזן במנוחה. אויך דער אינזשיניער נעמט צוויי קולעס, הענגט־אָן אויף זיי דעם צעקנאָדערטן גוף — און וואָלף לייגט־פאַנאַנדער צוויי גע־לעגערס אינמיטן פונם הויף.

— א חיות — זאגט דער אינזשיניער, אָנשפּארנדיק זיינע שטייפע בייגער אויף וואָלפן, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויפן שטרוי־זאַק.

אַזוי נאכט נאך נאכט. סאָנאָטאָגנע מעת־לעתן צווישן אָפּגעשיילטע שפּיטאל־ווענט.

ביז איינמאל האט וואָלף דערזען, אַז דער אינזשיניער גלייכט זיך אויס אויף די קולעס, נעמט זיין בלעכענע שיסל און לאָזט זיך מיט אייליקע טריט צום ארויס־גאנג.

אָן זיין הילף.

האט זיך ארויסגעוויזן:

ביקור־חולים־ווייבער זיינען געקומען צום אינזשיניער, געקומען יעדע עטלעכע טעג, געברענגט עטלעכע שטיקלעך ברויט, עטלעכע קארטאָפל — צו דערכאַפּן ס'האַרץ.

טאָקע אין די דאזיקע טעג האבן די גאַנעם געשמועסט צווישן זיך:

— זע גאר, זע...

— ווי דאס לויפט צום טויער...

— געזונט, ווי אַן אייזן...

איז וואָלף געווען צופרידן:

מילא. אַ חולשתדיקער ייד, געבער.

ס'האט אים בלויז פארדראָסן, פארוואָס אויך ער באַקומט ניט עטלעכע קאַר־טאָפל פון די ביקור־חולים־ניצעס.

און אַז אין עטלעכע טעג ארום — די ווייבער זיינען ווידער געקומען צום טויער, זיינען ביידע גלייך אַראָפּ פון די בעטלעך, צעשמייכלט די פּנימער, געזאָגט:

— א געזונט אויף אייך!

און באקומען א שיסעלע קארטאָפל, א שטיק ברויט.

ערשט דאן זיינען ביידע געווען צופרידן. אויך וואָלף. אויך דער דאקטער האט אראָפּגעשמייכלט פון זיין פענצטער:

— אז איך האב געזאָגט — מיר האבן ניט דעם רעצעפּט, וואָס אייך איז נויטיק, קכי־כי־כי...

— קכי־כי־כי! — האבן געלאכט, הנאהדיק, צעפּוילטע ציין, קייענדיק ווײ־סע קארטאָפל, שוואַרצע שטיקער ברויט.

און אויף בעטלעך ארום האבן ערב־גוססדיקע געקנייטשט הויט־טאָסקעס צו די צוויי גליקלעכע יידן, צו צוויי שיסעלעך קאַרטאָפל. אין וועלכע ס'האט זיך גע־פונען א רפואה אויך פאר זייערע חולאתן.

אויפֿן „כודזשום“

ארויסגעגאַנגען פֿון שפּיטאָל, האָט וואָלף דערזען אַ נײַע וועלט: ווײַסע מויערן, ווײַסע מענטשן און אַ הימל — ווײַס און בלאָ — אַ רחבֿות.

סאַמאַרקאַנד.

ניט אַזוי האָט אויסגעקוקט דער קישלאַק, פֿונוואַנען ר'איז אַנטלאָפֿן מיט טעג צוריק.

גרויסשטאָטישער טומל האָט צעגלאַנצט זײַנע שלעפֿעריקע אויגן, זיי אָנגעפֿילט מיט חידוש —

סאַמאַרקאַנד: שטאָט פֿון האָניק מיט צוקער! דאַרף מען זיך אַרײַנלאָזן אין איר, דער דאַזיקער שטאָט, אַרײַנוואַרפֿן די עטלעכע און צוואַנציק יאָר — און זאָלן זיי הנאה האָבן. יאָ, ווייסן, וואָס עס רופֿט זיך — לעבן.

אַ קאָפּיטשקע לעבן פֿאַר אים, דעם מסתפּק במיעוט — און ר'איז גרייט זיך אײַנגאַנצן אָוועקצושענקען דער וועלט: טו מיט מיר, וואָס איר ווילט.

איז ער געשטאַנען אויפֿן טראָטואַר, אײַנגעהויקערט, אַרומגעריסן, מיט הויכע וואָילאָקעס איבער באָרוועסע פֿיס־פּלאַכן, געשפּיזט דעם בליק אויף שפּיציקע שטײַנדלעך, וואָס האָבן געשטאָכן די קורצע, נאַקעטע פֿיס־זוילן אונטער לאַנגע וואָילאָק־געזן.

— פֿונוואַנען קומט אַ ייִד? — האָבן צוויי פֿרעגנדיקע בחורים, הינטער זײַן פּלייצע, געפֿרעגט ביידע מיטאַמאָל.

— פֿון יענער וועלט — האָבן ביידע בחורים גלײַך געענטפֿערט מיט אַ שפּיציק געלעכטערל.

איז וואָלף געווען צופֿרידן פֿונעם דאָזיקן ענטפֿער. אַוודאי קומט ער איצט

פון ערגעץ א יענער וועלט: זאמדיקע פעלדער און אייזלשן מדבר־געשריי, פאר־וואַנצטע בעטן און גסיסהדיק כאָרכלען — ער, דער גרויס־שטאָטיש ־ערצויגענער. איצט, נאָך לאַנגע חדשים, זעט ער ווידער שטאָטיש פאַרנעם, הערט ווידער אַ־טאָבוסן־גערויש אויף אוזבעקישער גרויסשטאָטישער גאַס.

דערמאָנט ער זיך: ערגעץ־ווו האָט מען אים געזאָגט, אַז אין כאַמאַרקאַנד געפינט זיך אַ „כודזשום", אַז אָרט אַזאַ, אָדער גאַס, ווו יידן באַקומען עסן.

וויל ער איצט וויסן:

— ווו געפינט זיך ערגעץ דער „כודזשום"?

האָט זיך געבן אים אָפּגעשטעלט איינער אַ ייד מיט אַן איין־איינציק הויט אויג:

— קום, בחור, איך ווייז אויף „כודזשום".

געהייסן זיך רופן האָט דער ייד — שמעון דייטש —

אַז אַלטער, איינגעהויקערטער ביינער־בונט, ארומגעוויקלט מיט אַ שוואַרצן כאַלאַט, מיט אַזעלכן, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט אַלטע, גאָר אַלטע מעשות פון אי־בערגעלעבטע דורות.

שפּאַנען זיי ביידע איבערן טראָטואַר, פרייטיק פאַרנאַכט.

און צום „כודזשום" איז נאָך וויט, גאַנץ וויט — צוויי שעה גאַנג.

עס זאָל זיך נאָר ניט אריינכאַפּן קיין חילול־שבת.

— עס וועט זיך ניט אריינכאַפּן — זאָגט וואָלף מיט זיכערקייט — חלילה.

און קוקט אויף זיינע הויכע וואָילאָק־כאַלעוועס, וועלכע הייבן זיך אַלץ העכער, דערגרייכן שוין, מיט זייערע אייבערשטע שפּיצן, איבער די קני.

— נעבעך — בליצט דער ייד זיין איין־איינציק אָפן אויג אויף בערישם נאָ־קעטע פּיס־פינגער, פאַרשטייט ניט: אַזאַ היץ, אַזאַ חמימה — און וואָילאָקעס אינדערמיט!

— אינדערמיט... — צעשאָקלט וואָלף ס'צעקנייטשטע דאַשעק־דעכל איבער זיין פאַריסטן שטערן.

און דערמיט ענדיקט זיך זייער ביידנס ערשטער שמועס.

דערנאָך:

— ווי רופט מען דיך, האַ?

— וואָלף.

— העלף מיר צוטראָגן ס'פּעקל, האַ?

ווייזט זיך אַרויס:

שמעון דייטש איז ניט אליין. ער האט א שווערן זאַק אויך מיט זיך — אַ זאַק, וועלכן ער טראָגט שוין ס'דריטע מאָל פונם „כודזשום" צו דער סטאַציע און צוריק.

— ניט באַשערט... ניט באַשערט... — זיפצט ער, דער ייד מיטן איינציקן אויג, העלפנדיק אַרויפליגן דעם זאַק אויף וואָלפס פּלייצע.

— וואָס, ניט באַשערט? — איז ער טשעקאַווע צו וויסן.

און ער ווערט געוואָר:

א חולה איז ער, דער ייד, וואָס הייסט זיך רופן שמעון דייטש. האט אַ פּאַפּירל אין קעשענע, וועלכעס הייסט אים פאָרן צום רופא.

— איז שטענדיק אַזאַ געפּאַק, אַזאַ געדראַנג אין די וואַגאָנעס; אַזוי ס'דריטע מאָל איז וואָלף צופרידן פונם גאַנצן עסק. נאָר גאָט אליין האט אים צוגעשיקט דעם דאַזיקן שמעון דייטש. וועט האָבן, וווּ אָפּצועסן, וווּ אויסצושלאָפן זיינע צעקנאָדערטע ביינער, נאָך געבט קדחתעווען אונטער סאַמאַרקאַנדער הימל.

פילט ער ניט די משא אויף זיין קאָפּ און קאַרק. זעט ער ניט קיינעם ארום זיך. נאָר — צוויי אויסגעדרייטע וואָילאָק־נעזער הייבנדיק זיך איבער אָפּגעדעקטע פיס־פינגער, איינגעדרייטע אין גאַקעטע פיס־פּלאַכן, פּאַטשנדיקע אויפן צעגליטן טראָטואַר.

א־אַ־אַ־ו־ף!

און אויבן, אײלנדיקע וואָלקנדלעך קאַטאָוועסן אונטער הימלס זון־שפּיגל: פאַרדעקן, דעקן־אויף.

איז אָט אַזוי:

אז אוזבעקישע זון רייסט זיך דורך די עטלעכע שיטערע וואָלקנדלעך, טוט א ברען איבער סאַמאַקאַנדער ניישטאָט, דאן — שוין: איז ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען; דריקן מויערן מיט זאמד און ציגל אין שרפהדיקער שעה.

קאָפּעט בעריש מיט שוויים פון נאָז אויף ליפּן. וויל ער וויסן:

— נאָך ווייט צום „כודזשום"?

— אָט, שוין, באַלד — צעהוסט שמעון דייטש דעם טרוקענעם גאָרגל, טאַפּט ארום זיין חולאת מיט א טרוקן פינגער־בינטל.

טראַכט ער, דער ייד מיטן איינציקן אויג:

אַ וווילער בחור. ממש פון גאָט צוגעשיקט. דאַרף מען אים געבן אָפּצועסן, אָפּצושלאָפן.

זאָגט ער:

— נו, שוין, גענוג, דאָ איז עס.

לײמענע געסלעך אײנגעטולעטע בארג־ארויף, בארג־אראָפּ; אײנגעבויגענע קי־ביטקעס, אויסגעפּילט מיט טשײכאַנעס, לאַנגנאָזיקע „בוכארער" און פּארביקע האלב־נאַקעטע אוזבעקן. —

„כודזשום".

זיצט א באַוואַקסענער, ברודיקער שמאטע־בונט אויף לײמענעם בריק, טרײסלט אויסגעצויגענע הענט צווישן אײזלען, פּארביקע הויזן פון צניעותדיקע אוז־בעטשקעס:

— שענקט א נדבה!

דאָס איז „כודזשום" און דא זינגען־אויס יידן זײער קבצנות — מיט ווארשע־ווער דיאַלעקט, מיט שאַוולער דיאַלעקט און מיט מינסקער יידיש אויך.

און וואָלף אינדערמיט.

נאר נישקשה: ער גײט צו די לובאַוויטשער חסידים מקבל־שבת־זײן. דארט וועט ער הײסן, אז מען זאָל אים אװעקפירן צו שמעון דײטש. וועט ער עסן, שלאָפן. אזוי האט געזאָגט דער ייד מיטן אײנציקן רויטן אויג, ווען ער האט צוגענומען בײ אים דעם זאַק:

— וועסט זאָגן, אַז מען זאָל דיך אַוועקפירן צו שמעון דײטש.

איז צוגעפאַלן די נאכט א צעפּארעטע, אויסגעפּילט מיט קאָמארעס.

שטײט וואָלף אין אן ענג בית־המדרשל, אײנגעקוועטשט צווישן שווײסיקע יידן. דאווענט. שוין לאנג ניט געדאוונט. מסתמא א יאָר פופצן און אפשר מער.

איז ער צופרידן פון זײן איצטיקן דאַווענען. שרײט ער העכער פון אלעמען, שרײט ער איבער אלעמען:

— לכה דודי לקראת כלה...

קוקן יידן אויף זײנע באוואקסענע באַקן: א ייד פון דער פרעמד. אן אורח. אַ פרומער ייד.

און ער איז הונגעריק, סכנות.

זעצט ער זיך אַוועק אויף א באנק נאכן דאַוונען, וואַרט. אויף וועמען? אַז מען זאָל אים אוועקפירן צו שמעון דײטש.

— הא, וואָס, איז רב שמעון דײטש אײערם א קרוב? — ווילן יידן וויסן.

— יאָ, נײן, — טרײסלט וואָלף ס׳דאשעק־דעכל איבער זײן שווײסיקן שטערן — כ׳דארף צו שמעון דײטש.

קוקט מען מיט דרך־ארצדיקע בליקן אויפן באַבערדלטן בחור, פּארשטײט מען ניט

מיט וועלכן זכות ער וואַרפט אוועק דעם „רב" פונם לובאַוויטשערס קרוב — רב שמעון דייטש.

— מסתמא א בחור פון „הויף" — שושקעט מען זיך אין די ווינקלען.

— א פאַרוואָרפענער פון דער מלחמה.

צאַנקט א ליכטל אויף א באַחלבטן טיש. ווינטשן זיך ייִדן „גוט=שבת". גלעט מען די מזוזה ביים טיר=אַרויסגאַנג.

און אין וואָלפן, ערגעץ טיף אין אים, פּיקט הונגער נאָך א תענותדיקן מעת=לעת, פאַרבן זיך רעדער אַרום זיינע צעעפנטע אויגן —

עעעסן.

ווערט שיטערער אין בית=המדרשל. נאָך א מינוט, צוויי — און ער בלייבט איינער אַליין צווישן פיר טונקעלע ווענט.

האָט אים דער דאַזיקער פּחד א הייב געטאָן פון דער באַנק, א טראָג געטאָ צום טיש:

— נו, ייִדן, ווער פירט מיך צו שמעון דייטש?

— קום, בחור, איך וועל דיך אוועקפירן צו רב שמעון דייטש.

ליגט פאַרוויקלט א שטיק חשכות צווישן שמאָלע דורכגעגנג אין סאַמאַרקאַנ=דער אַלטשטאָט. שלענגלט זיך דער „כודזשום" מיט הייזקעס אינם שפּעטי פריי=טיקדיקן אָוונט.

שבתדיקע מנוחה ביי בוכאַרער און סתם=ייִדן.

— סאַרא שייכות האָסטו מיט רב שמעון דייטש? — וויל וויסן איינער א ייִד, וואָס שפּאַנט מיט וואָלפן איבערן „כודזשום".

ענטפערט וואָלף מיט א פראַגע:

— איז נאָך ווייט צו שמעון דייטש?

— נאָך צוויי טריט.

און שוין.

ליגט א הונט, די גרייס פון אן אייזל, צעשפּרייט אויף דער שוועל נעבן אן איינגאַנג. צעצאַפּלט זיך אויף וואָלפן, אַליץ אויף אים. א שרעק. אזא כלב. באַהאַלט ער זיך הינטערן ייִדס פּלייצע.

זאָגט דער ייִד מיט פּחד:

— דא איז עס.

און וויל אוועקגיין.

נאָר דער הונט לאָזט ניט. צעבילט דעם חלל ארום און ארום. דערפילט וואָלף דעם ווייטיק אויפן קארק, ווו ס'האט געדריקט שמעון דייטשס שווערער זאק. צעשרייט ער זיך הויך, שרייט איבער דעם הונטס קולות.

ביז עס עפנט זיך א טיר־שפּאַרע. ווארפט ארויס פון זיך א העלן ליכט־שיין.

— א גוטן שבת! זאָגט דער ייד.

— גוט שבת! — הילכט וואָלף מיט שרעק.

— צו וועמען דארפט איר? — וויל וויסן א קול פון דער טיר ארויס.

— צו רב שמעון דייטש — ענטפערן ביידע גלייך.

— צו רב שמעון דייטש — אי־הי! שוין לאנג ניט קיין היגער...

און די טיר שלינגט צוריק אריין אין זיך דעם צעהעלטן ליכט־שיין. און דער הונט ליגט ווידער אויף דער שוועל מיט אן אונטערגעהויבענעם קאָפּ, גרייט א וועלט דורם צו זיין.

טראכט וואלף: פע — אָפּגענאַרט.

— יא. אָפּגענארט — טרייסלט דער ייד מיטן קאָפּ.

און ווייס ניט, וואָס צו טאָן מיטן הונגעריקן בחור.

זאָגט ער:

— קום.

און פירט אים אוועק צוריק אין בית־המדרש אריין.

— איצט וועל'ך דיר געבן צו פארשטיין, בחור — זעצט ער אים אַוועק אויף א באנק — אויך איך בין אן אורח און — אין אורח מכניס אורח...

א דומפּיקע דושנעקייט האט איינגעדושעט וואָלפן אינם חלב־געשמאק, מיט וועלכן ס'איז געווען אויסגעפילט דאס לובאוויטשער בית־המדרשל אויף סאמאר־קאנדער „כודזשום".

*

ברויט ווערט באשאפן ניט למראית־עין, צו קוקן דערויף, נאר — צו עסן: קייען מיט די ציין, ווייקן ארום דער צונג, ארויסציען דערפון דעם זאפט און דער־נאך — הנאה האבן פונם ברויט, ווי פון ברויט ממש.

דאס דאזיקע האט פארשטאנען וואָלף.

דעריבער טאקע, האט אים פארדראָסן, פארוואָס אויבן, אויפן קליינעם פענצ־טערל אונטערן סופיט, ליגט א שטיק ברויט און ער קען ניט דערגרייכן דערצו.

ברויט!

חדשים־לאנג, וואס ער טראכט פון דעם מין. אלע זיינע חושים זיינען אויס־געפילט מיט ברויט, זיינען ניט ביכולת אריינצונעמען אנדערע דמיונות: ברויט

אין אוזבעקישע חמימה=טעג; ברויט אין חלום אויף דער באנק אינם קליינעם לו=
באוויטשער בית=המדרש.

ליגט א שטיק ברויט אונטערן באלקן, ליגט הפקרדיק פאר שפינען און פליגן.
זיצט אויף דער באנק א באוואקסענער בחור, פארקוועטשט די האָריקע גאָמבע אויף
א פויסט איבער דער מסכת „ברכות".

און אויבן, הויך איבער אים — אזעלכעס, וואָס ברענגט ארויס שפייעכץ פון
זיינע טיפענישן, שטערט אים די רעיונות.

צי וואָלף איז פארטאָן אין דער ברכה „נטילת ידים", וועלכע קוקט ארויס
צו אים פון די פארגעלבטע גמרא=בלעטער?

ניין.

טויזנט מאָל — ניין.

שוין לאנג ניט געוואשן די הענט, ס'פנים, אלץ, וואָס פארדעקט זיין הוימיק
ביינער=זעקל.

וואָס=זשע זיצט ער איצט איבער דער מסכת „ברכות" ?

כדי רב זוסיע, דער לובאוויטשער בית=המדרש=מלמד, רב זוסיע מיט די לאנ=
גע, בייזע, גראָע ברעמען, זאָל אים לאָזן זיצן אטא דאָ=אָ, אויף דער דאזיקער
באנק.

מער ניט.

וואָרום, ווו זאָל ער זיך הינטאָן אין שוויסיקע אוזבעקישע טעג, בייסיקע,
ווילדע נעכט?

איז זיין פנים פארזונקען אין באָרד און פאות.

דאוונט ער פרום=פרום.

איז רב זוסיע צופרידן:

א יידישער בחור. מען דארף אים מקרב זיין. זאָל ער נעכטיקן אין בית=
המדרש.

נעכטיקט וואָלף אין בית=המדרש שוין א נאַכט פיר.

אויפן „כודזשום". אין סאמארקאנד.

און ווי צוריק מיט א טאָג צוויי, אויך היינט, עסט זיין מוח א גריבלדיקער
ניגון פונם דרדקי=מלמד, וועלכער זינגט=אויס הינטער זיין פלייצע מיט באלעבא=
טימס קינדער, א לאנגן, מאָנענדיקן ניגון:

— זאָגט=זשע, קינדער, זאָגט...

זאגן קינדער אלע גלייך:

— המוציא לחם מממן האארץ...

און בלייבן שטיל.

ווארטן, אז רב זוסיע זאָל צעשניידן דינע המוציא פּענעצלעך, איינטיילן איט־לעכן א פּענעצל.

ווארט אויך וואָלף אן איינגעקנייטשטער איבער דער מסכת „ברכות”. ווארט. געגעצט. און באקומט ניט קיין ברויט־פּענעץ.

שוין קרוב צו א וואָך.

גאר לענגער וועט ער ניט וואַרטן.

קוקט ער, ווי רב זוסיע קריכט ארויף אויפן טיש, דערנאָך אויפן אונטערשטן פענצטער, גרייכט מיט זיין קורץ הענטל צום אייבערשטן פענצטער, לייגט אַוועק דאָרט א שטיק ברויט, שיריים פון די המוציאס.

וואַרט ער:

ס׳וועט צופאלן די נאכט. און דאן? יאָ, דאן וועט ער שוין וויסן, וואָס צו טאָן... און דערווייל בעסט זיך רב זוסיע:

— זיצט א בחור א טאָג, א גאנצן קיילעכדיקן טאָג און גארניט!

— וואָס, גארניט? — הייבט אונטער וואָלף זיין באָרד־און פּאות.

— ס׳הייסט, וואָס גארניט? — צו זיצן אזויפיל שעהן איבערן זעלביקן דף און ניט צו גיין ווייטער...

פארשטייט שוין וואָלף די כוונה פון רב זוסיעס כעסן זיך: קוועטשט די גמרא, קוועטשט זי און קוועטשט פון איר גארניט ארויס...

וואָלט אבער דער מלמד געווען א מכוון כוונות, וואָלט ער גלייך דערפילט, אַז אלע זיינע כוונות זיינען אריינגעטאָן, ניט אין דער מסכת „ברכות”, נאר — אויבן, הויך, אונטערן סופיט, פונוואַנען עס שמייכלט צו אים אראָפּ עפּעס, אַזעל־כעס, וואָס רופט זיך — ברויט...

האט רב זוסיע ס׳דאזיקע ניט פארשטאנען.

איז געווארן איינגעהילט ס׳אייבערשטע בית־המדרש־פענצטערל מיט בין־השמשות.

איז געקומען א נאכט, ווי אלע נעכט:

א צאנקענדיק חלב־פלעמעלע, אויפן עמוד, צייכנט־אויס טונקעלע שאָטנ־צונגען אויף דער דערנעבנדיקער ארון־קודש־וואַנט, שפרינגט מיט זיי איבער א ברעקל סופיט, אנטקעגן דער צעעפענטער טיר, אין וועלכער ווייענדיקע קאַמארעס דערציילן, וועגן א חשכותדיקער נאכט.

און ווי נעכטן, אויך היינט:

רב זוסיע שמעלט זיך אויף די פינגער־שפּיצן פון זיינע קורצע פיס, דער־לאַנגט די ליפּן צו דער מזוזה, רוימט איר איין עפּעס א סוד.

— און

שאַ.

וואָלף ליגט אן אויסגעצויגענער אויף דער באַנק, וואַרט, ביז עס וועלן פאַר־שטומט ווערן די לעצטע טריט פונם בית־המדרש־מלמד.

איצט איז ער באַלעבאָס אינם לובאַוויטשער בית־המדרשל.

איצט וועט ער ארויפקריכן צום אייבערשטן פענצטערל, אָפּשניידן א קיילע־כיקן פּענעץ פונם ברויט...

וואַרט ער, אומגעדולדיק, אויף דער גסיסה פונם פלעמעלע אינם עמוד־לייכטער. וואַרט און קוועטשט צווישן די פינגער א מעסערל מיט א שאַרף קלינגל. באלד וועט עס געשען...

און ס'איז עפּעס געשען:

דורך דער טיר־עפענונג האָט זיך פאַרבייגעשאַרט א שוואַרצע זאַך. א מענטש. א דראָפּע געטאָן באַרוועסע טריט איבער א באַנק. ארויף אויפן טיש, זיך אַוועקגע־לייגט און גענומען פאַרהילכן דעם חלל מיט א האסטיק כראָפּען.

א היימלאָזער אורח, אַזעלכער ווי וואָלף.

איז אים אלצאיינס. וועט ער אָפּשניידן צוויי פּענעצער. אויך פאַר דעם גאַסט.

האָט זיך גערוקט א שעה נאָך א שעה. אנגסטיקע שעהן, אָנגעפילט מיט פּחד. און אויפן טיש וויקלט דער ארייגעקומענער זיין שמאַטע־בונט. רייסט־איבער ס'שנאַרכען אויף א ווײַלע. הערט זיך איין צו זיין באַנק־שכן. איז משעקאַווע צו ווײסן, ווער עס איז דער דאַזיקער.

א תושב אינם לובאַוויטשער בית־המדרשל אויפן „כורזשום". ניט איין נאַכט זיך שוין אויסגעוואַלגערט אויפן דאַזיקן טיש. אַרט עס אים איצט ניט, וואָס עס געפינט זיך נאָך אימעצער מיט אים. ס'פאַרדריסט אים בלויז, וואָס דער דאַזיקער שכן וועט אים שטערן אָפּצושניידן א שטיקל ברויט פונם אייבערשטן פענצטערל. .

און ביידע האָבן זיי זיך שטאַרק געשראָקן פאַר רב זוסיען, מורא געהאַט ער זאָל ניט פאַרשליסן די בית־המדרש־טיר, זיי מער ניט ארײנלאָזן נעכטיקן.

— ווי הייסט דו, האַ? — זעצט זיך אוועק דער ארייגעקומענער אויפן טיש, אינמיטן דער שפּעטער נאַכט־שעה.

— א דאגה, ווי איך הייס — ענטפערט וואָלף א פאַרשלאָפענער — כ'הייס אַז דו זאָלסט שווייגן.

— וואָסי?

— גארניט. לאמירביידע שווייגן.

אבער ביי דעם גאסט, ערגעץ טיף אין אים, צאַפּלט עפּעס. נאָך טעג ארומ־לויפן איבער סאמארקאנדער גאסן, האט אים דער חשק צו ברויט צוריק אהערגע־טריבן אויף דעם בית־המדרש־טיש.

האט ער א זאג געטאָן מיט רציחה:

— שלאָף!

זיינען ביידע געבליבן ליגן — צוויי שווער־אָטעמדיקע, וואַרטנדיק, אַז דער שלאָף זאָל איטלעכן באַזונדער איינדרושען אין דער שווערער, הונגעריקער נאכט.

שטיל.

קיין שאָרך.

איז איצט וואָלף געווען זיכער, אז דער אריינגעקומענער וועט ניט הערן זיין דראַפּען זיך אויפן פענצטער. האט ער אריבערגעוואָרפן איין פוס פון דער באנק, דעם צווייטן. געבליבן הענגען מיט אן אויסגעצויגענער האנט צום שטיק ברויט. אָט־אָט און —

דער גאסט האט זיך א קייקל געטאָן איבערן טיש, זיך איינגעקלאמערט אין וואָלפן.

האט א נאכט זיך געשוואַרצט אינעם חלל פונעם קליינעם בית־המדרשל. האבן זיך געוואלגערט צוויי גופים אויף א צעקרישלט שטיק ברויט. האט דאס צוגעזען די לבנה, א בלאסע, דורכן אָפּגעריייניקטן, אייבערשטן בית־המדרש־פענצטערל.

בלויז פארטאָג, ווען רב זוסיע איז געקומען צו השכמה, האט ער געפונען אן איבערקערעניש אין זיין בית־המדרשל; איז געווען אָפּגעריייניקט ס'פענצטערל פון דעם המוציא־ברויט פאר די דרדקי־קינדער.

איז ער געווען זיכער:

עכברים.

מיין האבן צעשלעפּט, צעקרישלט דעם אָפּגעשפּאָרטן כזית.

פונדעסטוועגן האט ער נאך מעריב אָנגעהאָנגען אויף דער טיר א שלאָס.

ווייל חוץ מייז, זיינע אויך בנמצא מענטשן הונגעריקע, וואָס זיינען להוט אויף א שטיקל ברויט...

*

וואָלף פארשטייט ניט, וואָס אזעלכעס עס איז פּאָליטיק, פארוואָס א וועלט ממיתט זיך.

א מלחמה.

דארף מען געפונען דעם שולדיקן, דעם, וואָס האָט דער ערשטער א שאָס געטאָן מיט זיין ביקס, אים פרעגן —

פארוואָס?

צוליב וואָס?

איז אָבער קיין שולדיקער ניט דא.

איז ניטאָ וועמען צו פרעגן.

איז אים, וואָלפן, אלצאיינס:

זאָל זיך די וועלט איבערקערן. יא. זאָל זי. בלייבן זאָל נאָר גאַנץ דאָס בינטל קשאקעס אין סאמארקאנדער פּאַרק, אָטאָ יענץ גראָז־קופּקעלע, צווישן וועלכן ער באהאלט זיין ביינער־בינטל אין אוזבעקישע נעכט.

מער ניט.

און נאָך עפּעס:

דער גרויסער באזאר אין סאמארקאנד, וווּ ער גנבעט א מייער, אן עפּל, ס'חיות צו דערהאלטן.

גרויסער גאָט! היט־אויס ביידע — דעם פּאַרק און באזאר; היט־אָפּ וואָלפן, ער זאָל האָבן וווּ צו עסן, וווּ צו שלאָפן.

דאָס אלץ.

וואָלף וויל ניט וויסן, ווער עס האָט געגעבן דעם ערשטן שאָס אין דער וועלט אריין.

ניט זיין דאגה.

דערפאר דאגהט זיך מכח דעם דאזיקן זי, די פאני סטעפּא — א הויכע, א שווארצע, א מיאוסע — א סטראַשידלע.

זאָגט זי:

— דו!

וואָלף האָט געגעבן דעם ערשטן שאָס.

איז דאָס דאזיקע געגוג, אַז אויף אים זאָלן ציטערן באָרד־און פּאות, קני און אַקסל.

א קלייניקייט:

צוליב אים, וואָלפן, פאַלן באָמבעס, וויינען מאמעס, ברענט א וועלט!

און ס'האָט ניט קיין פּעולה זיין התנצלות, זיין אויפווייזן דער פאני סטעפּא, אַז ער ווייס פון גאָרניט.

אזוי איז עס.

ער דער וואַרשעווער בחור, האָט געגעבן דעם ערשטן שאָס.

*

וואָלף איז פאַרשריבן אין „פאַראיין פון פּוילישע פּאַטריאָטן", ווו פּאַני סטעפאַ איז ערן־פאָרזיצער. שפּאַנט ער יעדן טאָג פאַרביי טשייכאַנעס, האַלב־נאַקעטע אוזבעקן, שפּאַנט אַוועק צו יענעם הילצערן הייזל, ווו עס זיצט די פּאַני סטעפאַ.

און ארום, ווו א בליק — ארבוזן, קאַווענעס, ווייַנטרויבן, אַזש די לופט איז קלעפּיק. אוזבעקישע זומערס אויף קופּערנע טעלערס. גרינע ביים־פליגן ארום ווייַבע לעפּיאָשקעס.

איז וואָלף מקנא אוזבעקישע רואיקייט. בייסט ער איין די ציין אין א ווייס־געלער שאָל, אַראָפּגעפּאַלענער פון א זיסן קאַוון.

מנוחהדיקע נאָכמיטאָגן אין אוזבעקישע טשייכאַנעס.

אומרואיקע פארמיטאַגן אין וואָלפס טראַכטן:

ווען פּאַני סטעפאַ וואָלט מסכים געווען, אך, ווען זי וואָלט נאָר געגעבן איר הסכמה...

טאַקע דעמאָלט האָט זי א געשריי געטאָן אויף אים, מיט איר מאַנסבילישער שטים:

דו !

און פאַרגעקומען איז עס אַזוי:

א לאַנגע מענטשן־ריי, נאַקעטע אַקסלען, נאַקעטע פיס, שטיין פּנים צו פּלייצע אינם „פאַראיין פון פּוילישע פּאַטריאָטן", קלעפּן ארום א הילצערנער וואַנט, פונ־וואַנען עס קוקט אַראָפּ א פּוילישער סאָלדאַט מיט א ביקס אויף דער פּלייצע. די פּאַני סטעפאַ ביי א טישל אינדערמיט. וואָלף דערנעבן. דער אוויר — אויסגעפּילט מיט שווייס.

שושקען מיילער אין אויערן:

— די פּוילישע קיך גיט־ארויס מיטאַגן.

— יאָ, מיטאַגן.

— אָבער ניט אַלעמען.

— ניט. ווען מען נאָר די פּאַני סטעפאַ הייסט געבן.

האָט וואָלף אַריבערגעבויגן זיין זאַק־העמד איבערן טישל, א שווייס געטאָן מיט נאַקעטע לייב איבערן ערן־פאָרזיצערס נאָז און באַקן:

— איך וויל א מיטאַג.

זיינען די דאָזיקע ווערטער ניט געווען קיין נייע פאַר דער פּאַני סטעפאַ. זיי

חזרן זיך איבער פאר איר יעדע ווײלע. דערויף זיצט זי דאָ, כדי ס'דאָזיקע צו הערן. הונגעריקע מענטשן געבעך. פּוילישע יידן. פּאַטריאָטן. מען דאַרף זיי העלפן. יאָ. דאָס איז איר ארבעט. ניט קיינעמס. א ווילטעטיקע פרוי. טוט־אויף גרויסע זאַכן. ממש וווּנדער. נאר א בייזע איז זי, סכנות. אלע ווייסן דערפון. האבן מורא פאר איר בליק. נאר נישקשה. די צייט איז אזעלכע. מען דאַרף זוכן, מדקדק זיין, וויסן — ווער עס האט פארדינט הנאה צו האבן פון איר רחמנות און ווער ניט.

זאגט זי צו וואָלפן:

— אַ קליינע ווײלע.

און פארשווינדט ערגעץ הינטער א הילצערן װענטל.

קלאַפּן בלעבענע פושקעלעך איינס אָן איינס, קעסעלעך אַזעלכע אין צאַפּלדיקע הענט פון פּוילישע יידן, וועלכע ווארטן אויף אַ פּאַפּירל אַזאַ פון דער פּאַני סטעפּא — אַ פּאַפּירל מיט אַן אויפשריפט:

„ביטע ארויסגעבן א פּאָרציע מיט קאַשע".

ווערט פון רגעס מינוטן. א שעה. שוין. געשלאָסן די פּוילישע קיך. מוז מען אַוועקאיילן אופן סאמארקאנדער באַזאַר. כאַפּן דא אַן עפּל, דאָרט — אונטערגע־בראכענע זייטן פון אַן אוזבעקס שטעקן.

מען טאָר ניט גנבענען.

נאר הונגעריקע בחורים אַרט עס ניט. זאָלן זיי שלאָגן די אוזבעקן, זאָלן זיי. דערפאר אין פינצטערע נעכט, ערגעץ אין פּאַרק, שלעפּט מען ארוים פון זעקעלע פארשידענע מינים ירקות, וועלכע וואַקסן ארום אוזבעקישע קישלאַקעס.

דערכאַפּט מען ס'פארחלשטע הארץ.

גריזשען דאן אלע, אויך וואָלף, גרינע פּאָמידאָרן, ווייסע רעטעכער, ארויסגע־שלעפּטע פון אוזבעקישע קאַסטנס.

איצט, אבער, מוז ער ווארטן. וועט היינט ניט גיין אופן באַזאַר. די פּאַני סטעפּא האט אים עפּעס צו זאגן. שוין ניט ס'ערשטע מאל געווען ביי איר. זי וועט אים העלפן. יאָ. זי וועט.

און זי איז ארויסגעקומען פון יענער זייט ווענטל, געוואָרפן אויף אים א רוגזה־דיקן בליק, געזאָגט:

— גארניט.

— דו וועסט ניט באקומען ביי אונדז קיין מיטאגן.

— דו ביזט ניט קיין פּאַטריאָט.

— דו.

*

פֿאַרשידענע פּאַטריאָטן זיינען פֿאַראַן אויף דער וועלט. מיליאָנען. איטלעכער זאָגט, אַז זיין מלוכה איז די בעסטע, זיין מלך — דער שענסטער. קען מען ניט קומען צו א הסכם. נעמט מען זיך שלאָגן. ווערט א תל פֿון מלוכות.

א מלחמה.

אַזוי פֿאַרשטיין אַלע יידישע בחורים, וואָס זיינען פֿאַרשריבן אין „פֿאַראיין פֿון פּוילישע פּאַטריאָטן" אין סאַמאַרקאַנד דער שטאָט.

דאָס אייגענע פֿאַרשטייט אויך וואָלף.

וואָרום, וואָלט די וועלט ניט געווען אויסגעפּילט מיט אַזויפיל פּאַטריאָטן, נאַר, סתם — מענטשן, וואָלט ניט געווען דאָס, וואָס עס איז.

דאָס דאַזיקע ברענגט ער אַרויס פֿון זיך הויך, אויף א קול. און אַלע זיינען מסכים דערמיט.

בלויז די פּאַני סטעפאַ איז ניט מסכים. פּונקט פֿאַרקערט. ווער ס'איז ניט קיין פּאַטריאָט, דער העלפֿט פֿלאַקערן דאָס פֿייער אויף דער וועלט, דער איז אַזעלכער און אַזעלכער...

טאָר ניט לעבן אויף דער וועלט...

אַזוי זאָגט זי יעדן נאָכמיטאָג אין דער הילצערנער בודע, וואָס געפֿינט זיך אין סאַמאַרקאַנד.

און אַלע, וואָס הערן, זאָגן אויך ס'אייגענע.

פּוילישע פּאַטריאָטן.

זיי באַקומען דערפֿאַר א מלבוש, א שיסעלע מיט קאַשע.

קאַשע — ממש ווייצענע קאַשע.

וואָלפֿס חלום.

איז ער איינמאָל אַוועק צו פּאַני סטעפאַ.

— איך בין א פּאַטריאָט — האָט ער צעטרייסלט ס'באַוואַקסענע פּנים — אוודאי בין איך!

געזאָגט ס'דאַזיקע, האָבן זיך זיינע איינגעשרומפּענע באַקן פֿאַנאַנדערגענומען, אַרויסגערוקט פֿון זיך א שפּיציקן, שאַרפֿן קין אויף ביידע זייטן — טאַנצנדיקע ביינער, גרייט דורס צו זיין.

ס'האָט אָבער ניט געהאַט קיין פּעולה.

וואָלף איז פֿאַרבליבן, צווישן די פּוילישע פּאַטריאָטן אין סאַמאַרקאַנד, איינער פֿון די סאַמע ערשטע מלחמה־אונטערצינדער, ווי עס האָט געזאָגט די פּאַני סטעפאַ —

א פֿיינט פֿון פֿאָטערלאַנד, א פֿיינט פֿון דער וועלט — א היים־פֿיינט.

האט ער ווידער געטאָגט אויפן באזאר, גענעכטיקט אין פּאַרק. האבן ווידער אוזבעקן געשלאָגן, קאָמאַרעס — געביסן אין פינצטערע געבט.

און יידישע בחורים, אַנטלאָפענע פון פּוילן, היימלאָזע אין סאמארקאנד, האבן געלויזט זייערע גופים איבער שטאָטישע אריקן, איטלעכער פאר זיך, אלע צוזאמען, האלטנדיק וואָלפן אינדערמיט.

אַזאַ רחבותדיקע וועלט, אַזאַ ברייטער האָריזאָנט, אזויפיל זון — און ניטאָ קיין פּלאַץ פאר יידישע בחורים, יידישע מיידלעך.

ניין. ניטאָ.

— זאָל־זשע זיין דאס, וואָס עס איז.

— יאָ. זאָל זיין.

אַזאַ פּאַסקודנע וועלט.

וואָלף איז צופרידן מיט זיין היימלאָזער חברותא. שפּאַנט מען, אין קאמפּאַנ־יע, פון פּאַרק צום באַזאַר און צוריק.

וואָכן. חדשים.

און פּאַני סטעפא וויל ניט געבן קיין קאַשע.

האט וואָלף דערויף א טרייסט:

— דאגהט ניט, חברה — בעסער צו זיין הפקרדיקע קבצנים, איידער...

— איידער וואָס?

— איידער קבצנותדיקע פּאַטריאָטן...

— כאַ־כאַ־כאַ! — ענטפערן אלע מיט א געלעכטער — היימלאָזע פּאַטריאָטן..

פלאַקערט די זון איבער סאמארקאנדער רעגיסטאַן. טריקנט דער פּאַרק אַנט־קעגן. קייעט אַן אוזבעק גרינעם „נאַס״. און יידישע בחורים, פריילעכע בחורים, מיט שאַרוועגדיקע קעסעלעך ביי די זייטן, אייזן, הפקרדיק, איבער גאסן און געס־לעך —

א צולהכעיס אלין און אלעמען.

קוקט־ארוים פּאַני סטעפא דורכן פענצטער פון די־פּוילישע פּאַטריאָטן, קוקט אויפן פּוילישן סאָלדאַט, וואָס איז אויסגעמאָלן אויף דער וואַנט, טרייסלט מיט איר מאנסבילישן געשטעל —

אַזאַ באַנדע...

וואָלפן אַרט ניט איר בליק. זאָל זיך אלץ איבערקערן. בלייבן זאָל בלויז דער סאמארקאנדער פּאַרק, דער באַזאר און זיין הפקרדיקע חברה — אַ צולהכעיס דער פּאַטריאָטישער וועלט.

*

— עזרא, וואָס וועט זיין, עזרא?

— א נכפה וועט זיין — ענטפערט עזרא און שפּאַנט זיין וועג.

ארומגעוויקלט דעם אייבערשטן וואַטניק מיט א קופּערנעם דראָט, מיט בלע־בענע פּושקעלעך ביי די זייטן, שטעלט ער באַרוועסע טריט פונם רעגיסטאַן ביז „מכאַטש־קאַלאַ".

א ברייטער. א הויכער. א פּעסטער.

אַזוי זאָגט מען וועגן אים אין סאמארקאנד דער שטאָט.

עזראן אַרט עס ניט.

— א נכפה וועל'ך זיי ארבעטן, יאָ, א גוטע נכפה.

ניט דערפאר ווייל ער וויל ניט ארבעטן, זאָגט ער דאס, נאר — ער קען ניט, איז ניט בכח.

און ס'איז בפירוש ניט אמת, וואָס בייזע צינגער טראכטן־אויס, אַז ער איז געזונט „ווי א קעמל".

אויף זיינע שונאים געזאָגט געוואָרן.

גענוג א קוק צו טון אויף אים, ווען ער לויזט זיך א נאקעטער ביים אריק.

בלויז ביין.

בלויז באָרד.

נאָר וואַטניקעס טראָגט ער אויף זיין גוף דריי — מיט ארבל, אָן ארבל — בייטאָג צו שיצן זיך קעגן דער חמימה, ביינאכט — אויסצופילן די מאָגערע זייטן אין פּאַרק.

און מיט וואָס ער דערהאַלט זיין גוף, עזרא:

מיט א פלייש'קן אייזל־ביין, וואָס עס בלייבט־איבער אין א טעלער אויפן רע־גיסטאַן; מיט קערן־מאנדלען פון אורוק, וואָס וואַלגערן זיך ארום אויף „מכאַטש־קאַלאַ".

דאס אלץ.

ער וואָלט זיך אפשר פארדינגען ביי אן אוזבעק, צו טרייבן זיין אייזל, צו רייסן וואַטע פון די פעלדער.

וועט עס אבער ניט טון.

ווייל זיין פילאָזאָפיש פאַרשטיין ס'לעבן דערלויבט אים ניט.

ניט העגעל, ניט שפּינאָזע, וועלכע ער קען פונאויסנווייניק — זייערע ארײַנ־טראכטונגען בנוגע דעם מענטש און מענטשלעכקייט — האבן אים געגעבן דעם הכשר צו זיין אן אייזל־טרייבער.

ניין.

עזרא האט זיך זיין וועג, וועלכער ליגט צווישן רעגיסטאַן און „מכאַטש־קאַלאַ". —

הויקערדיקע געסלעך, אויסגעשמירט מיט ליים, שטרוי, טרוקענע קיביטקעס און א טרוקענער הימל, וועלכע פארבינדן, אלע צוזאמען, סאמארקאנדער אלט־שטאָט. צווישןביידע — א ראדיאָ־הילכער, וואָס הילכט־אויס, כאָרכלדיק, אוזבעקישע תפילות, ידיעות פון קוקורוזע־און קאַרטאָפל־קולטור.

פילמאַל במשכן טאָג טרעפט:

א פארבענקט אייזל דערקענט זיין חברטע איילן פונם רעגיסטאַן־מעטשעט. פארהאלט ער זיין געלויף ביים ראדיאָ־הילכער. נעמט אויסוויינען זיין נאָגעניש, וועלכעס צעגרילט זיך איבער דאך און הימל. ענטפערט זיין באַשערטע פון עק־גאס צו עק־גאס. ווערן ביידע ראדיאָ־הערער אויף איבערשרייעריש אייזל־שמועס. פארטרייבט מען רייטנדיקן אוזבעק פונם הילכער. — איז דאן שווער צו וויסן, וואָס אזעלכעס דער ספיקער דערציילט, מכח וואָס ר'האט גערעדט ביז איצט.

גיט דאן עזרא צו פארשטיין די נייגעריקע צוהערער מיט זיין חולשותדיקן קול:

— ער האט געזאָגט, מיינע ליבע יידן, אַז פון איין העקטאר פעלד קען מען אַראָפּנעמען פיר... באַמבעס האבן אויפגעריסן אויף... א קעמלס קאָפּ איז אראָפּגעפאלן א ציגל...

לאכט די גאס. לאכט ס'אייזל. לאכן אוזבעקן צוזאמען מיטן ספיקער.

נאר עזרא האלט פארשטעקט זיינע ברודיקע פויסטן אויף ביידע פושקעלעך, וואָס באַמבלען זיך ביי זיינע זייטן.

שווייגט.

דערנאך:

— שענקט א נדבה, יידן, שענקט.

גייט מען זיך פאַנאַדער מיט צעשמייכלטע פנימער אויף עזראן, אויף צעזונטן ארום.

זאגט איינער צום צווייטן:

— אַזאַ ברייטעניש, אזא הויכעניש, אַזאַ פעסטעניש — און גאַרניש, וויל ניש ארבעטן.

טרייסלט דערויף עזרא מיט זיינע פולע באָרד־באַקן. מאַכט ארום זיך אן עיגול, אַוועקטרעטנדיק צום קליינעם באַזאַר, וואָס געפינט זיך צווישן בוכאַרער יידן.

צום „מכאַטש־קאַלאַ".

עזרא פארשטייט ניט דעם טייטש פון די דאזיקע צוויי ווערטער. דערפאר פארשטייען עזראן די טאדזשיקישע יידן, וואָס זיצן די פיס אונטער זיך, אויף צעגלי־טער ערד, ארום זיס־קלעפיקע קופעס קיש־מיש און אורוק.

— מה יקר? — פרעגט ער ביי דעם ערשטן סוחר.

— טוב מאוד! — ענטפערט דער פארקויפער.

און גיט אים צו פארזוכן א ראָזשינקע פון זיין לאַקרעצדיקן קיש־מיש.

אַזוי ביים צווייטן. אזוי ביים דריטן. אומעטום: דאָ א פלוים, דארט — א ירגזון.

עזרא איז אָנגעפילט מיט אמונה. וועט ניט פארבייטן די בוכארער מיט פויליִשע יידן. ניין. בשום־אופן ניט.

בלויז מיט איינעם, א ייד פון ווארשע, מיט אים מאַכט ער עסקים.

וואָלף רופט מען אים.

איז ער, להיפוך צו עזראן — קליין, דאַר, איינגעשרומפן. נאר א באָרד האט ער אזעלכע, ווי זיין חבר. און אויך א בלעכן קעסעלע פארטשעפעט אויף א שטריק ארום זיינע לענדן.

באגעגענען זיי זיך אין לבנהדיקע אָוונטן אנטקעגן דעם מעטשעט, נעבן סאַמארקאנדער פארק.

— ווי איז געגאַנגען דער טאָג?

— נישקשה — ענטפערן ביידע גלייך.

— וואָס האָסטו אין דיינע פושקעס? — וויל וואָלף וויסן.

— מאנדלען פון אורוק און עטלעכע סוכאַרעס.

— פארקויפסט?

— יאָ.

— וויפל קאָסט איינע?

— וואָס?

— א סוכאַרע.

— כ'פארקויף ניט. און וואָס האסטו אין דיין קעסעלע?

— אוזבעקישן קעז.

— טאָ לאָמיר זיך ביַיטן.

— כ'בייט ניט.

ווייל ביידע — סיי די סוכארעס און סיי דער קעז — ביידע געהערן צו דעם מין, וואָס זייַנען ביכולת אויפצוהאלטן זייער גאנצקייט, אין די קעסעלעך, טעג־גאנצע; צו וועקן ביים באלעבאָס די צופרידנקייט פון „פת בסלו": אלע ווײלע

— א בים, א לעק — און מען איז בשעת־מעשה, מכוון, אַז — אָפּגעגעסן, פאַר־שטאָפּט ערגעץ א לײדיק װינקעלע אין מאָגן.

דעריבער האָבן בײדע, עזרא און װאָלף, גיט קײן חשק אָט איצט מהנה צו זײַן אײנער דעם צװײטן, אױסלײדיקן די קעסעלער פון דעם בעסטן, װאָס געפינט זיך אין זײער רשות.

דאָך —

װען די לבנה פאַרקריכט הינטערן הויכן קופּאָל פונם רעגיסטאַנער מעטשעט, װען בײדע חברים קריכן אַרײַן צװישן א בינטל קשאַקעס אין פּאַרק — ראַן הײבט עס זיך אָן.

װאָרום, א צעהאַקטער לבנה־שפּליטער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אינם קעז־קעסעלע, שטעכט, פון דאַרט אַרױס, דעם צעעפנטן בליק עזראס. —

װײַסער קעז, געדיכטער!

— שלאָפסט, װאָלף?

— יאָ, נײן — צעטרײסלט זײַן חבר דעם מידן קאָפּ.

— נעם א סוכאַרע, װאָלף.

קוקט אַראָפּ א יום־טובדיקער הימל אויף פּאַרק און קעז. לעקט א צונג א װײַסן פינגער. קנאַקן צײן איבער שװאַרצן געדרשטן.

— ס'אי גוט?

— ס'אי גוט.

און װאָס װעט זײַן מאָרגן?

איצט האָט עזרא פײַנט מאַטעריאַליסטישע אַרײַנטראַכטונגען. דעם מאַטער־יאַליזם האָבן באַשאַפן פילאָזאָפן, זאָלן זײ זיך באַנוצן מיט אים.

עזרא האָט א יום־טובדיקע סעודה — בלויז גשמיות. בלויז הײַנט.

קוקט ער צו װאָלפן. ער האַלט פאַרװאָרפן דעם קאָפּ אויף א בוים־אָנשפּאַר. איז עזרא צופרידן. לעקט ער דעם קעז פון פינף פינגער מיטאַמאָל. לעקט גיך, אײַליק און, לסוף — איבערגעדרײט ס'קעסעלע אויפן גראָז.

שאַ.

דער הימל איז שטיל. די לבנה — אַראָפּגעקראָכן פונם קעז. פונם גאַנצן אַריק

— א קוואַקענדיק פּלאַסקען פון אָנקומענדיקן וואַסער. א קרעכצנדיק וואַלגערן זיך ערגעץ אויף ווייכן גראָז שטערט די שטילקייט.

מיטנאַכט אין סאַמאַרקאַנד.

דער בלאָער באַגינען שפּאַרט אריין אין פּאַרק צוזאמען מיט עמערם אריק־וואַסער, וואָס עס גיסט דער גערטנער אויף צונויפגעטולעטע פּאָרלעך, פּאַנאַנדער־געוואָרפענע איבערן גראָז.

עזרא איילט אינדערגיך צום באַזאַר. וועט נעמען דאָ א טראָפּן, דאָרט א טראָפּן — און אָנפילן זיינע פושקעלעך מיט אוזבעקישע קעז.

אזוי האט ער מבטיח געווען וואָלפן.

און אזוי שטעלט זיך דער טאָג צווישן רעגיסטאַן און „מכאַטש־קאַלאַ". —

*

טעג, וואָכן, חדשים אינם לעבן פון וואָלפן, — פון די עזראַס, סענדערס, שיעס, מלכהס, — אינם נע־ונד, וואָס האט זיך געצויגן פונם נאָנטן אייראָפּעאישן מערב — דורך הונגער, פּורעניות, קעלט — צום ווייטן, אַזיאַטישן מזרח און צו־ריק... ווהין ? ...

פארטייטשונג פון אוזבעקישע ווערטער און אויסדריקן, וואס ווערן באנוצט אין דעם בוך

א

אוזום — ווייטרויבן
אורוק — פלוימען
אורטאק — חבר
אזמאס — א ביסל
אנאנסקי — זידלווארט
אן־טא גאן — צען גרויטלעך
אפא — מומע
אקא — פעטער
ארבע — פור
אריק — ריגשטאק

ב

באבײַ — אלטער
באלדע — געגוג
ביר יוז איליק — איין הונדערט פופציק
בעי — גיב

ט

טאכטא — ווארט־צו
טוט — זיס געוויקס אויף ביימער
טשאם־פול — וויפיל געלט
טשייכאנע — טיי־הויז

י

יאכשי — גוט
יאמאן — שלעכט
יאנגי — נײַ
יעטטע יוז איליק — זיבן הונדערט פופציק

כ

כודוי — גאט
כודזשום — יידן־פירטל אין סאמארקאנד

ל

לעפיאשקע — ברויט־טייגל

מ

מכאטש־קאלא — פירטל פון בוכארער יידן אין סאמאקאנד

נ

נאן־בער — ברויט גיב
נאן־יאק — ברויט נימא
נאס — טאבעק וואס אוזבעקן האלטן אונטערן גומען
נימשע פול? — וויפיל געלט?
נימא בו? — וואס איז דאס?
נימא דידע? — וואס זאגט ער?

ס

סאאוק — פראסט

פ

פאנאס — שילשול
פול באר־מע? — געלט איז דא?
פול יאק־מע — געלט איז נימא
פלאוו — רייז געקאכט מיט שמאלץ

ק

קאטיק — געדיכטע מילך
קאמיש — שטרוי
קאק־משיי — גרינער טיי
קאראבמשוק — גנב
קאשגאר — יידן־פירטל אין טאשקענט
קוילאק — העמד
קיביטקע — ליימיק הײַזל
קיזינסקי — זידלווארט
קיימאק — פעטע מילך
קיש־מיש — ראזשינקעס
קישלאק — דארף
קעט! — קאטש! — אוועק!
קעטמען — גראב־לאפעטע
קעלמע — קום

ר

ראאיס — עלטסטער
ראכמאט — דאנק
רעגיסטאן — א פלאץ אין סאמארקאנד

ש

שאשליק — פלייש געבראטן אויף דרעטלעך

דערשינען פונעם זעלביקן מחבר:

„די משפחה פינסטער"
דערציילונגען, ווארשע, 1939

„טעג אזעלכע"
דערציילונגען, מינכען, 1948

„אוזבעקיסטאן"
טיפן און בילדער, מינכען, 1949

גרייט צום דרוק:

„פוילישע יידן"
זאמלונג דערציילונגען

Published under EUCOM Civil Affairs Division, Authorization Number UNDP 236

Printed by: Süddeutsche Buch- und Kunstdruckerei G.m.b.H.
vormals Hugo Schank, München